STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10061

GEVEHLTE SHRIFTEN

Morris Rosenfeld

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

MORRIS ROSENFELD'S
SELECTED WORKS :: Vol. II.

געוועהלטע שריפטען

פון

מאררים ראָזענפעלד

צווייטער באנד.

א יאָהר

ארויסגעגעבען פון „פאָרווערטס"
175-173 איסט בראָדוויי
ניו יאָרק, 1912.

אינהאַלטס־פערצייכניס

זייטע

אַ יאָהר.

אַ יאָהר 1
פריהלינג 5
זומער 11
הערבסט 19
ווינטער 27
שנעע און גראָז 33
אַ חזן אָהן אַן עמוד 45
כּפּרות שלאָגען 51
די אידישע פאַמיליע 57
דעם פּערפעסער'ס ווייב 66
צווישען בערגלעך אַש 72
דאָס שרעקענס בילד 77
אַ קאָנצערט פון יתומים 81
אַ געזאַנג צו די לופט־רייזעס אין ניו יאָרק 86
פאַנטאַזיע 91

פון די קעטסקילס.

פון די קעטסקילס 99
אויפ'ן 6פיץ באַרג 104
די קעטסקילס פון דער צוקונפט 110
די סודות פון שטאַל 115
מענער בעלי בית'טעס 120

די שטאָדט און די בערג 125
אַרבײַט 131
פּרעטענזיעס 137
בעגינען אין די קעטסקיל בערג 144
קאַרטען 149
קאַנטרי קאַזינאָס 154

ימים טובים.

משה 163
פּסח'דיגע חלומות 170
צווישען פּושקאַרטס 178
דעם מענשענ'ס שונאים 184
די סוכה 189

סצענעס.

דער באַנקראָט פון צדקה 197
רענט סטרייק 204
טרויעריגע זאַכען 212

לעבענס וויסענשאַפט 221

אַ יאָהר

(פּאָעמא)

פריהלינג

פריהלינג

פריהלינג!

איך פיהל זיין געווירציגען אָטהעם איידער איך זעה זיינע גרינע שלייפען.

ער רעדט צו מיר אין אַ שפּראַך פון בשמים, דער טהאַל־שטראָם כאַפּט איהם אונטער און די ערשטע שוואַלב איז זיין דאָלמעטשער.

ווי אונשולדיג, ווי נאַאיוו זיי זיינען, די יונגע בלעטעלעך!

ערשט־געבאָרענע זויגלינגע אויף דער פולער ברוסט פון דער מוטער ערד, שמייכלען זיי און מיין נשמה שמייכעלט מיט.

זיי האָבען נאָך ניט געפיהלט דעם פערדערבליכען צאָהן פון אָקס; זיי זיינען נאָך ניט געטרעטען געוואָרען פון די אונגעלומפּערטע קלאָוען פון בהמות; דער משוגע'נער ווינד האָט זיך נאָך אויף זיי ניט געבייזערט; די בלינדע, איין־אויגיגע יאָמער־נאַכט — ניט געשאָלטען מיט טויטע קללות; די אַלטע וואָהרזאָגערין, די צייט, האָט נאָך דעם בוים'ס שמעקעדיגע האַנד ניט געלעזען און ניט אויסגעזאָגט דעם סוף פון גרינען.

דער שפּראָצענדער קוסט שמייכעלט פון שלאָף ווי אַ מלאך וואָלט איהם אַ גאָלדענע מעשה'לע דערצעהלט; ווי דאָס פרישע לעבען וואָלט איהם מיט אַ פּאַרפּומירטען פינגער אויפ'ן פּיסקעל געקיצעלט.

די דופּטענדע וואַלד־סיסקע ליעגט נאָך אין שטילען סוד פון „ווערען", עס האָבען זיך נאָך איהרע גרינע צייהנער ניט אויסגעשניטען.

דאָס איז נאָך ערשט דער „אלף בית" פון „זיין". די ערשטע גרינע פּופּציקעס אויף די צווייגען זאָגען אויפ'ן וואונק, אז די ערד

האָט מאַרך און בלוט, אַז די בוים־וואָרצלען האַפּטען אין אַ שוים פון האַפטיגקייט און קוויקונג, זיי זאָגען און ווייסען ניט וואָס זיי זאָגען.

ווי איינפאַך און ווי ערהאַבען!

אַ גרינער, יונגער גרעזעלע, אויסגעשאָסען העכער פון זיינע אַרומיגע פעלד־חברים, וויעגט זיך אונזיכער אין די מילדע אָרעמס פון לינדען פריהלינגס־ווינטעל, פונקט ווי אַ קינד וואָלט זיך געלערענט שטעהן.

אַ הויכער, גרינער באַרג, אַזאַ גיגעלניק און אַזאַ קינד!

דאָס איז די קינדער־צייט פון יאָהר.

אַ יונגער וואַלד מיט אַלטע עופה'לעך.

די האַק איז שוין דאָרט קיין גאַסט ניט. זי האָט שוין טויזענד מאָל געבליצט אין די געדיכטע דונקעלהייט; זי האָט שוין דאָרט טויזענד פּיעניעס געלאָזען. צופוילטע, הוילע פּיעניעס, קערפּערס מיט אָבגעהאַקטע קעפּ; אָבגעהאַקטע פּיס און הענד; אָבגעשניטענע גליעדער, אָבער די נייע גרינע, וואַקסענדע יוגענד פערשטעהט דאָס ניט...

ער געהט, דער פריהלינג, צווישען די פערשניטענע, ווי אַ קינד אויף אַ בית עולם. ער פרעהט זיך מיט די בליהמלעך, ניט ווייסענדיג אַז זיי וואַקסען אויף קברים. ער לויפט איבער די בערגלעך און לאַכט, און ווייס ניט, אַז אונטער די דאָזיגע בערגלעך ליעגט זיין משפחה; ליעגט ער אַליין, זיין פערשטאָרבענער „איך" פון פאַר־אַ־יאָהרען.

איך קוק אויפ'ן שטאָדט־פּאַרק און זעה דאָרט:

אַ שוואַרצער, אומעטיגער פלעק פון פערברענטע הערבסט־בלעטער, וואָס דער גאָרטען־שומר האָט אונטערגעצונדען לעצטען אלול, זיי זאָלען ניט פעראונרייניגען די בעעטען. אַ שוואַרצער שרפה־פלעק און אין מיטען שמייכלען נייע בלעטלעך, נייע גרעזער לאַכען אונשולדיג אַרוים פון דעם פינסטערען צייכען פון פערדערבליכקייט.

אָ, גליקליכע אונוויסענהייט!

איך זעה ווי דער „זיין“ און „ניט זיין“ האַלזען זיך, נעהמען זיך אַרום ווי געליעבטע. לעבען ווייס ניט, אַז ער שפּראָצט אין בוזים פון טוידט און טוידט פיהלט ניט ווי ער פערוואַנדעלט זיך אין לעבען. זיי וועבען זיך איין איינע אין די אַנדערע, און מיר האָבען אַ פריהלינג.

און די נאַטור קוקט זיך דאָס איין און שווייגט, זי זאָגט ניט אויס, בעהאַלט איהר סוד און מאַכט זיך ניט וויסענדיג.

— ביזט דאָ, — מזל טוב! ביזט ניטאָ, — ברוך דין אמת!... און שאַ!

און איך, איך ווייס, ווייס אַלץ און דאָך וואַקסט מיין התפּעלות מיט יעדער נייעם פריהלינג. די פויגעל אַפּלאָדירען מיט די פליעגעל און איך מיט די געפיהלען. יעדער גרינער גראָז רייצט מיין התלהבות, מיין בעגייסטערונג פלאַטערט אין די טהויאיגע קעפּ פון די סאָסנעס. מיט די יעגלעס פרעה איך זיך, מיט די בעלעבטע ווערבעס.

איך האָב שוין באַלד פון פופציג פריהלינגס די ריחות געשלונגען און בין נאָך אַלץ ניט זאַט.

די שעהנסטע אָפּעראַ קען איך ניט שטענדיג הערען; דעם בעסטען ספר — ניט שטענדיג לעזען. אַנדערש איז דאָס מיט דער וואַלד־קאַפּעליע און מיט דער גרינער לאָנקע. איך קען דעם הייליגען בוך מיט די גרינע טאָוולען זיך ניט גענוג אָנלעזען.

אָ, פלאָרא! דו געטין פון די בלומען, וואָס פאַר אַן אייביגען כשוף האָסטו אויף דיינע גערטנער אויסגעוועבט!

זאָגסט קיין מאָל קיין ניי וואָרט אין דיינע שעפּפונגען, די אייגענע זאָרט רויזען, וואָס האָבען מיין זיידען געקוויקט, קוויקען מיך אויך. די גראָזען בייטען ניט זייער פאַסאָן און זייער אַראָמאַט און דאָך דערפרעהען זיי די הערצער פון די מענשען היינט, ווי אַמאָל. איך, שטערבליכער, נור מוז זוכען נייע פאָרמען, נייע געשטאַלטען און נייע טענער.

מיינע גייסטיגע בלומען מוזען שטענדיג בייטען זייערע פאר־בען און בלעטלעך, און ריחות.... מיינע נשמה־פויגלעך, מיינע הארצענס־נאכטיגאלען מוזען טרילערען פון נייע נאטען...

דער מענש וויל דיך דערגרייכען, א, אייביגע נאטור, און אנטלויפט פון דיר, ער וויכט דיך אוים און וויל דיך געפינען. דו געפעלסט אלעמען, דער מענש זוכט צו געפעלען איינצעלנע... דו ביזט ניט דעקאדענטיש, דיין געניוס געהט ניט ארוים פון זיינע גרענעצען. די זעלביגע גראזען און בלומען, און פלאנצען, און דאך האבען זיי די מאגנעטישע קראפט יעדערען צו געווינען. דער מענש נור זוכט און גריבעלט, און בלאנדזשעט, און פער'מיאוס'ט די קינדער פון זיין אייגענעם גייסט. זיינע געזאנגען עסען זיך איהם צו, זיינע שעפפונגען לעבען זיך אריבער און ווערען איהם איבער־דריסיג. ער וויל דיר נאכטהאן און קען דיך ניט, דער פערגענגליכער, וועמעס לעבען עס איז א שפאן, דער שקלאף, וואס איז אונטער־ווארפען אונטער דיינע געזעצען, ער וויל שאפען דאס, וואס דו קענסט ניט, וואס דו ערלויבסט ניט.

איך קוק אויפ'ן בית המדרש, וואו מיינע אמאליגע חלומות האבען געבליהט, איך קוק אויף די פאליצעס מיט די הייליגע ספרים, די הערליכע בלומען פון מיין יוגענד־גארטען, מיין גייסטיגער פריה־לינג, און א בייזע מרה־שחורה בעפאלט מיך. זיינען דאס די פעלדער, וואו מיין נשמה האט שפאציערט? האבען יענע בלעטער געהאט טהוי פאר מיין קינדהייט, באלזאם פאר מיין גייסט, ווארצלען פאר מיין בעשטאנד?

אונגלויבליך!

איך קוק אויף דעם בוים, וואס וויעגט זיך נעבען פענסטער פון דער שטיבעלע, וואו איך בין געבארען געווארען און א חיות געהט מיר דורך די גליעדער. מיר דוכט, אז איך הער נאך ווי יענע קוקאווקע שלוקערצט איהר ערשטען פריהלינגס־גרוס. אט איז דער וואלד און דער טייך, און דער בארג. אט איז דער יאגעדניק און

אַט די פעטע, שוואַרץ־ערדיגע וויזע מיט די אָפענע, וואסער געפּילטע טאַרף־גריבער, מיט די רויטע זשוראַווינעס און זילבער־הויטיגע, יונגע בעראָזעס און פויגעל־בעוואוינטע נעסטען אין בעהאַלטענע, פערפּלאָנטערטע צווייגען.

איז דאָס מעגליך, אַז איך בין שוין דאָרט מעהר ניטאָ און לעב נאָך?

אָט איז די שוואַרץ־אויגיגע, הויך־ברוסטיגע ברונעטקע מיט אַ נאַכט דונקעלע האָאר אויפ'ן קליינעם קאָפּ. זי טרייבט מיט אַ גרינע רוט איהר טאַטענס שעפּסען פון די בערג און זינגט אַ מעלאַנכאָליש־זיסען דאָרף־ליעדעל. די זון זעצט זיך ביים וויטען ברעג פון טייך און דער פריעדליכער אבענד שפּינט אַרום די רוהיגע פישער־שיפלעך.

איז דאָס מעגליך, אַז איך זעה דאָס מעהר ניט און בין נאָך ניט געשטאָרבען?

אָ, היילינער פריהלינג! ווי איינפאַך דו־צענד, ווי רייצענד איינפאַך דו ביזט! איך זוך דיך ניט אַריבערצופליעגלען. מיין מוזע ליעגט ביי דיינע יונגע, מיידעל־פרישע פיס און קושט דעם בלומען־שטויב פון דיינע טריט. פּראָסט און דופטיג ווי דיינע גראָז זיינען מיינע שאַפונגען. זיי ריידען צום האַרץ, צו דער נשמה, און שמייכלען ניט דעם איבערזעטיגטען געשמאַק פון קראַנקע גייסטער.

יונגער פריהלינג, איך בעגריס דיין איינפאַכקייט!

זומער

זומער

עס ברענט דער טאָג פלאם־פייער, פונקט ווי אימיצער וואָלט איהם אונטערגעצונדען.

די זון קאַמט איהרע פייערדיגע לאָקען איבער דער ערד און עס שיטען זיך זשאַר און פונקען.

דער דוב שטעהט אין פעלד ווי אַ ריעז אין אַ תענית, זיינע צווייגען מאַט און דורשטיג.

אַ צוהיצטער זעצט דער בוהאַי איבער די לאָנקעס, בלאָזט מיט זיינע ברייטע, זודיגע נאָזלעכער אין דער קאָכעדיגער לופט און שמייסט מיט זיין שטאַרקען עק די היץ...

די שוואַלב לאָזט זיך אַרויף אין דער הויך, איהרע קליינע פליגעלעך פלאַטערען אין זונשיין ווי זיי וואָלטען אַראָבגעוואָרפען פון זיך דעם ברענענדיגען שטראַהל.

דער באַרג, דער חקרן, האַלט פעררייסען דעם פערשפּיצטען מוח אין דער הויך מיט אַ שטומע שאלה צום הימעל: „וואָס פּרעגעלסטו אַזוי?"

ווי מטושטש שמאַיעט דער זשוק אַהין, אַהער, פּונקט ווי ער וואָלט משוגע געוואָרען פאַר חמימה.

די זאַנגען פערוואַרפען די קעפּ פאַר חלשות, האַלטען זיך קוים אויף די פיס פאַר מיעדקייט. מיט איינגעבויגענע רוקענס, ווי ישיבה־בחורים, נייגען זיי זיך צום טרוקענעם באָדען, זיי הערען פון דעם ווייטען פעלד־גראָבען דאָס בעהאַלטענע גריבלען פון שטילען וואַסעריל, וואָס גנב'עט זיך פאַמעלעך דורך די טהאָלען.

אויף דעם שטויביגען זאַמד־וועג געהט דער עלענדער וואַנדערער מיט צו'שרפה'טע ליפּען. זיין שטעקען איז אַ גליהענדע

קויהל. ער באקט זיך אויף דעם אָפענעם טראַקט ווי אויף א סקאָוו־ראָדע. אונטען סמאַליען איהם די מיעדע טריט און איבען בראָט זיך איהם דער שאַרבען.

דער גאָלדענער שמעטערלינג שוועבט אויף אַ שטיק גלאַנץ, ווי ער וואָלט זיין א טהייל פון איהם, און ביידע לאָזען זיי זיך אַרונטער אויף אַ פערשמאַכטע, אונבעשיצטע פעלד־רויז...

אַלץ איז געזונד, יונג, פול־אָטהעמדיג, נור מיעד, פערמאַטערט פון צופיעל ליכט, צופיעל זון... עס גאַרט אַ קיהלען ווינטעל, עס געהט אוים נאָך א וואָלקען, נאָך א כמאַרע, נאָך א שטיקעל שאָטען... עס בעט זיך אַ קלאַפּ פון אַ דונער, אַ ליאַפּ פון א רעגען, אַ סטראַשען פון א בליץ... אַן אויפרעגונג.

מיט רחמנות און פערצווייפלונג קוקט דער אָרימער בויער אויף זיינע פערזעעטע פעלדער, וואָס ווערגען זיך מיט די אונערבאַ־רעמדיגע תמוז־גלות און קוקען אוים די פלאַמענדיגע אויגען נאָך א טרונק.

גליקליך זיינען די בלויע און רויטע בלימלעך צווישען די קאָרן און גערשטען־זאַנגען, וועלכע בעשירמען זיי פון זומער'ס ברענענ־דיגע פיילען. מיט אַ זון־טשעפּעק אויף די דיקע צעפּ קומט די ליעב־ליכע דאָרפס־טאָכטער און רייסט זיי אוים און בינדט זיי אין א קראַנץ, וועלכער גלאַנצט און שמעקט און פערשעהנט די פרעהליכע אבענד־טענץ פון די יונגוואַרג.

אין שטומע מיהזאַמקייט אַרבייט די מוראַשקע טראָגענדיג א טוידטע פליעג, וואָס אַ שפּין האָט אויסגעזויגען און אוועקגע־וואָרפען... זי ראַנגעלט זיך מיט איהר משא און לאָזט דאָס נים אָב. דאָס לעבען איז קיין קינדער־שפּיעל... אַזוי שלעפּט זי איהר רויב איבער דעם גליהענדען זאַמד, צום גרויסען, הייסען, גימזשענדען מוראַשניק...

דער וואַלד איז שאַ: קיין שעפּטשע פון א בלעטעל. צווישען דעם קוויקענדען שאָטען פון די בוימער פיהרט די ליעבע דער

פאסטושקע מיט דעם פאסטוך צום טיעפען, פערהוילענעם גן־עדן, צווישען די פערפלאנטערטע יאגאדניקעם ווייסען זיי דעם שעהנסטען ארט... באלד וועלען זיי זיין צוריק אויף דער פאשע און טרייבען די שעפסען צום טרינקען, — דער טאג איז א גיהנום.

פון ווייטע, צובראכענע פעלזען רוישט דער וואסער־פאל, מיט א משונה'דיגען טומעל שליידערט ער זיך איבער די מאכיגע שטיינער און קרייטעכער. אבגעמאטערט פון זייער אייגענע היץ שפרינגען די נאקעטע שטראהלען אין די צודרוזגעטע וואסערען און קייקלען זיך מיט זיי אוועק אין טהאל־שטראם, העט אין די וויזען אריין.

ביים זוים פון גאשצינעץ, וואו די פערסאפעטע פערד פאלגען דעם בייטש און די פערשטויבטע רעדער ראלען זיך סקריפענדיג פערביי, דארט הויבט דער שטיינער־האקער דעם שווערען, גליהענדיגען האמער. זיין שוויים מישט זיך מיט דעם צושמעטערטען זשוויר. שטויב, ליכט און פייער בלענדען איהם דעם בליק. זיינע אויפגעקאשערטע הענד — פערברענט פון דעם חמימה־חודש. די צוטרובירטע אדערען — אויפגעטראגען ווי בייטשען. ער האקט און קרעכצט און בעט ביי די זון דערבארמונג, זי זאל זיך אויף א ווײלע בעהאלטען... א רעגען וויל ער, א וואלקען־ברוך...

בארוועס, מיט אויסגערויטיגטע פנים'ער גאלאפירען די קינדער איבער די בערגלעך. זיי לויפען זיך באדען אין דער נאהענטער סאזעווקע ארום וועלכער די וואסער־קוויטען וואקסען. אט שפרינגט ארויס א זילבער־פישעל און עס שפרינגט אריין א זילבער־לייביגער אינגעל און פערשטעקט זיך אונטער דער ווייסער קאלדרע, פונקט ווי די צוויי קליינע קונדסים וואלטען זיך געשפיעלט אין בעהעלטענים.

פון ווייטען שטעהען די דארפס־מיידלעך און סור'ען זיך.

אויף אן אנגעגליהטען שטיין ליעגט צונויפגעדרעהט די דינע גראז־שלאנג ווי א גרינער קנויל און זופט מיט די שפיציגע צונג די חמימה. איהר קען די הימעל'ס־ליכט ניט גענוג דערווארעמען.

איהר גלימצערדיגער גוף איז קאַלט ווי אייז און איהרע קליינע כיטרע אויגען קוקען פערדעכטיג און מסוכן.

זיך וויעגענדיג געהען די שווערע גענז אויף זייערע קורצע פיסלעך, ציהען אויס די לאַנגע חנ'עוודיגע העלזער און מיט אַ געשריי פליהען זיי אריין אין דעם קליינעם טייכעל אויף דער וויזע, שטעקען אריין די שעהנע, קלאָהרע קעפּ אין די קיהלע פליסיגקייט, קעהרען זיך איבער און דערלאַבען זיך.

נור אין שטילען שאָטען פון אַ פערצווייגטע יעגלע זיצט דער איינזאַמער דיכטער אין פריעדליכע רוהיגקייט און בלעטערט מיט זיין בייִנקענדע נשמה דעם גרויסען בוך פון לעבען. די פעלדער, וועלדער און טייכען מיט אַלע זייערע בעשעפעניסען זיינען איהם נקודות אין דעם אונשטערבליכען חיבור, וואָס איז געבונדען צווישען די צוויי טאָוולען — הימעל און ערד.

דאָס, וואָס ער פיהלט און קלעהרט, איז איהם אַ פּירוש אויף דעם, וואָס ער זעהט און הערט: דער פייערדיגער ריעז, דער זומער איז דער קרעפטיגער בחור, פער'שכורט מיט די בעטויבענדע ווייִן פון יוגענד; ער איז דער מענש אין מיטען פון זיין כח־צייט, בראַנדיג אין זיינע פערוועלעניסען, וואָס בעאונרוהיגען די נאַטור און פערברענען אַלע צוימען פון חשק.

בעהערשט פון זיין גאַנצע גלוטענדע צולאַזענקייט: דורכגע־דרונגען מיט די פרישע כחות פון שאַפען; מיט די פלאַקערענדע זון פון האָפנונג און אימפעט, אין רעכטען מיטען פון זיין אונבעפלעקטען הימעל — וואַרפט דער בעל־נצחון, דער רגע־גאַסט, דער מענש, זיינע פייערדיגע נעצען אומעטום. זיין ענערגיע פלאַקערט, זיינע מעשים זיינען שטיקער פייער, עס ברענט די וועלט אין זיין נאָהענטקייט.

אַזוי טרוימט ער, דער זינדער, צווישען די שטערבליכע, און זיין ריינע פאַנטאַזיע פערקניפּט זיך מיט אונענטפלעקטע ספערען.

ער זעהט דעם איבער־געדאנק אין דאָס געוועהנליכע און דאָס גאנצע בעשאף איז איהם א הייליגעס פראכט־געדיכט.

אָ, לאָזט מיך זינגען דאָס ליעד פון זומער, דעם סימבאָל פון אונגעשטערטע לעבענס־פלאַמען, דעם אָבשיין פון מיין אייגענעם פערשוואונדענעם „אמאָל"! זאָל ער ווידער דורכבריקען דורך מיין בלאַסען זכרון יענער קרעפטיגער, צוהיצטער יונגער מאַן, דער זון־מענש, דער „איך" מיינער, וועלכער האָט זיך פערוואנדעלט אין א געבראָכענעם אַלטען. אונטער א שטומע שאטען־יעגלע זיץ איך מיט דעם רויך פון מיינע חלומות, איך האָב שוין אָבגעזומערט... עס וואַרפט די זון איהרע בלאנקע שפיעזען פון אַלע זייטען, איך זעה פיעל בלוטענדע הערצער... מאנכער נארישער שפיעז טרעפט מיך דורך די צווייגען, אָבער ער שפרינגט אָב צוריק; ער אַרט מיך ניט...

דונער, רעגען און געוויטער האָב איך שוין דורכגעמאכט, בין געשטאַנען מיט א הוילע ברוסט אונטער מבול־וואָלקענס, איבער מיין נאַקעטען רוקען האָבען שוין אַלע שטורעמס געשלאָגען מלקות און אין מיין צוריסענעם בוזעם האָבען שוין אַלע פייערען געברענט... וואָס קימערט מיך דער תמוז? איך בין „פייער־פרוף"... אין שאטען בין איך אוועק ניט ווייל איך האָב מורא פאַר די היצען, נור ווייל איך האָב זיי פיינד...

ברען, זומער טאָג! דו מוזט. זאָלען וועלט און מענש דורכגעהן זייערע פייער־טעג, שפעטער וועט דאָס רעגענען!...

הערבסט

הערבסט

די געפאַלענע בלעטער ליעגען הויפענסווייז אויף דר'ערד און דער ווינד טאַנצט מיט זיי דעם טוידטען-טאַנץ איבער די גאַסען.

די פּאַרקס, וועלדער און פעלדער הויבען זיך שוין אָן אויסצו־טהאָן, זיי מאַכען זיך גרייט צו דעם לאַנגען שלאָף, וואָס וועט דויערען דעם גאַנצען ווינטער.

דער שטורם קנעפּעלט פונאַנדער דעם לעצטען בלומען-קוסט, הייסט איהם „לייענען קריאת שמע" און זאָגען „גוט נאַכט צו אַלעמען"....

דער פּאַסטוך געזעגענט זיך מיט זיין סטאַדע און צוזאַמען געזעגענען זיי זיך מיט דער פּאַשע.

די לאַנקע קאַרטשעט זיך איין און דער טהאַל-שטראָם רוישט פערצווייפעלט. ער שטעלט זיך אָב איינער אַליין, ניטאָ ווער עס זאָל בעוואונדערען זיין חלום.

די פויגעל פערפליהען; דער טומעל-טאַנץ פון דעם שמעטער־לינג ווערט ניט, נור די שוואַרצע קראָ(ע הוסט איהר קאַלטען יאוש פון דער לופטען און די גיפטיגע קאַמאַרע שוועבט איבער די זומפּען.

אַך! נור די שעהנע און די גוטע פערגעהען!

די פערגניגענס-גערטנער האָבען מעהר קיין רייץ פאַר די יוגענד. די ליעבע לאַכט ניט אין פערוועלקטע פּלאַנצען.

די קינדער שפּיעלען זיך ניט אויף די גראָז; די יונגע מוטער ווייזט ניט אָהן איהר קינד אויף די בלומען און רייסט ניט אָב פאַר איהם קיין קוויטעל.

דער בוים שטעהט אַ נאַקעטער און שעהמט זיך פאַר זיך אַליין.

דער הערבסט האָט גע'ירשה'נט דעם זומער און דאָס הארץ איז באַנג.

און דאָך איז דער הערבסט ניט דער ערגסטער.

וואָס ער האָט אָבגעראַמט פון די פעלדער, האָט ער געבראַכט אין שייער. ער האָט ניט חרוב געמאַכט די וועלט; ער האָט איהר בלויז „קאָנדענסירט“.

דאָס, וואָס איז פערשוואונדען פון אונטער די גרויסע, אויסגע־שפּרייטע הימעלס־חופּה, געפינט זיך איצט אונטער אַ שינדעל־דאַך און דאָס, וואָס איז געווען צוואָרפען אויף הונדערטע אַקערס לאַנד, איז די פרייד פון איין איינציגער געביידע.

וואָס דער מענש האָט צוזעעט און צושפּרייט, און בעגראָבען אין דעם שטומען באָדען, האָט דער מיהזאַמער הערבסט מיט פלייס צוזאַמענגעקליבען, אויסגעגראָבען און אַוועקגעלעגט אויף אַן אָרט, גרייט און פאַרטיג צו געברויכען.

דער הערבסט האָט דעם זומער ניט בערויבט; ער האָט נור גענומען דעם זומער'ס מיה אונטער זיין שוץ, דאָס זאָל ניט קאַליע ווערען אויף אונבעשיצטע אַקערס.

זיי בערויבען זיך ניט, די פערשיעדענע תקופות פון יאָהר, זיי ארבייטען קאָאָפּעראַטיוו אין דער גרויסער פאַבריק פון דער נאַטור. די אַרבייט איז פונאַנדערגעשיידט אין טהיילען און יעדער תקופה מאַכט נור איהר טהייל, איבערגעבענדיג די פאָרטזעצונג פון איהר מלאכה צו דער צווייטער.

דער פריהלינג גיט איבער זיינע יונגע גרינסען און בעשפּראָצטע פעלדער צום זומער, וועלכער זונט זיי אויס אונטער זיינע פאַרטיגע הימלען און גיט זיי איבער צום הערבסט, ער זאָל ענדיגען און גרייט מאַכען צו פערזאָרגען דעם אַלטען, הילפלאָזען ווינטער, וועלכער איז ניט קיין גרויסער בריה אַליין...

עס איז אַ פאַבריק לויט דעם לעצטען פּלאַן פון אַרבייטס־פערטהיילונג.

ער איז ניצליך, דער הערבסט, ער איז וויכטיג, ער איז

טיכטיג, נור צו פּראַקטיש. ער איז מעהר חבר מיט'ן גוף. דער גייסט קען זיך מיט איהם שווערליך קוויקען.

ער טהיילט אָב דאָס שעהנע פון דאָס ניצליכע און ווייזט אונז דעם קאַלטען פועל יוצא פון אונזערע שעהנסטע חלומות און פאַנטאַזיעס.

דער גרינער בעעט מיט די חנ'עוודיגע, ווינקענדע זאַנגען ווערט אַ סנאָפּ אויסגעדראָשענע שטרוי, אונטערצושפּרייטען אונטער די פיס פון בהמות... די גאָלדענע ווייצענפעלד איז דער בלאָטיגער פוס־דיוואַן פון פערד און אָקסען — מיסט פאַר'ן קומענדען פריהלינג...

אין דעם שעהנעם פולען זאַנג איז ניט געלעגען פערוויקעלט דער סוד פון ליעבע, נור דער קערן פון טעגליכען ברויט, אָנצופילען דעם מאָגען...

דער פריהלינג רעדט פון נאַטור'ס נאַאיוויטעט; דער זומער גיט שוין אָנצוהערען אויף אַ „פּניה“, און דער הערבסט ווייזט דעם קאַלטען, פּראָזאַאישען סך הכל.

די הוילע טרוקענע קערנער אין שפּייכלער קענען ניט בעגייס־טערען ווי דאַן, ווען זיי זיינען געלעגען בעהאַלטען אין זייער פאָטעישען אוצר, בעשפּרינקעלט מיט פּערל און בעשפּיעלט מיט שטראַהלען.

דאָס פער'חלום'טע פעלד האָט דערמאָנט אָן גאָט; דער שייער דערמאָנט אָן בעקער.

דער זומער האָט אַ בלום, דער הערבסט — אַ דרעשער...

אויף די בליהענדע, וואַקסענדע פעלדער פאַנטאַזירען די ליעבע און די האָפנונג און אין שייער רעכענט די ערנסטע בעל הבית'שאַפט. דאָס איז אַ גרויסער אונטערשיעד.

די ערשטע חשבון'ען מיט נשמה; די לעצטע מיט בליישטיפט.

דער זומער האָט אַ הימעל, דער הערבסט — אַ מאַרק...

ער איז אַ בעל הבית, דער הערבסט; אַ בעל הבית און אַ

מעכאניק: ער פערוואנדעלט איינפאכע גראז פון די לאנקעס אין גוטע היי און צושפרייטע זריעה אין נויטיגע לעבענסמיטלען.

ביים הערבסט איז ניטא קיין שעהנקייט אהן ניצליכקייט.

קוים הערט אויף דער בוים צו אטהעמען דורך די בלעטער, רייסט ער זיי ארונטער אוןווארפט זיי אוועק...

ער איז א פראזאאיקער, דער הערבסט, ער האלט קיינעם ניט פון חן וועגען. ער איז א פארעווער געשעפטסמאן און פייפט אויף פאעזיע און פאנטאסטישע התפעלות.

אט טאקע דערפאר ווארפט ער אן אזא אומעט.

שעהן איז געווען די וויזע, ווען זי האט געגרינט און געבליהט, אבער ניט איצט, ווען איהר חן ליעגט ביי דעם פערד אין קריפע... איהרע רויטע, ווייסע, געלע און בלאע בלימלעך זיינען אבגעקאסטעטע היי — טרוקען, שווארץ און צושניטען — פוטער פאר פיער־פיסיגע. די בלימלעך ווערען איצט אבגעשאצט לויט די הנאה פון די בהמות און ניט לויט זייער געוועזענעם צויבער.

דאס פעלד האט גערעדט צו דער זעלע, דער שטאל — צום בויך.

זומער האט דער מענש געהאט א העכערען גענוס פון דער נאטור ווי די בהמה, וואס איז געשטאנען אראבגעלאזט דעם קאפ און געגריזשעט, אין הערבסט זיינען זיי חברים: — ביידע קייען.

דער אקס האט זיך כאטש קיין מאל ניט בעגייסטערט; דער מענש אבער עסט אויף זיינע אייגענע איינבילדונג; ער צוקייט די בלומען פון זיינע אייגענע געפיהלען און שלינגט ארונטער דעם שאטען פון זיין פאנטאזיע.

איך האב דרך ארץ פאר דעם הערבסט; אבער איך קען איהם ניט מוחל זיין זיין פראסטקייט. ער קען געווינען מיין מאגען, אבער ניט מיין נשמה. איך קען מיט איהם ניט ארומגעהן געארעמט איבער די פולע „זאשיקעס“ און לאכען, זעהענדיג, אז מיינע בלומען זיינען טוידט און מיינע בלעטער — געפאלען...

איך ליעב דעם לעבען מיט זיין פולע בליהונג און זיינע טויזענד פליטערלעך און קווייטען, אָבער ניט אַן אויסגעדראָשענעם...

דער הערבסט צופּאַלמעסט די רייצענדע נאַטור, ער גיט מיר איהר גליעדערוויז; איך קען איהר אָבער נור געניסען אין גאַנצען.

די פרישע בריסט פון דער גרעסטער פאַרשוין וואָלטען פער־לירען זייער רייץ און ערקוויקונג, ווען מען זאָל זיי אָבטהיילען פון ווייסען, יונגען לייב. בעזונדער זיינען זיי שטיקער פלייש פאַר אַ קאַניבאַל... די פערל־ווייסע צייהן בעצויבערען, ווען זיי ווייזען זיך דורך צוויי לעבעדיגע, שמייכלענדע, רויזען־רויטע ליפּען, אָבער ניט ביים צאָהן־דאָקטאָר אויפ׳ן פּאָליצע; די פערפיהרערישע לאָקען, בלאָנדע אָדער שוואַרצע, קענען נור פערפלאָנטערען אַ נשמה, ווען זיי שמייכלען אויף דעם גראַציעזען קאָפּ פון אַ שעהנהייט; ווען זיי שפּרייטען זיך איבער אַ ווייסען האַלז, אַ ליכטיגען שטערען און אַ פּאָר בליצענדע אויגען, אָבער ניט ווען זיי זיינען פערוואַנדעלט אין סחורה אין פריזירער׳ס מאַגאַזין. דער ליעבעס־בעכער דער־קוויקט נור ווען מען געניסט איהם דאָרט, וואו די נאַטור האָט איהם בעהאַלטען, צווישען דעם פאַנטאַסטישען פּוץ פון בליהונג און גרעזעלעך און ניט אין דעם סלאָי פון שפּיטאָל אַלס „כאַרטש" פאַר פאָרשונג; שפּייז פאַר טרוקענע גריבלעריי פון דער וויסענ־שאַפט....

איך האָב ליעב דעם גאַנצען לעבען, אָבער ניט קיין צושניטע־נעם; איך ליעב דעם גאַנצען „סטראָנטש", דעם פערמאַכטען „שויט", אויף דעם בליהענדען בעעט, נור דאַן האָט ער פאַר מיר ניט קיין שאָלעכץ און דער בעהאַלטענער קערנדעל איז מיר דאָפּעלט טהייער. דער הערבסט צוטהיילט מיר איהם אין צוויי טהייל. ער שיילט אויס, „לוסטשעט" אויס דאָס לעבען און ווייזט מיר „ד אָ ס איז דיינע און דאָס דער בהמה׳ס... דאָס איז צום געניסען און דאָס אַוועקצואוואַרפען" און גראָד דאָס אַוועקגעוואָרפענע, דאָס „בהמה׳־שע", יאַ, גראַד דיעזער טהייל איז דאָס, וואָס האָט מיך בעגייסטערט.

אָ, ווי שעהן איז דער שאָלעכץ פון לעבען!

דער הערבסט ווארפט איהם אריין ביי דער ציעג אין צעבער...

ער טראָגט אוועק די חנ'עוודיגע בלעטער און ווייזט מיר, אז מיין חלום איז געווען א טרוקענע שטשאָפּע האָלץ...

דערפאר ליעב איך מעהר דעם זומער: ער גיט מיר דעם גאנצען זאנג, דעם גאנצען „שווט", דעם גאנצען בוים, בעלויכטען מיט זונענשטראהלען און בעשפרינקעלט מיט חלומות פון יונגען מאָרגען־טהוי. ער ווייזט מיר די גרינע שמעקעדיגע וויזע אין איהר פולסטען פראכט, אָבער ניט קיין אָבגעקאָסעטע.

דער הערבסט גאָלט אָב דעם בארג'ס בכבוד'ע באָרד, און ווייזט מיר א בלאָטיגען פנים מיט ערד און שטיינער. מיין שעהנסטער, הייליגסטער טרוים: מיין בלומען־שטיינגעל, פאר וועלכען איך האָב אזוי אָפּט מיין הארץ אויסגעגאָסען, געוויינט און געלאכט, שטעהט פאר מיר א הוילער „דראפּאץ"; א בעזים, וואָס קראצט מיר די נשמה.

איך בין א מענש, א גאנצער, לעבעדיגער מענש — קערנדעל און שאָלעכץ צוזאמען... און אזוי וויל איך זעהן דאָס לעבען, אזוי וויל איך אלץ זעהן, אפילו מיין העכסטען אידעאל; אפילו גאָט אליין... איך וויל דעם אמת, די נשמה, צוגעדעקט מיט א שאָלעכץ פון פּאָעזיע, איך וויל דאָס גרויסע און ערהאבענע — דאָס לעבען זאָל מיך אביסעל אָבנארען, זאָל זיין שאָלעכץ, אבי עס איז שעהן...

דער הערבסט האָט דאָס ניט... א קאלטער, רוהיגער, טרוקענער אמת, געוויזען אונטער'ן גלאָז פון א זויערען הימעל און אן אונ־פריינדליכע זון.... אונטערגעיאָגט פון א בייזען, הארצלאָזען ווינד...

אָבגעריסענע, אָבגעשניטענע, און געפאלענע, — זיי צונעהמען מיר דאָס הארץ, זיי ערוועקען אין מיר געוויין און אומעט. איך בעדויער די געפאלענע בלעטער, איך בעמיטלייד זיי אָט וואו איך טרעף זיי, — אין דער נאטור פונקט ווי אין דער געזעלשאפט...

אָ, הערבסט! מערדער פון מיינע חלומות!...

#ווינטער

ווינטער

א ווייסער חלום פאַלט פון הימעל און פערשפּרייט די פעלדער.

א ווייסער אומעט טומעלט אין דער לופטען. א ווייסער טול הענגט איבער דעם צוקנייטשטען פּנים פון דער וועלט.

איך קען אייך איהר ווייסע בלעטלעך!

איהר זייט ניט די, וואָס האָבען געהאַלזט דעם קאַרשען־בוים אין די ליכטיגע יוגענד פון יאָהר. איהר זייט ניט קיין בליהונג...

ווי א בלענד קומט איהר פון דער הויך און צוגעהט אין גאָרנישט.

פּרוכטלאָז זייט איהר, ווי די ווייסע שלוחים פון עלטער, וואָס בעצייכענען די טעג פון יאוש.

נוצלאָז ווי די ווייסע פּודרע אויף די טרוקענע באַק פון א זקנה, אויף וועלכע די צייט האָט שוין מטהר געווען די לעצטע לעבענס־קושען און אראָבגעשווענקט מיט טרעהרען דעם געשטאָרבענעם רייץ פון ליעבע.

שנעעלעך, ווייסע שנעעלעך!

ווי צופּיצעלטע תכריכים פאַלט איהר פון די וואָלקען אונטער די מיעדע טריט פון דעם וואַנדערער; איהר פליהט ווי לויזע שמות פון נאַטור'ס צוריסענעם סדור; ווי טוידטע, ווייסע שמעטערלינגען זינקט איהר מחנות'ווייז אויף אַלע וועגען.

איך בלאָנדזשע איבער אייער טוידטע ווייסקייט און אייער איין־טאָניגער קאַליר טריבט מיר דעם מיעדען בליק.

איהר קומט ניט אַליין, איהר קינדער פון מרה שחורה, איך בעגלייטען די יללות פון צפון־ווינד, איהר אָטהעמט מיט שרעק און לעערקייט, און שרייט ווען לעבען שטעלט אויף אייך זיין פוס...

און דאָך איז מיר דער ווינטער ליעבער ווי דער הערבסט, איך

האָב שוין ניט אויף וואָס רחמנות צו האָבען; וואָס צו זשאַלעווען און איבער וואָס צו וויינען.

עס איז קיין זאַך ניטאָ מעהר סיי ווי סיי...

דער הערבסט איז ארומגעגאנגען ווי אַ פּאָגראָמסטשיק צווישען די אונשולדיגע קרבנות פון די גערטנער און סעדער; איבער באַרג און טהאָל, איבער גראָזען און בלומען, און בוימער. איבער אָפענע קברים האָט ער געשפּרייזט, קנאַקענדיג זיין בלוטיגען בייטש איבער די גוסס'ע....

איצט איז גאָר נישט, נישטאָ.

אפילו די קברים זיינען בעגראָבען, די מצבות בעהאַלטען. דער שנעע ליעגט אין די אויסגעהאַקטע אותיות פון די צוקאָפּענס־שטיינער, איך קען צום מאָל ניט איבערלייענען דעם נאָמען פון די טוידטע.

דער ווינטער איז ישרנות'דיגער ווי דער הערבסט, ער פער־דעקט די קברים און געענדיגט...

אַ גאַנצער טוידט, אַ פאָלשטענדיגע פערניכטונג, אַ פערענ־דיגטע אָבגעמעקטקייט. נאָר נאָך אַזאַ תהו ובהו קען אפשר ווערען אַ נייער בראשית...

איך האָב פיינד האַלבע ארבייט אפילו אין פערלענדונג.

איך געה גיכער אויף אַ בית עולם איידער אין אַ שפּיטאָל פון אונהיילבאַרע קראַנקע...

איך וויל ניט דערפאַר קיין „יענע וועלט". איך ציטער פאַר'ן שכר נאָך מעהר ווי פאַר'ן עונש. פערגעסען וויל איך, אויס, גאָר נישט, אָבגעמעקט און אַ סוף...

איך וויל ניט געגלעט ווערען פון אַ האַנד וועמעס חבר'טע עס האַלט אַ מעסער.

דער ווינטער איז ניט דער מלאך המות, נאָר דער קברן. ער בעגראָבט די הרוגים אויפ'ן שלאַכטפעלד פון לעבען, ער בעהאַלט די מאַרטירער פון צייט'ס פּאָגראָם, ער לאָזט זיך זיי ניט ארומ־

וואלגערען אונטער די אָפענע הימלען, ער לאָזט זיך ניט רייצען די קראָה מיט די געשטאָרבענע בעטען און ניט וויינען דעם שטראהל אויפ'ן טוירטען בלומען־קוסט.

איך זעה אַן אנדער וועלט, א גאַנץ אנדערע: א קאַהגע, אַן ענג־הערציגע, א קליינע. אַט וואו איך קוק לאָזט זיך אראָב דער הימעל. ניטאָ זיך וואו א קעהר צו טהאָן, אומעטום איין קאָליר, וויס, תכריכים־ווייס; ניטאָ קיין פארבען־רייץ, קיין זאַך רופט ניט, לאָקט ניט, נאַרט ניט; אלץ איז אמת — עס איז טוידט....

אָבער מיך אַרט ניט: איך האָב שוין פערגעסען וואָס פריהער איז געווען. דאָס פערגאַנגענע איז פערגאַנגען. קיין סליאַד, קיין שפור. אוועק פון די אויגען איז אוועק פון הארצען...

וואָס? איהר ווייזט מיר אויף די ספעקטען? איהר ווייזט מיר ווי עס שפּראָצט און בליהט, און וואקסט אין די ווארעם־הייזער?... זייט זיי ניט מקנא!

די בלומען, וואָס קנאָספּען אונטער א גלאָז, וואקסען ניט אונטער די זון.

בעסער שטאַרבען אין פרייהייט איידער לעבען אין געפענגניס.

דער פאלשער, בעטריגערישער הערבסט שעכט און וויל בלייבען גערעכט; א רוצח, וואָס טרייסט זיין קרבן, אז ער האָט א לייכטע האנד. דער באַנדיט! אַט צורייסט ער די רויז און אַט גיט ער איהר א זוניגען שמייכעל. דער פאָקוסניק! מיט איין האלבען פּנים קרימט ער זיך און מיט'ן צווייטען האלבען שניידט ער פּאַיאַצען־מינעס. פוי, איך האס איהם!

ער ענטבלויזט דעם בוים און ווינקט נאָך צו איהם, צוטראַמ־פּעלט די ליליע און קושט איהר נאָך... ער פערלענדט ניט אלץ מיט איין מאָל, נור לאַנגזאַם און איינציגווייז: איין בלום לאַכט נאָך און איינע מאַטערט זיך. ער צוקוועטשט די קנאָספּע אויפ'ן ברוסט פון איהר מוטער. — א פּאַגראָמסטשיק!

דאָס איז דער גאַנג פון גראַמילאָס, אזוי טהוען קלעק־נשמות:

זיי טויטען און פערגוואלדיגען די טויטע אין געגענוואַרט פון די לעבעדיגע, די רציחה פערליעבט זיך אין איהר אָפּפער און פערניכ־טעט איהם קושענדיג און קושט איהם נאָך דער פערניכטונג.

דער ווינטער האָט ניט קיין צוויי פּנים'ער. ער איז דאָס, וואָס ער איז.

ער איז שטרענג, האַרט, ערנסט. ער שטעלט אויך אוים אַ נאַכט מיט שטערען, אָבער זיינע שטערען פינקלען נור, זיי קאָקעטי־רען ניט מיט דער וועלט, זיי שמייכלען ניט מיט חניפה און פאַלש־קייט. זיי גלימצערען, ווייל זיי מוזען, אָבער זיי זיינען ווייט און קאַלט, און פרעמד — זיי נאַרען ניט.

און איז דער ווינטער שוין טאַקע דער פינאַל פון נאַטור'ס גרויסע אָוועראַטורע?

האָבען ניט די ווייסע נאָטען אַ פערבאָרגענע מעלאָדיע, וואָס וועקט און מינטערט די ערד צום נייעם געבערען?

דער ווינטער איז צו געזונד, צו קרעפטיג צו שטאַרבען אָהן אַ דור. ער בעשאַפט. זיין פראָסט איז געמישט מיט פייער... ער ברענט.... און וואו היץ דאָרט איז שאַפונג.... אונטער זיין דיקע ווייסע קאָלדרע נעהמט ער אַרום דעם פערשלאָפענעם באָדען, ער אומאַרעמט די שטילע ערד און צואוואַרעמט אין איהר די זריעה פון דעם קומענדען פריה־יאַהר.

ער פערדעקט אַ סך פון מיינע פריידען, דער ווינטער, אָבער אויך אַ סך פון מיינע ליידען: איך זעה ניט דעם גרינעם זאַנג, אָבער איך זעה אויך ניט דעם קבר. דער בלומענשטענגעל איז אַזאַ ווייסער בערגעל ווי דאָס טהרה־שטיבעל. איך זעה זיי ביידען ניט.

איך שטעה אויף'ן בית־עלמין און ווייס ניט וואו איך שטעה. ביי מיר איז רעכט, אַז איך בין אין אַ יונגען וויינגאָרטען און די פערשנעעטע מצבות זיינען די ערשט־פערפלאַנצטע ביימלעך. זיי זיינען פערשנעעט — זעהט מען זיי ניט....

און די אייביגקייט וועבט זיך איןביידע ערטער, אונטער ביידע ווייסע בערגלעך רעגט זיך דער סוד פון לעבען.

שנעע און גראָז

שנעע און גראָז

יונגער שנעע און יונגעס גראָז,ביידע זיינען זיי פריש, אונ־שולדיג; ביידע איבערראשען זיי מיט זייער פלעצליכע ערשיינונג, ביידע זיינען זיי שעהן, פאנטאסטיש שעהן, און ביידע זיינען זיי קאנדידאטען אויף „גאָרנישט“.

איינער פאלט פון הימעל, דאָס צווייטע טוּכט אויף פון אונטער דר'ערד. אויף דער ערד אָבער זיינען זיי גלייכע יחסנים.

דעם שנעע צוטרעט מען באלד, דאָס גראָז צוטרעט מען שפּע־טער — מען צוטרעט זיי ביידען.

און צוטרעט זיי ניט דער מענש, צוטרעט זיי די נאַטור אליין, עס ווענדט זיך וואו זיי זיינען.

איבער'ן גראָז פליענעלט די קוקאוּקע, איבער'ן שנעע פלאַ־טערט די קראָה — ביידע האָבען זיי זייערע פויגלעך...

שנעע און גראָז, ביידע לאָזען זיי זיך דערפיהלען איידער מען דערזעהט זיי.

דער שנעע צולאָזט א קעלט אין דער לופט און דאָס גראָז — א ריח פון בשמים, מען קען זיי ביידען געניסען, ווען מען פערשטעהט און מען וויל.

און דער שנעע איז אזוי ליעבליך, ער קלעפּט זיך, טוליעט זיך צו אלעמען, קריכט אריין אין בוזים, שמייכעלט זיך איין, און בעגלייט יעדען איינעם אין הויז אריין...

אָבער ווי דער שמייכעל און די ליעבליכקייט פון א געפאלענע שטראָסען־וואָגלערקע, דערוואַרעמען דעם שנעע'ס שמייכעל און ליעבליכקייט קיינעם ניט. קיינער וויל דעם גאַסט אין שטוב ניט האָבען. מען טרייסעלט איהם אָב פון זיך ווי א טמא זאַך און זיין

גאַנצע ליעבליכקייט און פריינדשאַפט איז אַ ביסעל שמוציגע וואַסער...

דאָס גראָז אָבער לויפט ניט נאָך נאָך קיינעם. דאָס יאָגט זיך ניט מיט אַ שמייכעל נאָך די שטערבליכע, מען געניסט דאָס נור דאָרט, וואו דאָס איז פאַראַן. דאָס קריכט ניט אַליין אין בוזים, מען מוז זיך איינבויגען צו דעם....

דאָס גראָז, דאָס שטילע, נאַאיווע גראָז רייסט מען אויס, מען בינדט דאָס און מען ברענגט דאָס אַליין אהיים, מען מינטערט דאָס צוריסענע לעבען, נור אָהן אַ באָדען, אָהן טהוי און אָהן זונענשיין געהט דאָס אונטער.

דאָס בלייבט טויט און דאַר, און שוואַרץ, מען צורייבט דאָס אין די פינגער, אַ ביסעל שמעקעדיגע שטויב, מען גיט דאָס אַ שמעק און מען וואַרפט דאָס אַרויס...

אַזוי האָבען זיי ענדליך דעם אַלביגען סוף, — זיי ווערען ניט ביידע —

יונגער שנעע און יונגעס גראָז.

פאַר די קינדהייט האָט דער שנעע פיעל צויבער, פיעל פרייד, פיעל ממשות. דאָס קינד קען פון שנעע מאַכען אַ האַלקע, אַ „מענש", פון גראָז קען ער גאָר ניט מאַכען...

די עלטער נור בײנקט נאָך די גרינע פעלדער, נאָך דעם שעהנעם, דופּטיגען נחת, וואָס איז מעהר ניטאָ.

די הייסע קינדהייט יאָגט זיך נאָך דעם זילבערנעם, בלענדענ-דען שנעע, און די קאַלטע, גליווערנדע עלטער לעכצט נאָך די גרינע זון-צאַצקעס — און ביידע יאָגען זיך נאָך „גאָרנישט"...

אַ ווינטער אין האַרץ און אַ ווינטער אויפ'ן גאַס איז ניט פרעהליך.

איך געדענק נאָך ווי היינט מיין שרעקליכע חרטה אויפ'ן צו-וואַרפען אַ שנעע-מענש, וואָס מיינער אַ חדר-חבר האָט געמאַכט.

דער געפיהל פון צואווארפען האט אין מיר זעהר פריה ערוואכט...

מיין חבר האט זיך געלאזט אנריידען פון שלעכטע אינגלעך און האט מיך אומזיסט געטשעפעט און איך האב זיך געזוכט אבצור רעכענען מיט זיין „קונסט”, זיין שטאלץ, זיין שנעע־פיגור, וואס ער האט אוועקגעשטעלט געגענאיבער דעם בית המדרש...

ער איז געווען דער בצלאל פון חדר. אלערליי שפיעלצייג און קונציגע זאכען פלעגט ער אויסטראכטען און מאכען, און אונז פער־קויפען פאר קנעפלעך, אדער שטיקלעך צוקער־לעקעך. איבערהויפט פלעגט ער זיך איבערנעהמען מיט זיינע שנעע־פיגורען. ער פלעגט זיי אריינלעגען א שטעקען אין די טויטע שנעע־הענד און שרעקען אלע אינגלעך.

איין מאל האט ער אוועקגעשטעלט א שנעע־מענש געגענאיבער דעם אלטען בית המדרש, האט איהם געמאכט פון אן אלטען בעזים א בערדעל, האט איהם אנגעטהאן א יארמולקע אויפ׳ן קאפ און אריינגעשטעקט א קאנטשיק אין די הענד און אן אלטען סידור אונטער׳ן ארעם.

ער האט געוואלט אבטהון א שפיצעל דעם רבי׳ן.

מיך האט דאס פערדראסען.

ערשטענס א געץ נעבען בית המדרש! אזא חלול השם! צווייטענס, ווי מאכט מען דאס חוזק פון רבי׳ן?!... איך האב מיין ארימען, בלייכען רבי׳ן ליעב געהאט. איך האב פשוט געהאט אויף איהם רחמנות... און איבערהויפט דער סידור! צי איך האב געדאווענט צי ניט — דעם סידור האב איך קיינמאל ניט געלאזט בעליידיגען.

און לויפענדיג אהיים פון מעריב, האב איך דעם שנעע־מענש צואווארפען און צוגענומען די יארמולקע מיט׳ן סידור.

עס האט מיר געהאקט אין הארץ ווי ביי א גזלן, מיר האט זיך עפעס אויסגעדראכט אז איך האב גע׳הרג׳עט א מענשען, אז דער

שנעע־גנעץ האָט עפּעס אַ ווערטה. שפּעטער איז מיין חבר געשטאָר־בען און איך האָב אויסגעפונען, אַז אפילו ניט קיין שנעע־מענש האָט אויך קיין ווערטה ניט, און איצט זעה איך אין אַלץ און אַלעמען די זעלביגע יחסנות.

איך קוק אויף דעם קלאָרען שנעע און זעה, איהם אַרט גאָר ניט וואָס שפּעטער וועט זיין. טאַנצענדיג קומט ער ארונטער אויף דר'ערד, ריין און ווייס ווי אַ ערשט־געבאָרענע פרייד, וואָס די וועלט האָט ניט איבערגעשראָקען, לאָזט ער זיך אַראָב אויף די בלאָטיגע גאַסען.

ער איז אונשולדיג, דער יונגער שנעע, ער קומט פון דער הויך ער קען נאָך ניט קיין מענשען־פּיס און ווייס נאָך ניט וואָס עס הייסט צוטרעטען ווערען. ער פרעהט זיך, דרעהט זיך, קארעהאָ־דירט און וואַלצערט אריין מיט אַ האַסט אין שוים פון פערניכטונג.

דאַרף באַטש דאָס גראָז ניט פאַלען, דאָס איז אויך אַ גליק...

דער בליהענדער קוסט ווערט זיין אייגענער קבר. די ווינדען, וואָס רויבען דעם זיסען אַראָמאַט פון די פעלדער און אַנטלויפען, זיינען היימישע גנבים און ערדישע טריט צוטראַמפּלען ערד'ס גליקען. דאָ געבאָרען, דאָ פערלאָרען — ביי זיך אין דער היים.

דער שנעע צוגעהט אין אַ פרעמדע וועלט. אין פרעמדע גראָבענס צורינט זיין קאַלטער לייב ווי טרערען, און פילט אָן און פילט איבער פרעמדע שטראָמען.

וואו אַן אויסגעריסענער גראָז, אַ בלאַט זאָל ניט פערשליידערט ווערען איז עס אַלץ צווישען אייגענע, און וואו דער שנעע זאָל ניט פאַלען איז ער אַלץ צווישען פרעמדע. אויפ'ן שפּיץ פון די אַלפּען אָדער אויפ'ן שפּיץ פון די הימאַלאַיאַס, אויפ'ן שפּיץ צלם פון אַ קירכען־טהורעם אָדער אין די אויסגעהאַקטע אותיות פון די לוחות אויף אַ סינאַגאָגע — דער שנעע איז אַ פרעמדער, ער איז אַלץ דאָרט ניט געבאָרען, ער קומט פון העכער, פון אויבען, פון דאָרט,

וואו מען טרעט ניט מיט מענשען־פיס און וואו דער לופטיגער פלוג פון אדלער לאָזט קיין שטעג ניט איבער.

איך ליעב ניט דעם שנעע'ס קומען. ווען ניט זיין פּראָטעסט, ווען מען טרעט אויף איהם, וואָלט איך איהם פיינד געהאט. ער קומט מיר צו שטיל, צו בנעימות'דיג, ווי פערטאיעט, איך וויים ניט וואָס ער מיינט מיט זיין קומען אהער, אפשר מיינט ער גאָר ניט, פונקט ווי מיר אַלע מיינען גאָר ניט מיט אונזער קומען אהער. מיר קומען וויל מיר קומען. אבער מיר לאָזען זיך הערען, מיר שרייען, מיר געוואַלדעווען ווען מיר פאַלען אויף דער וועלט...

פּראָטעסטירען מיר? פּרעהען מיר זיך?

דער רעגען קומט אויך פון אויבען, אָבער ער לאָזט זיך הערען. ער קלאַפּט אין שינדעל־דאַך, אין פענסטער, אין קוימען, ער זאָגט אָן אַז ער איז דאָ. ער גנב'עט זיך ניט אריין אין דער וועלט ווי אַ נאַכט־דיעב, אָדער אַ נאַש־קאַץ. דער שנעע קומט אויף די שפּיץ פינגער, אויף די „טשיפּקעס“, אַ באָרוועסער קומט ער, מען זאָל ניט הערען זיין אריינגאַנג.

וויל ער דאָס נאָכטהון דעם געבענשטען טהוי, — די שטילע, הייליגע טרערען פון דער בלייכער, קראַנקער לבנה, וועלכע וויינט מיט צערטליכקייט אויף די פערוויעגטע פעלדער?

אָ, ווי גרויזאַם, ווען דער טויט וויל איבערמישען דאָס לעבען!

איך האָב ליעב נאַטור'ס ריידעוודיגע קינדער מעהר ווי איהרע שטומע. איך האָב ליעב צו הערען ווי זיי רעדען, דערצעהלען גאָט'ס סודות פאַר די דורשטיגע נשמות פון די לעבעדיגע.

דער האָגעל איז אויך אַ געפאַלענער, אבער ער רעדט ווערטער. ער זאָגט, וואָס ער טהוט. דער ווינד פייפט און שרייט, אַ שטיפער און אַפּט אַ יונגאַטש, אָבער אָפענהערציג...

דער דונער רעדט אויפ'ן קול. ער רוישט, שרייט, בייזערט זיך, ער שרעקט און וועקט, און וויים אָפט אַליין ניט וואָס ער וויל... דער שנעע אָבער קומט שווייגענדיג.

מען שטעהט אויף אין דער פריה און מען געפינט א טוידטע, פער'תכריכים'טע וועלט....

דאָס גראָז קומט אויך אזוי שטום און שטיל, אָהן לשון, און דאָס שווייגט אפילו ווען מען טרעט אויף דעם... א ערדישע בעשעפענים, איז דאָס געוואוינט דערצו... אבער דאָס גראָז עפּענט אויף אזוי ווייט די וועלט און דער שנעע מאַכט איהר אזוי ענג און קליין, און לאָזט ניט אויפמאַכען די אויגען..

דער שנעע טומעלט און מישט, און בלענדט דעם בליק, איך זעה ניט ווייטער ווי מיין האנד, אָבער דער גרין־בעגראָזטער בארג ווינקט צו מיר פון ווייטען, ער ווייזט מיר דעם „אין־סוף", די בליהענדע, לאַבענדיגע אונענדליכקייט. די ווייסע האָריזאָנטען גליהען אין זון־אונטערגאַנג און די קרוינען פון די פּאַפּעלבוימער גלאַנצען אין גאָלד און בלוי פון די לעצטע אָבענד־שטראַהלען.

און ווי ער נאַרט, דער שנעע!

ער דעקט צו דעם גליטש מיט א ליילעך, מען זאָל איהם ניט זעהן און לאָזט טרעטען אויף סכנות. ווי אַלע געפאַלענע מאַכט ער אַנדערע פאַלען... ווי גיך ער קומט אויף דער זינדיגער ערד ווערט ער פערדאָרבען...

און דאָס גראָז?

פערדעקט דאָס ניט מיט א גרינע קאָלדרע די גיפטיגע שלאַנג, וואָס ליעגט און לויערט אין פערבערגענים? איז דאָס ניט אַן אויפ־האַלט פון ווערים און שפּינען, און אינזעקטען פול עקעל און סם המות.

קיין זאַך איז דאָ בעסער איינס פאַר דאָס אַנדערע, סיידען מיר קוקען אויף דעם אַנדערש ווי מיר קוקען.

דער שנעע מיט'ן גראָז זיינען פון דעם זעלביגען מאַטעריאַל געמאַכט, פון דעם זעלביגען מייסטער דער אויפטהו, פון דעם זעלבען געניוס ערפונדען און צו דעם זעלביגען צוועק און ענדציעל. שנעע און גראָז, דאַכט זיך פרעמדע, אָבער דאָך פריינד. פערשיעדען אין

פֿאַרב, אָבער אײניג אין תּכלית. בײדע ערפֿילען זײ אײן פֿונקציע, װעלכע די נאַטור אַלײן נור װײס, ניט־װיסענדיג װאָס זי װײס.

זײ דיענען דער װעלט, יעדער אויף זײן שטײגער. אַלץ קומט פֿון אײן זאַך און אַלץ איז אײן זאַך. און מענש און װעלט און גאָט איז אַלץ אײנס...

פאַנטאַזיעס און ווירקליכקייט

אַ חזן אָהן אַ עמוד

עס איז נאָך אַ חודש צו די ערשטע סליחות, דאָך איך בין שוין פאַרטיג מיט'ן ראש־השנה'דיגען מוסף.

איך האָב שוין אָבגעזאָגט און אָבגעוויינט אויך.

אין לעבען וועל איך דעם בעל־תפילה ניט פערגעסען און קיי־נער פון זיינע הערער וועלען איהם ניט פערגעסען.

אָהן אַ כאָר האָט ער געזונגען; אָהן אַן עמוד פאַר גאָט געשטאַנען. קיין מחזור פאַר זיך ניט געהאַלטען.

די תפילות זיינען ווי פייערדיגע פויגלעך צום הימעל געפלויגען, וועלטען געוועקט, די מלאכים זייערע פליגעל געסמאַליעט.

גאָט, וואָס פאַר אַ זאָגעכץ!

מעהר פון אַלץ, איך האָב קיין בילעט ניט געדאַרפט, אונ־געשטערט האָב איך מיין „שטאָט" פערנומען. דער גאַנצער עולם איז כמעט אַן אומזיסטער געווען. מען האָט געגעבען אַ מטבע און גענוג.

אָבער געוויינט האָבען אַלע גלייך.

קיינער האָט אין סטענדער ניט געקלאַפּט עס זאָל שטיל זיין אין „עזרת נשים"; עס וואָלט געווען אומזיסט סאַי ווי סאַי.

די ווייבער האָבען געיאָמערט.

ווי שופרות האָבען זיך זייערע זיפצען דורך דער לופט געצווי־גען; ווי תקיעות — זייערע טיפע שלוכצען, ווי שברים־תרועות האָבען די תחנונים דאָס האַרץ צובראָכען.

אפילו די וואָלקענס האָבען געוויינט...

און דער זעלטענער שליח צבור האָט ניט אויפגעהערט זיין אמת־אידישען „שטייגער" פול מיט די מעלאַנכאָלישע מתיקות פון

דעם אַלטען דור דעם פרומען, וועלכער איז שוין איצט ניט מעהר ווי אַן עראינערונג.

און ניט נור איז אונזער פאַרבעטעטער געוועזן אַ חזן אָהן אַן עמוד, נור אויך אַ חזן אָהן אַ שוהל.

דער נאַקעטער הויף, אונטער גאָט'ס בלויע חופה, האָט איהם אַלס „מקום קדוש" געדיענט און מיט אַן אָפענעם, פרייען פנים, ניט אַריבערגעדעקט מיט קיין טלית, האָט ער דער שכינה, דער גאַנצער וועלט גלייך אין פנים געקוקט...

עס איז דאַכט זיך אַ ליכטיגער טאָג געוועזן, די זון האָט געשיינט, דאָך ווען ער האָט אויסגעציטערט „אדם יסודו מעפר וסופו לעפר", האָט זיך דאָס הימעלשע אויג פערדונקעלט; אַן אויפרעגונג איז אין דער הויף געוואָרען און אין דער טיעפער בלוי־קייט האָבען זיך גרויע, אומעטיגע פלעקען בעוויעזען...

זיי זיינען אפשר געוועזן פון פריהער, נור איך האָב זיי ניט בעטראַכט.

דער צווילינג עלענדע יתומים: די צוויי גרינע בוימער, וואָס זיינען זאַנסט שטיל און פערקלערט ביי אונז אין הויף געשטאַנען, האָבען זיך פלוצלונג וויעגען אָנגעפאַנגען, פונקט ווי געריהרט פון בעל מוסף'ס טיעף דורכגעפיהלטען אידישען גוסט.

איך האָב שוין פערשיעדענע אָרימע לייט ביי אונז אין הויף געהערט און געזעהן, זיי האָבען שוין זייער נויט און חרפה אויף אַלערהאַנד אינסטרומענטען געשפיעלט, אויף פיעדלען, האַרפען, קאַטערינקעס, האַרמאָניקעס און פייפלעך, איך האָב אָבער קיינמאָל קיין זילבער־בערדיגען בלינדען אידען, אין די אידישע הויפען, ניט געהערט, קרעכצענדיג די הייליגע תפילות פון ימים נוראים.

דאָס איז דער אָרימקייט'ס נייעסטער אויפטהו.

איך האָב שוין געזעהן ווי דער דלות האָט אויסגעלערענט באָרוועסע פיס פאַנטאַזירען אויף אַ צימבעל; איך האָב שוין געזעהען ווי אַ גרייז־גרויער ניגער האָט זיין אַמאָליגע שקלאַפעריי

און איצטיגען עלענד געזונגען מיט פערשמאכטע ליפען און אויף א פייקעל געקלאפט... איך האב געזעהען צוויי בליהענדע ציגיינער־רינס, קאנצערטירענדיג אויף א טאמבורין, צובליצענדיג מיט די שווארצע, פייערדיגע גיהנום־אויגען און צולייכטענדיג מיט די ווייסע, רייצענדע צייהן, ווארטענדיג מען זאל זייווארפען א גראשען; איך האב געהערט אן אלטע, מאגערע, אירלענדער פרוי מיט ביינערנע הענד זיך פרייענדיג אויף א פיעדעל מיט איהר אירלאנד און זינגענדיג אין שארפע אקצענטען דאס פאטהעטישע ליעד פון אירלאנד'ס ליעבלינגס־בלימעל „שעמראק"; איך האב געהערט ווי גאלדפאדען'ס „שבת, יום טוב און ראש חודש" האט גע'גוסס'ט אין אן אלטע פיעדעל פון א שווינדזיכטיגען קלעזמער אויף א ברודיגען הויף פון שניידער־שעפער.

אה, איך האב א סך געהערט און געזעהן, דאך קיינמאל ניט געהערט און ניט געזעהן אן אלטען סגי־נהור, גלאצענדיג די אויס־געלאשענע אויגען מיט ראש השנה'דיגע תפילות צווישען דעם דומפפען חלל פון ניו יארקער טענעמענטס.

דאס איז געווען פונקט האלבער טאג.

אלע זיינען מיר בעקוועם ביים טיש געזעסען און מיטאג געגעסען, ווען פלוצלינג זיינען די הענד מיט דעם עס־געשיר אין זיי געבליבען אויפ'ן טישטוך, אדער אין דער הויך, מען האט זיך פערטראכט, א וויינענדיגער ימים נוראים־נגון האט זיך דערהערט דורכ'ן פענסטער, וואס פיהרט צום הויף און אלץ איז שטיל געווארען.

עס האט געפלאטערט אן אלטע, הייזעריגליכע שטימע דורכ־געשטרייפט אלע ווילע מיט א זיסען, דינעם, זיידענעם קול'כעל פון א קינד.

— „הנשמה לך" — האט דאס געקלונגען מיט א דורכדרינגענ־דען אידישען וועהטאג און האט אונז אלעמען אין שטוב צונומען — „והגוף שלך" — האט ער ווייטער געקרעכצט — „חוסה על עמלך"...

דער אַלטער האָט זיך צוכליפּעט און מיט איהם דער גאַנצער עולם...

מיר זיינען ניט געווען די ערשטע און איינציגע, וואָס זיינען צוגעלאָפען צום פענסטער אין מיטען עסען, ווער מיט א לעפעל, ווער מיט א גאָפּעל און ווער מיט א מעסער אין האנד. אנדערע האָבען נאָך ניט געהאַט ארונטערגעשלונגען זייערע ביסענס און האָבען זיי נאָך געהאַלטען רוהיג אין מויל, ניט בעוועגענדיג מיט די באַקען. די, וואָס וואָהנען אונטען, זיינען אין הויף אריינגעלאָפען.

א זקן, מיט ווייסע האָר, ווי מילך, מיט א בכבוד'ע, שנעע־קלאָרע באָרד, הויך און שלאַנק — איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן א שטעקען. האַלטענדיג די ביסטרע אויגען אין דער הויך, איז ער „פערגאַנגען" אין רעציטאַטיווען, וועלכע א קליינער, בלייכער אינגעלע האָט אונטערגעכאַפּט מיט א קלינגענדען ביי־קול.

ניט צו אַלעמען האָט זיין מינאָרנער, טרויעריגער „זאָגען" געערדט. יונגע אידיש־אַמעריקאַנישע קינדער האָבען איהם אָנגעקוקט מיט א שמייכעל... א שייגעץ האָט אראָבגעוואָרפען אויפ'ן אַלטען א שטיקעל אָרענדזש־שאָלעכץ, אָבער דער בלינדער בעל־תפילה האָט ניט אויפגעהערט זיינע רחמנות'דיגע געזאַנגען, וואָס האָבען זיך אָבגעשלאָגען אין די קאַלטע, שטיינערנע ווענט פון די מויערען.

ווען ער האָט אָנגעהויבען צו זאָגען „ונתנה תוקף", האָט מען גענומען וואַרפען מטבעות פון אַלע זייטען, וועלכע דער קליינער משורר'ל האָט אויפגעהויבען. דער אַלטער אָבער האָט זיך ניט איינגעהערט צום קאַלטען קלאַנג פון ערדישען מעטאַל און געטהאָן דאָס זייניגע.

די נדבות, זעהט זיך, האָט בלויז זיין נ ו י ט גענומען; ער אַליין האָט „געדאַווענט" אומזיסט...

די עלטערע פרויען האָבען געשאָקעלט מיט די קעפּ און געווישט די טרערען, אָבער די יונגוואַרג, וואָס איז געקומען פון די פאַבריקען

און געשעפּטען איינשלינגען זייער מאָהלצייט, — זיי האָבען אין דער גלות־סצענע קיין אינטערעס ניט געפונען. זיי זיינען צוגעלאָפען צום פענסטער און באַלד פערשוואונדען...

זיי פערשטעהען ניט קיין לשון קודש, קענען ניט דעם איד און זיינען פרעמד אין זיינע געבעטען.

— דאָס איז אַ חוצפה! — האָט מיין פרומער שכן פּלוצלונג אויסגעשריען — אַ ביטערע חוצפה צו זינגען „ונתנה תוקף" אין אַ „יאַרד"; אַן אַלטער איד זאָל בעגעהן אַזאַ חילול השם!

— הונגער און גלות, מיין פריינד! — האָב איך געזאָגט — הונגער און גלות צווינגען איהם דערצו. בעסער זינגען „ונתנה תוקף" אין די גאַסען איידער גנב'ענען. פערגעסט ניט, אַז דער „ונתנה תוקף" האָט אַ „מי יחיה", אָט אויף דעם דאָזיגען „מי יחיה" וויינט די גאַנצע מענשהייט אויפ'ן גאַס און אין הויז, אויף ים און יבשה.

אַ נשמה אָנגעפילט מיט די פלאַמענדע אַקאָרדען פון „כל נדרי" וועט קיינמאָל ניט פערגעסען, אַז זי איז אַ אידישע; אין דער הימעלשער אָפּעראַ פון דער מוסף'דיגער שמונה עשרה צווישען „מלכיות, זכרונות און שופרות" טאַנצט מען ניט קיין סאַלאָמע טענץ, די ליעבע־ליעדער צו דער שכינה בעגייסטערן ניט צו מאָרד אויס אייפערזוכט...

— אָבער הייליגע ווערטער אין דרויסען! — האָט מיין שכן זיך שרעקליך געערגערט.

— וואָס דען? טריפה ווערטער ווילט איהר? — האָב איך אויסגעשטורעמט — קנאָפּ „טריפה" איז דאָס גאַנצע לאַנד? קנאָפּ טריפה דאָס לעבען; דער גאַנצער ווילדער, אונמענשליכער געטומעל? אָה, לאָזט איהם! לאָזט איהם, דעם בלינדען אביון, זינגען אַ אידיש וואָרט אין די הויפען! עס וועט אוועק נאָך אַ דור און מען וועט דאָס מעהר ניט הערען...

מיין שכן האָט אַ מאַך געטהאָן מיט'ן האַנד האַלב אונצופריעדען, האָט אַראָבגעוואָרפען אַ מטבע און איז אַוועק...

איך בין אָבער געשטאַנען אין פענסטער און געקוקט. מיין אויער האָט געזויגען דעם אומעט פון די הייליגע מעלאָדיען און מיין בליק האָט געוואַנדערט צווישען די בלינדע אויגען, די ווייסע באָרד און דעם שוואַרצען שטעקען.

איך האָב זיך דערמאָנט אָן דאָס גאַנצע אידישע פאָלק, וואָס איז אַ חזן אָהן אַן עמוד...

כפרות שלאָגען

מיין ערב יום כפור'דיגער חלום.

„אַ חלום איז אַ נאַר
און גאָט איז אַ האַר.“
(אַ פאָלקס ווערטיל).

איך וועל קיינמאָל ניט פערגעסען מיין ערב יום־כפור'דיגען חלום:

איך בין, דאכט מיר, אויפגעשטאַנען בעגינען מיט דעם קרעה פון דעם האָהן און האָב באלד אויפגעוועקט מיין „אידענע“ — שטעה אויף כפרות־שלאָגען!

זי איז אויפגעשטאַנען.

איך האָב געכאַפּט און געבונדען דעם ווייסען האָהן, וואָס האָט מיך אויפגעוועקט און מיין ווייב האָט געטהאָן דאָס אייגענע מיט די ווייסע הוהן.

מיר האָבען אָבגעזאָגט „בני אדם יושבי חושך“... האָבען ארומ־געדרעהט די געבונדענע ארום אונזערע קעפּ און זיי איבערגעגעבען צום שוחט — ער זאָל זיי טהאָן זייער רעכט.

א בלאַנקער קלינג האָט א בליץ געטהאָן אין דער לופטען און איך האָב דערהערט א ברכה...

באלד האָט א שטראָם רויטעס בלוט בעגאָסען דעם ווייסען שטאָלצען האָהן, וואָס האָט ערשט ניט לאַנג אזוי הויך און מוטהיג געקרעהט...

ער האָט זיך נאָך אפילו פּרובירט צו צאַפּלען, האָט מיט גסיסה־שמערצען אויפגעהויבען די פערבלוטיגטע פליגעל אין דער

הויף... פערזוכט א פליה צו טהון ארויף... איז אָבער באַלד געפאַלען מיט א קלאַפּ צו דר׳ערד.

דער שוחט, מיט דעם בלוט־טריפענדען חלף אין די ציין, האָט ארויפגעשטעלט זיין אונריינעם שוך ביי דעם גע׳שחט׳ענעם אויפ׳ן האַלז... דער קרבן האָט אויסגעשטעלט א פּאָר גלעזערנע אויגען, דער רויטער, הויכער קאַם איז געוואָרען פריהער בלוי, נאָכדעם בלייך ווי קאַלך...

דער העלד פון די עופות, דער וועקער און רופער איז געווען טויט... אנטקעגען איז געלעגען אין אַן עהנליכען צושטאַנד די כפרה פון מיין ווייב: א שעהנע הוהן מיט קלאָר־ווייסע פעדערען ווי מילך, וואס האָט ערשט ניט לאַנג געריימט די ליעבע פון איהר געקוילעטען פריינד און פערשפּראָכען א יונגען, פרישען דור מיט נייע הינדעלעך און הענדעלעך — איז געלעגען אויף דר׳ערד און זיך געוואָרפען אין א טייך וואַרעמע בלוט, צומישט מיט בלאָטע...

דאָס הארץ האָט מיר פערדריקט און איך ווייס ניט פאַרוואָס איך האָב א קוק געטהאָן אויף דעם אומעטיגען, ערב יום־כפור׳דיגען הימעל... א געלעכטער האָט מיר אריינגעשאָסען פון אויבען גלייך אין פּנים אריין...

איך ווייס ניט ווער דאָס האָט געלאַכט, איך ווייס נור, אַז איך האָב מיך געשעמט די צוויי געקוילעטע עופות צו בעריהרען, עפּעס איז מיר געוואָרען אונהיימליך.

שפּעטער האָב איך זיי געזעהן אָבגעפּליקטע, צושפּאַלטען איבער העלפט, כשר״ געמאַכט און אריינגעלעגט אין א טאָפּ קאָכעדיגע וואסער.

— פיינע כפרות, — האָט מיין פרוי בעמערקט — אָנגעגאָסען מיט שמאַלץ, מען וועט הנאה האָבען... פיינע כפרות...

— פיינע כפרות!... האָב איך פּלוצלונג דערהערט ווי אימי־צער מישט איבער מיין ווייב׳ס רייד, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז מען רעדט דאָס פון טאָפּ...

איך האָב אַ שמייכעל געטהאָן פון מיין פערדאַכט. טויטע רעדען ניט; געקוילעט איז געקוילעט...

דער ערב יום־כפור מיט זיינע טרערען־שווערע מינוטען איז אַלץ קאַלט און אומעטיג געקראָכען ביז עס איז געקומען די צייט פון פערפאַסטען. דאָס הויזגעזינד איז געזעסען אַרום דעם געדעקטען טיש; מיין טויטע שוויגער איז, דאַכט זיך, אויך געווען אין מיטען. מיר האָבען איינגעטונקט די המוציא'ס אין האָניג און געגעסען. די גרעסטע המוציא מיט האָניג האָב איך געגעבען דער שוויגער...

מיר האָבען געגעסען עטליכע געריכטען. איך האָב אָבער קיין הנאה ניט געהאַט, ווייסענדיג, אַז מען וועט דערלאַנגען די כפרות... אַן אונפערשטענדליכער, אונערקלערליכער שרעק און עקעל האָט מיך אַרומגענומען; עפּעס האָב איך די טויטע עופות ניט געוואָלט זעהן. האָבענדיג אַ פולע האַרץ מיט חרטה אויף מיינע חטאים פון אַ גאַנץ יאָהר, זיך קלייבענדיג אַרויפצולעגען די הענד אויף מיינע קינדער און זיי בענשען, האָב איך ניט געוואָלט זעהן מיינע קרבנות פאַר מיינע אויגען.

אָבער דאָס ערוואַרטעטע איז געשעהן.

צום ערשטען האָט מען אַרויפגעבראַכט דעם האָהן און באַלד דערנאָך די הוהן.

איך האָב אָבגעקעהרט דעם קאָפּ.

ווען איך האָב ווידער אַ קוק געטהאָן אויפ'ן טיש, האָב איך געזעהן ווי די פערשיעדענע טהיילען פון מיין טויטען קרבן הויבען זיך אָן צו ריהרען, ווי זיי וואַקסען געשווינד צוזאַמען. דער גאַנצער האָהן איז פּלוצלונג געשטאַנען אַ נאַקעטער אויפ'ן טעלער.

ער האָט האַסטיג אַ פּאַטש געטהאָן מיט די הוילע, הייסע פליגעל, און אויסציהענדיג די האַלז, פון וועלכע עס האָט געפּלייצט בלוט, האָט ער אויסגעקרעהט אַ מין „שברים תרועה“, אַז איך בין געבליעבען פערציטערט.

גלייך איז אויפגעשטאַנען די טויטע הוהן און גענומען רופען איהרע הינדעלעך און שאַרען מיט די פערבלוטיגטע פיסלעך צווישען די המוציא־ברעקלעך...

איך האָב געשווידערט און זיך צושראָקען צוגערוקט צו מיין טויטע שוויגער, וועלכע איז געזעסען אין תכריכים און געשעפּט מיט אַ מענשליכען שאַרבען די פעטע כפרה־יאָויך און געטראָגען צו איהר ביינערנע מויל, קלאַפּענדיג מיט איהרע טרוקענע יאַסלעס: „אַ מאכל"...

דער האָהן איז אבער אַלץ געשטאַנען און געקוקט מיט זיינע צוויי לעבערדיגע אויגען, פון וועלכע עס האָט געזעצט אַ פּאַרע מיר גלייך אין די אויגען אריין.

עס האָט מיך אויפגעבראַכט און איך האָב געכאַפּט דעם המוציא־מעסער און איהם געוואָלט דערלאַנגען איבער'ן קאָפּ, אבער ער האָט אויסגעמיידט דעם קלאַפּ און, עפּענענדיג דעם פערבלוטיג־טען שנאָבעל, האָט ער אויסגעשריען:

— מערדער!

— מערדער! — האָט באַלד אונטערגעכאַפּט די הוהן.

אַ קעלט איז מיר געלאָפען דורך די ביינער.

— מערדער! — האָט דער האָהן ווייטער געשריען — וואָס האָסטו געהאַט צו מיר? וואָס האָב איך דיר געטהאָן, וואָס דו האָסט מיך אומגעבראַכט? האָב איך דיך אַליין ניט אויפגעוועקט צו עבודת הבורא? פלעג איך ניט וועקען דיין גאַנצע הויז־געזינד, זיי זאָלען ניט פערשלאָפען און זאָלען אויפשטעהן צו דער צייט?... מערדער! אום ערב יום־כפור האָסטו מיך אומגעבראַכט...

עס האָט מיר געוואָרפען הענד און פיס.

— מערדער! — האָט ווידער געכאָרכעלט די גע'שחט'ענע הוהן — איך האָב דיך ביי דיין זינדיגען לעבען דערהאַלטען מיט מיינע צייטיגע און אונצייטיגע קינדער... די האָסט געפרעסען מיין אונגעבאָרענע פרוכט, האָסט זיי מיר פון לייב געריסען... איך פלעג

זיי דיר, זינדיגער, אָבגעגעבען. און אין דיין היילִיגסטען טאָג פון יאהר האָסטו מיך געקוילעט. וואָס בין איך שולדיג אין דיינע זינד? האָב איך דיר ווען געהאָלפען ליגען זאָגען, פאַלש שווערען, אָבנאַרען דיינע מיט־מענשען און פערטומלען אַ וועלט? וואָס בין איך, אָרעמע, אונבעהאָלפענע הוהן, שולדיג אין מענשליכע עולות?

— פאַרוואָס שלאָגט איהר, מענשען, קיין כפרות מיט אַ לייב, אַ טיגער, אַ וואָלף, אָדער אַ לעמפערט? פאַרוואָס כאַפּט איהר ניט אַ שלאַנג און דרעהט זי ניט ביי זיך ארום קאָפּ? פאַרוואָס שלאָגט איהר ניט קיין כפרות מיט די בלוטיגע, גיפטיגע און שלעכטע? וואָס טשעפּעט איהר זיך, מערדער, צו אונז, אונבעשיצטע עופות, און קוילעט אונז פאַר אייער רשעות? וואָס פאַר אַ גאָט האָט איהר, וואָס פערלאַנגט, אַז איהר זאָלט אָבוואַשען אייער נידערטרעכטיג־קייט מיט די ריינע בלוט פון אונשולדיגע? וואָס פאַר אַ ברואים זייט איהר, וואָס האָבענדיג חרטה אויף אייערע זינד, ווילט איהר זיי נאָכדעם אויפעסען און פון זיי הנאה האָבען? איהר ווילט זיך צוויי מאָל קוויקען מיט די חלב פון אייערע פערברעכענס. און אויס־געקליבען האָט איהר פאַר אייער דאָפּעלטע עולה דעם טאָג, אין וועלכען איהר בעט אַ מחילה אויף אייערע זינד, אַ כפרה אויף רשעות.

— מערדער! — האָט אויסגעקרעהט דער האָהן — מערדער! דערפאַר, וואָס איך האָב דיך געוועקט האָסטו מיך געשלאָגען פאַר אַ כפרה. קרעהען וועל איך פאַר בית דין של מעלה און פרעגען אויב גאָט וויל דאָס, אויב ער איז צופריעדען מיט דעם שוחט׳ס חלף?... מיין ניט, דאָס ווייל דו האָסט מיך גע׳הרג׳עט און אָבגעקאָכט, האָסטו מיך שוין פערניכטעט! ניט דו האָסט מיך בעשאַפען, ניט דו קענסט מיך אין גאַנצען אומברענגען; און האָסטו מיך פער־צעהרט, דאַן לעב איך אין דיר. דיין געשריי צו „כל נדרי“ איז געמישט מיט מיינעם. ווען דו וועסט וויינען, וועל איך מיטוויינען,

יאָ, מיטוויינענדיק זיך בעקלאָגען אויף דיר, אויף דיין מאָרד אין נאָמען פון דיין אמונה...

אזוי ריידענדיג האָט דער האָהן דערלאַנגט אַזאַ קרעה, אַז איך האָב מיך אויפגעכאַפּט.

ווען איך בין אויפגעשטאַנען זיינען שוין געלעגען געבונדענע עופות גרייט צו שלאָגען כפרות, אָבער צו מיין הויז־געזינד'ס איבערראַשונג האָב איך פונאַנדערגעבונדען די אָרעמע עופות און זיי אַוועקגעלאָזט.

— וואָס טהוסטו, פּאַפּאַ? — האָט מיר מיין קליינע מיידעלע געפרעגט. — ווילסטו ניט שלאָגען כפרות?

— ניט מיט אונשולדיגע בעשעפעניסען! — האָב איך שטרענג געענטפערט — זיי זיינען ניט שולדיג אין אונזערע זינד.

— טאָ מיט וואָס וועלען מיר שלאָגען כפרות?

— מיט געלד!... — האָב איך געענטפערט — יאָ, מיר וועלען שלאָגען כפרות מיט געלד, ווייל נור דאָס פערדאַמטע געלד איז שולדיג אין אַלע אונזערע פערברעכענס...

די אידישע פאַמיליע

זיי זיינען עלטערע, אידישע מענשען פון „דער היים“, אידיש־ריידער, שוין איבער אַ פערטעל יאָהרהונדערט אין אַמעריקאַ, כמעט די ערשטע אידיש־רוסישע אימיגראַנטען. זיי וואוינען די גאַנצע צייט אין דעם ניו יאָרקער אידישען קוואַרטאַל פון דעם אונטער־שטען טהייל שטאָדט, די „איסט סייד“.

ער איז אַ מאַן מיט אַ גרויסע, בכבוד'ע אידישע באָרד, וואָס מאַכט איהם אויסזעהן ווי אַ כהן גדול און זי איז אַ ציכטיגע אידישע בעל־הבית'טע אין אַ ריינעם, ברייטען, שווארצען, גלאַנציגען האָר־שייטעל, פון וועלכען עס שפּיגעלט.

אין דער אידישער גאַס, וועלכע זיי האָבען דאָ געהאָלפען שאַפען און אין וועלכע זיי זיינען אַלט געוואָרען, האָט מען זיי בעטראַכט פאַר אָנגעזעהענע, אידישע מענשען פון דעם אַלטען דור. אין זייערע אינטימע קרייזען זיינען זיי גאָר געווען די אויבער־שטע פון שטויסעל.

אַ קליינינקייט·מיסטער און מיסים ליוואי!

איהם אין שוהל די שעהנסטע עליה, איהר אין עזרת נשים — דעם רעכטען אויבענאָן און זיי פלעגען זיך טאַקע אַמאָל, ווען זיי זיינען רייך געווען, לאָזען קאָסטען אויף דער שוהל אַ שעהנע מטבע.

מיסטער און מיסים ליוואי זיינען אָבער אַמאָל יונג געווען און האָבען געבראַכט אַ דור אויף דער וועלט, און אָט דער דור זייערער, כאָטש געבוירען און ערצויגען אין אידישען קוואַרטאַל, האָט געוואָר־פען אויף דעם קוואַרטאַל אַ בעזען „אום־חן“, געשפּיט קלעק אויף אידישע גאַסען און דוקא געצוואונגען די עלטערן אוועקצוציהען אין אַ „שעהנערען געגענד“, וועלכער איז·ניט „אידיש“ נור „אַמע־

ריקאַניש", „קריסטליך" און „אידישע פּנים'ער וואַרפן זיך ניט אַזוי שטאַרק אין די אויגען"...

די אַלטע לייט פּלעגן אויסהערן די דאָזיגע טענות פון די קינדער מיט האַרץ־קלאַפּונג, מיט יסורים. זיי פּלעגן זיך פאַרהערן מיט די בנים; זיך פשוט קריגען מיט זיי. איבערהויפּט פלעגט זיך ערגערן דער אַלטער מיסטער ליוואַי ווען איהם פלעגט אַריינפאַלן אין מח די ערנסטע קשיא: „סטייטש, אַן אַלטער איד מיט אַ גרויסע אידישע באָרד צווישען גוים"? וועלען זיי איהם דאַרט ניט טשעפּען? ניט נאָכשרייען דעם שענדליכען נאָמען „שיני", וואָס די אַמעריקאַנער אַנטיסעמיטען האָבען אויסגעקלעהרט פאַר אידען? מה דאָך זיי טשעפּען איהם אָפּט אין זיין אייגענעם קוואַרטאַל, מען קען זאָגען ביי איהם אין הויז, טאַ ווי וועלען זיי איהם שוין נאָכשרייען און נאָכוואַרפען מיט שטיינער אין ז י י ע ר ע גאַסען, ביי זיי אין דער היים?

די באָרד איז געווען ביי מיסטער ליוואַי אַ טהייל פון זיין פערמעגען, דער גרעסערער טהייל דערצו. אחוץ דעם וואָס זי האָט פערציערט זיין הויכען, פול־געוואַקסענעם גוף, האָט זי אויך פערשעהנערט זיין העבערען „איך", זיין גרויסע, אידישע נשמה... דער הדרת פּנים האָט אָבגעשטראַהלט מיט גייסט, מיט רוח הקודש, טיעף־הינטער דער באָרד איז געלעגען דער עהרליכער, פרומער איד. מיסטער ליוואַי פלעגט קוקען מיט שטאָלץ אויף זיין באָרד און איהר אָבהיטען ווי אַ בת יחידה. היינט געה, פאַל אַריין מיט איהר אין גוי'אישע הענד!...

אין אַזעלכע טרויעריגע מינוטען פלעגט דער אַלטער פשוט וויינען אין זיך; דאָס גאַנצע האַרץ האָט אין איהם געיאָמערט, ביטער געיאָמערט און די אַלטע הענד פלעגען איהם מעכאַניש צופאַלען צו די באָרד, פונקט ווי ער וואָלט זי וועלען פערהיטען, מען זאָל זי ניט אויסרייסען, אָדער פערוואַרפען מיט בלאָטע.

— ווען זיי גיבען מיר אַ קלאַפּ, אָדער אַ וואָרף מיט אַ שטיין,

— פלעגט זיך מיסטער ליוואי בעקלאָגען פאַר זיין הויזגעזינד, — אַרט דאָס מיך ניט אַזוי פיעל, ווי ווען זיי גיבען מיר אַ ריס די באָרד, ווייל דאַן זעה איך, אַז מען טשעפּעט ניט אין מיר דעם מענש נור דעם איד... דער איד איז זיי אַ שטאָך אין האַרצען, פּונקט ווי די אידישע באָרד וואָלט זיי פערשטעלט דעם וועג, אָדער דעם הימעל...

„וואָס אַרט אייך, אַז איהר וואוינט אין די „איסט סייד“? פלעגט ער זיך בעטען ביי די קינדער, „וואָס פעהלט אייך אין איסט בראָדוויי, וואו איהר זייט „אייגענע מענשען“, יעדער ווייס ווער איהר זייט און קען אייער טאַטען און אייער מאַמען... וואָס עפּעס האָט איהר זיך איינגערעדט „בראָנעקס“ און „בראָנעקס“, פער־קריכען אין עק וועלט, אַנטלויפען פון אידען?“

— מיר ווילען טאַקע ניט ציהען נאָך די „בראָנעקס“, נור נאָך די ב ר אָ נ ק ס, — פלעגט איהם ענטפערען דער עלטערער בחור, — מיר וועלען ניט פערברענגען אונזער לעבען צווישען גרינע און פערגעסען דאָס ביסעל גוטע ענגליש, וואָס מיר האָבען געלערענט אין די פּאָלקס־שולען. איהר זייט שוין אַזוי לאַנג אין אַמעריקאַ, איך מיין דו און די מאַמע, און קענט אַלץ קיין ריכטיגען וואָרט ענגליש ניט רעדען. איהר זאָגט נאָך אַלץ „בראָנעקס“ אַנשטאַט בראָנקס.

— דזשייק איז גערעכט, — פלעגט אונטערשטיצען דעם ברודער די עלטערע שוועסטער דזשעני, ניט קיין שטאַרק געראָטענע בתולה, וואָס איז שטענדיג געווען בעז אויף די „איסט־סיידער“ אידישע בחורים דערפאַר, וואָס מען כאַפּט זי ניט אויס און מען לאָזט זי פערזיצען ביז אין גראָען צאָפּ אריין, — ווען מען זעהט מען דאָ? — פלעגט זי אויסשרייען מיט בעס — לויטער „גרינהאָרנס“ מיט „קאַיקס“... ניטאָ קיין רעכטער מענש אויף אַ רפואה... נישט־קשה, מיר וועלען ציהען!

— ניט מיט מיר! — פלעגט דער אַלטער ליוואי זאָגען פעסט און ענטשלאָסען. — אמת, איהר זייט איצט מיינע ברויט־געבער,

איהר זייט בלומרשט ב י י מ י ר, אין אמת'ן אָבער בין איך ב י י א י י ך, אָבער דאָס איז נאָך קיין בעווייז, אז איך וועל אייך נאָכגעבען און פערלאָזען מיין אידישע גאַס מיט מיינע אַלטע גוטע פריינד, מיינע אידען. איהר קענט זיך ציהען געזונטערהייד, איך בלייב דאָ, וואו מיינע ברידער זיינען, וואו מען הערט אַ אידיש וואָרט...

אין אַזאַ מאָמענט פלעגען די קינדער בלייבען שטיל. געוועהנ־ליך פלעגען די יונגע בלייבען ביי דאָס זייעריגע, זיי האָבען אָבער ניט געוואָגט צו ריידען. דאַן פלעגט זיך אָפטמאָל אריינמישען די מוטער און געבען בלומרשט די יונגע גערעכט.

— וואָס דארפסטו די קינדער אָבעסען דאָס הארץ ? — פלעגט אויסרופען מיסים ליוואי צום אַלטען — זיי זיינען דאָך היגע קינדער, זיי ווילען ציהען, זאָלען זיי ציהען...

דאָס פלעגט אָבער די אַלטע בלויז זאָגען פון שלום בית וועגען. אין גרונד גענומען פלעגען די קינדער'ס רייד איהר שרעקליך וועה טהאָן און פיינליך בעריהרען איהרע איניגסטע געפיהלען. זי האָט אויך קיין חשק ניט געהאַט צו פערלאָזען די אידישע נאָכבארשאַפט. נור גאָר ניט, אַ מאַמע איז אַ מאַמע, איז זי געווען נעהנטער צו די קינדער. אגב האָט זי געוואוסט, אַז דער מאַן פערדיענט שוין פון לאַנג ניט אויף אַ לעבען און די יונגע האַלטען אויף דאָס הויז מיט די גאַנצע הוצאות.

זי האָט אויך געוואָלט זיין בעסער צווישען „היימישע" מענ־שען, וואו זי קען אַלעמען און אַלע קענען איהר. אין דער „איסט סייד" ווען זי פלעגט אריינגעהן אין אַ שפּייז־קראָם, צום קצב, אָדער צום בעקער, האָבען זי אַלע ווייבער בעגריסט : „העללאָ, מיסיס ליוואי" ! „גוט מאָרגען", צי „גוטען אבענד, מיסיס ליוואי" ! די אַלטע ווייבער געדענקט זי נאָך ווען זיי זיינען יונג געווען און די יונגע ווייבלעך קען זי, ווען זיי זיינען נאָך געווען עופה'לעך. מיט אנדערע קען זי זיך נאָך פון דער היים. זי ווייס מיט יעדער אידענע

פון וואָס צוריידען. נו, טאַ געה, ווער אויף דער עלטער מגולגל אין די בראָנקס, צווישען גוים דערצו...

די ליוואים זיינען אמאָל געווען וואָהלהאַבענדע מענשען. דער אַלטער איז געווען אַ „קאָסטאָמער פעדלער" צווישען אידען און פלעגט פערדיענען שעהן געלד. ער פלעגט פערקויפען אויף אָבצאָה־לען קליידער, מעבעל און ציערונג, פלעגט האַנדלען עהרליך און מענשליך. זיינע קונדען האָבען איהם ליעב געהאַט. ער האָט אָבגע־שפּאָרט אַ קליינעם פערמעגען. האָט געגעבען זיינע זעקס קינדער אַ נישט־קשה'דיגע ערציהונג. איין זוהן מיט איין טאָכטער האָט ער שוין פערהייראַטה און צוויי זיהן מיט צוויי טעכטער זיינען נאָך אין דער היים. ליוואי האָט פערלאָרען זיין אייגענם אין פערשיעדענע אונגעראָטענע אונטערנעהמונגען. דער ביטערער קריזיס פון 1907 האָט צויאָגט זיינע קונים פון ניו יאָרק און פון אמעריקאַ און ער מיט זיין ווייב האָבען גור געלעבט אויף דעם חסד פון די קינדער.

דאָך אָבוואָהל אַלע האָבען געוואוסט, אַז מיסטער ליוואי איז שוין ניט מעהר רייך, איז ער נאָך ערוועהלט געוואָרען פּרעזידענט פון זיין שוהל, און מען האָט איהם אָבגעגעבען גרויס כבוד. ליוואי איז געווען דער למדן פון זיין געמיינדע. מאַנכע אידען אין שוהל פלעגען זיך אפילו אויפהויבען פון זייערע ערטער ווען מיסטער ליוואי איז פערבייגעגאַנגען. זיי פלעגען זיך פּאַר איהם אוועקשטע־לען ווי פאַר אַ רב. אַ איד אַ בן תורה, האָט מען איהם אָבגעגעבען כבוד.

ביי זיך אין שטוב אָבער פלעגט ער ליידען. ער פלעגט ניט קענען פערטראָגען די קליין־קעפּיגקייט פון זיין פאַמיליע און זעהר אָפּט פלעגען זיי גאָר פערגעסען צו האָבען דרך ארץ פאַר'ן טאַטען.

— איך זעה ניט וואָס פּאַפּאַ האָט אַזוי מורא מען זאָל איהם ניט טשעפּען זיין באָרד? — האָט זיך איין מאָל אָבגערופען פעני, דאָס אינגסטע מיידעל, אין אַ געשפּרעך ביים טיש — מען מוז דאָס

טראַגען אזא גרויסע באָרד? מען קען דאָך איהר אביסעל אָבקירצען, פערשעהרען און אויסזעהן מעהר אמעריקאניש... איך האָב געזעהן א סך פרומע אידען, „רעוורענדס", „ראבבים" טראַגען צוגעפוצטע בערד...

דער אַלטער האָט ניט געענטפערט. עס איז איהם געוואָרען שלעכט, צו חלש'ן. אזא חוצפה ביי זיך ביים טיש האָט ער קיינמאָל אין זיין לעבען זיך ניט פאָרגעשטעלט. איהם האָט זיך געדאכט, ער איז געווען כמעט זיכער, אז פעני זאָגט דאָס נור דערפאַר, ווייל זי ברענגט אריין אין הויז צעהן טאָלער א וואָך אלס „טייפּרייטער". ער איז געבליבען זיצען ווי א דער'הרג'עטער. האָט אריינגענומען א שפּיץ באָרד אין מויל אריין און האָט זיך פערטראַכט... עס האָט אויסגעזעהן פונקט ווי ער וואָלט געזוכט אויסצוגעפינען, אויב ער קען ניט ארונטערשלינגען זיין באָרד אום איהר צו ראַטעווען פון די גזלנים.

נאָך יענעם שרעקליכען פאַל, איז איהם געוואָרען ענג זיין הויז, ער האָט זיך אָנגעהויבען פיהלען פרעמד אין זיינע אייגענע פיער ווינקלען. ער פלעגט אמאָל, ווען קיינער פלעגט ניט זיין אין שטוב, צוגעהן צום שפּיגעל און פערבויגען די ערנסטע, בכבוד'ע שפּיצען פון זיין שעהנער באָרד, צו זעהן ווי ער וועט אויסקוקען אַן אָבגעשאָ־רענער... איין מאָל האָט זיך איהם ביי נאכט גע'חלום'ט אז די קינדער האָבען איהם געכאַפּט איבער־געוואַלד. דער עלטערער בחור מיט די מיידעל האָבען איהם צוגעהאלטען די הענד, און פעני האָט גענומען א שעהר און איהם אָבגעשאָרען די באָרד. ער האָט דאַן גע־שריען פון שלאָף מיט ווילדע קולות, האָט געוואָרפען מיט די הענד און די פיס, אַלע האָבען זיך אויפגעכאַפּט. ער איז ענדליך אויפגע־שפּרונגען פון שלאָף ווי צומישט און זיך גלייך א כאַפּ געטהאָן פאַר זיין באָרד. א צומישטער שמייכעל האָט זיך אויסגעלעגט אויף זיין פנים. ער איז גלייך אויפגעשטאַנען, אָבגעגאָסען נעגעל־וואסער און געזאָגט תהלים ביז אין גרויסען טאָג אריין...

ער האָט שוין אָבער מעהר ניט געקענט זיין ביי זיך אין שטוב. דער אָנבליק פון די קינדער פלעגט איהם שרעקען ווי שדים. ער האָט ניט געקענט קוקען דער קליינער פעני׳ן אין פּנים און איהם איז ענד־ליך איינגעפאַלען דער געדאַנק אָנצוקומען אין אַ „היים פאַר אַלטע לייט". ביי איהם איז קיין ספק ניט געווען, אַז די אַלטע וועט מיט איהם מיטגעהן. זי וועט דאָך איהם ניט לאָזען אַוועקגעהן אַליין, נאָכדעם ווי זי האָט מיט איהם פערבראַכט אַ גאַנצען לעבען. ער האָט פערשטאַנען, אַז כאָטש זי גיט מאַנכעס מאָל גערעכט די קינדער, ווייס זי דאָך אַז ער איז גערעכטער ווי זיי. אלא וואָס דען? אַ מאַמע, אַ אידענע...

דענקענדיג וועגען אַ „היים" האָט ער זיך אָבער באַלד דערמאָנט ווי זיינער אַ לאַנדסמאַן, אויך אַ איד אין זיין עלטער, איז אָנגעקומען אין אַ „מושב זקנים", וואָס ווערט אויפגעהאַלטען פון דייטש־אַמעריקאַנישע אידען, „יאַהודים" אין ניו יאָרק, האָט מען איהם דאָרט גלייך אָבגעשניטען די באָרד, געמאַכט איהם פאַר אַ פער־זעהענים, אַז עס האָט ממש געשווידערט אויף איהם צו קוקען... דערצו האָט מען איהם נאָך דאָרט געגעבען עסען טרפות און געזשאַ־לעוועט אַ ביסען ברויט. קיין שבת, קיין יום טוב, גוי׳אישע בעדיענטע...

דער קאַמפּף צוליעב דאָס אַוועקציהען פון אידישען קוואַרטאַל איז אָנגעגאַנגען ביי דער פאַמיליע ליוואַי אַ שטיק צייט, און ווי אַ קריעגס־העלד, וואָס וויל ניט אָבגעבען זיין פּאָזיציע, איז דער אַלטער מיסטער ליוואַי געשטאַנען אונבויגזאַם אויף זיין שטאַנדפּונקט און זיך ניט געלאָזט אַוועקטרייבען אויף איין־איינציגען שפּאַן. ער האָט ניט געוואָלט אַוועקציהען פון זיינע אידען. ערשט איין מאָל האָט ער זיך פּלוצלינג אַרומגעזעהן מיט גרוים ערגערניס, אַז די שוהל, אין וועלכע ער דאַווענט שוין אַזוי פיעל יאָהרען, ווערט אַלץ לעדיגער און לעדיגער, און עס פאַנגט אָן גאָר ניט זעלטען צו פעהלען אַ

מנין. און איין מאָל, ווען ער איז געקומען אין שוהל, איז צוגעגאַנגען צו איהם ר׳ איסר, דער שמש, און האָט זיך ענטזאָגט פון זיין שטעל.

— עס לוינט ניט, — האָט דער שמש ערקלעהרט — איך קען קיין לעבען ניט מאַכען. אַלע בעלי־בתים זיינען אַוועקגעצויגען אין די בראָנקס און אין אַנדערע ערטער. אַ סך זיינען אויסגעשטאָרבען און די יונגע דאַוונען ניט...

מיסטער ליוואַי האָט געפיהלט ווי די שוהל ברעכט אונטער איהם און איהר אַלטער, הייליגער דאַך שטירצט איבער זיין גרויען קאָפּ... אַ ווייַלע האָט ער אָנגעקוקט דעם שמש מיט כעס און פער־אַכטונג. דאַן האָט ער זיך אָבגערופען:

— קיין אַנדער אינטערעס, הייסט דאָס, האָט איהר ניט אין מקום קדוש, ר׳ איסר, ווי נור זיך אויסשלאָגען דערפון אייערע הוצאות? קוים בעצאָהלט זיך אייך די אידישקייט ניט גוט גענוג, ווילט איהר פון איהר אַנטלויפען... מיר טהוט לייד, ר׳ איסר, וואָס איך האָב אייך ביז איצט ניט געקענט. איך האָב אַלץ געמיינט איך זעה אַ ה א ר ץ און האָב גאָר דערזעהן אַ קעשענע... גוט! — האָט ער ענדליך אויסגערופען און זיך אַוועקגעשטעלט גלייך און שטאָלץ ווי אַן אַלטער דוב — גוט, ר׳ איסר, אייער ענטזאָגונג איז אָנגענו־מען. אויב אייך לוינט ניט צו זיין גאָט׳ס קנעכט, דאַן לוינט דאָס פאַר מיר...

און וואַרפענדיג אַ בליק פון עקעל אויף דעם שמש, איז מיסטער ליוואַי אַוועק פון זיין „שטאָט" אויבענאָן און זיך שטעלענדיג אויפ׳ן באַלעמער האָט ער קודם געהייסען דער חברה וועהלען אַ נייעם פּרעזידענט, דאַן האָט ער אויסגערופען פאַר׳ן גאַנצען עולם, דאָס אַזוי ווי ר׳ איסר האָט זיך ענטזאָגט פון די שמשות, ווייל דאָס בעצאָהלט זיך איהם ניט, און אַזוי ווי די שוהל מוז האָבען אַ מענשען, וואָס זאָל האַלטען אַלעס אין אָרדנונג און בעדיענען די אידען, וואָס קומען דאַוונען, מיט איין וואָרט, אַזוי ווי גאָט׳ס הויז קען ניט בלייבען אויף הפקר, בכן — אויב דער עולם וועט וועלען —

וועט ער זיין דער שמש און זיך בענוגענען מיט וויפיל דאָס וועט איהם טראָגען.

אין שוהל איז געוואָרען א גערויש, א שושקעריי און א הויבען מיט די אַקסעל. דאַן איז געוואָרען שא, שטיל ווי אין אַן אויער.

דער עולם האָט אַבגעדראָוועט און איז לאַנגזאַם אַוועק און ליוואַי האָט צוגענומען ביי ר׳ איסר׳ן דעם שליסעל פון שוהל און איז געבליבען איינער אַליין אַבשטויבען דעם ארון קודש, דעם שולחן און די סטענדערס, און צוזאַמענלעגען די בעלי־בתישע טליתים... ער האָט אַנגעפילט מיט פרישען אייל דעם נר תמיד און האָט שטיל און נשמה׳דיג געזונגען „מה טובו אהליך יעקב משכנתיך ישראל". ווי גוט זיינען דיינע געצעלטען יעקב, דיינע רוהונגען ישראל!...

מיסעם ליוואַי האָט שפּעטער אַוועקגעצויגען מיט די קינדער און מיסטער ליוואַי האָט זיך אַבגעשטעלט מיט זיינע אידען...

דעם פּערפֿאַסער׳ס ווייב

ווען איהר מאַן האָט געלעבט, פלעג איך זיין אַן אָפטער גאַסט ביי זיי אין הויז. ער איז געווען דער בעסטער מענש צווישען אידישע שרייבער. אַ משכיל פון אַלטען דור, אָהן אַקאַדעמישע בילדונג און אָהן איהרע אויסגעשטודירטע חסרונות. ער האָט ליעב געהאַט אידען און אידישע קענער.

עס זיינען געווען פערשיעדענע מיינונגען איבער זיין אַרטיס־טישקייט אין שרייבען ראָמאַנען און טהעאַטער שטיקער, ווייל ער איז געווען איינער פון די ערשטע; עס איז אָבער געווען איין מיינונג איבער זיין מענשליכקייט. אַלע האָבען איהם רעספּעקטירט אַלס הויפּט אָרענטליכען מענשען. זיין טהיר איז שטענדיג געווען אָפען פאַר אַלע אידישע און העברעאישע שרייבער, פאַר די יונגע און אַלטע. ער האָט פאַר יעדען געהאַט אַ וויץ און אַ גוטען סיגאַ־רעט און זי — אַ גוטע גלאָז טהעע, אַ שמייכעל און אַ גוט וואָרט.

אָבער די פרוי פון אַ אידישען ליטעראַט לעבט נור כל זמן איהר מאַן לעבט, און אפילו דאַן האָט זי נור אַ שטיקעל בעטרעף, ווען זי איז אין געזעלשאַפט מיט איהם צוזאַמען, געשיצט אונטער די פליגעל פון זיין רעפּוטאַציע. איז איהר מאַן טוידט, ווערט דער קרייז פון איהר בעקאַנטשאַפט איינגעשרומפען און זי בלייבט נור אין די „פיער איילען" פון איהר נאָהענטסטע משפּחה. מעהרסטענס אָבער איז זי מיט זיך אַליין, עלענד, פערלאָזען און פערגעסען.

מיין פריינד׳ס פרוי איז אין דער בעציהונג קיין אויסנאַהם ניט געווען. איהר מאַן׳ס חברים און פערעהרער האָבען איהר כמעט אין גאַנצען פערגעסען און זי געפינט זיך נור אין דער ענגער נאָהענט־

קייט פון איהר פאמיליע. זי איז דערפאר געווען אנגענעהם איבער־ראשט מיך פלוצלינג צו טרעפען אין מיטען קאנעל סטריט.

— גאט האט אייך דא אונטערגעשיקט! — האט זי געזאגט — איך האב אייך טאקע געוואלט אויפזוכען. איך האב אייך זעהר וויכטיגעס צו דערצעהלען. איך וויל איהר זאלט דאס בעשרייבען אין צייטונג, נור זעהט, אז מיין עהרע זאל דערביי ניט ליידען.

אזוי ריידענדיג האט זי גענומען וויינען. די טרעהרען האבען זיך געגאסען איבער איהר פערזארגטען פנים. דאס הארץ האט מיר פערקלעמט.

— וואס איז געשעהן? — האב איך געפרעגט גערירהט.

— מען האט מיך שרעקליך בעליידיגט — האט זי געכליפעט — ביטער בעליידיגט, איך קען דאס ניט אריבערטראגען. ווען מיין מאן וואלט געלעבט, וואלט דאס ניט געשעהן. ווער איז אבער דער פרוי פון א אידישען שרייבער! קיינער דערמאנט איהר ניט, קיינער אינטערעסירט זיך ניט וועגען איהר. ניעדריג, זעהר ניעדריג שטעהט נאך די פרוי ביי אונז אידען, צום ערגסטען אבער איז דער פרוי פון דעם אידישען ליטעראט און דיכטער. זי העלפט איהר מאן קעמפפען, ליידען און הונגערען; זי טהיילט מיט איהם אלע זיינע ליידען און בעליידיגונגען, וואס ער שטעהט אויס פון זיינע שונאים און אונגע־רעכטע קריטיקער, אבער די עהרע פון זיין ערפאלג איז קיינמאל ניט איהרע. זי העלפט איהם טראגען זיינע דערנער, זי בעקומט אבער ניט קיין איינציגען בלעטעל פון זיינע לארבערען, וואס זי, מיט איהר ליעבע, טרייהייט און איבערגעבענהייט, העלפט איהם געווינען. א, איך בין געקריינקט ביז אין מיין טיעפסטען אינערען.

די טרעהרען האבען איהר געשטיקט. איך האב געפיהלט, אז אימיצער האט איהר שרעקליך וועה געטהאן, דען דאס איז געווען דאס ערשטע מאל, וואס איך האב געהערט דיעזער שטאלצער פרוי זיך בעקלאגען. איך האב איהר געבעטען און זי האט, געהענדיג, מיר דערצעהלט.

— זייט מיין מאַן איז געשטאָרבען — האָט זי ווידער אָנגע־פאַנגען — פערברענג איך איינע אַליין. איך קען זיך ניט בעקלאָגען אויף מיינע קינדער, אָבער זיי זיינען יונג און איך בין אַלט. זיי קענען ניט ווידמען זייער גאַנצע צייט אין מיין געזעלשאַפט. זיי ווילען לעבען. איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געלעבט און איצט איז שוין צו שפּעט, איבערהויפּט ווען דער לעבענס־בעגלייטער ליעגט אין קבר. קיינער קומט ניט צו מיר, קיינער ווייס ניט ווי איך לעב, פון וואַנען איך לעב, כאָטש אַלע ווייסען, אַז מיין מאַן האָט מיר קיין געלד־מיטלען ניט איבערגעלאָזט. אַ בעריהמטער אידישער שרייבער; אַ גרויסער נאָמען; אַ גרויסע לויה, אָבער משטיינס געזאָגט!...

זיץ איך איינע אַליין און לייען מיין מאַן'ס כתבים. יעדע נאָוועלע, יעדער ראָמאַן און יעדע טהעאַטער שטיק דערמאָנט מיך אָן אַ שטיק פערלאָרענעם לעבען. איך דערמאָן זיך אונטער וועלכע אומשטענדען זיי זיינען פערפאַסט געוואָרען און הער ניט אויף צו זיפצען. אַזוי פערברענג איך מיינע שבתים און ימים טובים, אַ פער־געסענע, אַ לעבעדיג־געשטאָרבענע.

נעכטען געה איך אַרויס אין גאַס און זעה אויף אַ אידישע טהעאַטער־אַפישע, אַז אין איינעם פון די ניו יאָרקער אידישע טהע־אַטערע שפּיעלט מען מיין מאַן'ס אַ קאָמעדיע. עס האָט מיר אַ קלאַפּ געטהאָן אין הארצען. די געשיכטע פון דיעזער קאָמעדיע איז אַ טראַגעדיע פאַר מיר.

זי האָט אַ שווערען זיפץ געטהאָן און האָט פאָרטגעזעצט:

— דאָס איז געווען אין אַ צייט פון אַ שווערען קריזיס אין דעם היגען אידישען טהעאַטער. עס איז פּשוט ניט געווען וואָס צו שפּיע־לען. די אַלטע שטיקער האָבען ניט מעהר געצויגען קיין עולם און די נייע שטיקער פון די נייע פערפאַסערס פלעגען מיאוס דורכפאַלען. די טהעאַטער מענעדזשערס זיינען אַרומגעגאַנגען ווי צומישטע. זיי זיינען צוגעפאַלען צו מיין מאַן, ער זאָל זיי ראַטעווען. ער האָט ניט געוואָלט מיט זיי האַנדלען, דען כאָטש דאָס אידישע טהעאַטער האָט

זיך אויף זיינע הענד ערצויגען און א סך פון די איצטיגע „סטאַרס“ האָט ער געלערענט ווי צו גערן אויף א ביהנע, יאָ, כאָטש ער האָט זיי געמאַכט פאַר לייט, די מענער ווי די פרויען, האָבען זיי אָבער פערגעסען וואָס עס איז געווען אין רוסלאַנד מיט איבער א פערטעל יאָהרהונדערט צוריק. דאָ זיינען זיי געוואָרען רייך און גרויס ביי זיך. אין א צרה זיינען זיי געקומען צו מיין מאַן. ער האָט פראָסט רחמנות געהאַט אויף זיי און האָט פערפאַסט א קאָמעדיע, וועלכע האָט זיי ממש גליקליך געמאַכט.

לומפּיגע הונדערט און פופציג דאָלאַר האָט מיין מאַן גענומען פאַר דער פּיעסע, דער טהעאַטער אָבער האָט געמאַכט פון דרייסיג ביז פערציג טויזענד דאָלאַר פּראָפיט אין איין סיזאָן. גוטע פריינד האָבען געזוכט צו בעוועגען די טהעאַטער בעלי־בתים, זיי זאָלען כאָטש מאַכען מיין מאַן א מתנה א פּאָר הונדערט דאָלאַר, אָבער זיי האָבען זיך אויסגעלאַכט.

צופעליג שפּיעלט מען היינט דיעזע פּיעסע און מערקווירדיג, דאָס מאָל זוכט מען אויך מיט דיעזען שטיק צו ראַטעווען דעם סיזאָן, ווייל די „נאַרישע וואָך“ איז דורכגעפאַלען און מיין מאַן'ס קאָמעדיע פילט זיי אָן די קאַסע און ברענגט געפּאַקטע הייזער.

ווי געזאָגט, דאָס האַרץ איז פערביטערט, איך האָב שוין ניט האַרציג א לאַך געטהאָן זייט יאָהרען, האָב איך גענומען מיינע א שכן'טע און בין מיט איהר אוועק זעהן מיין מאַן'ס טהעאַטער שטיק.

דאָ האָבען זיך איהר געשטעלט די טרעהרען אין האַלז, זי האָט ניט מעהר געקענט ריידען. זי האָט אַרויסגענומען איהר ווייסע טאַשען־טיכעל און זיך אויסגעווישט די אויגען.

— וואָס מיינט איהר איז געווען דער סוף? — האָט זי קוים אַרונטערגעשלונגען איהר שמערץ.

— א קשיא אויפ'ן אידישען טהעאַטער, — האָב איך פּראָבירט טרעפען — זיי האָבען אייך אפשר גאָר ניט אריינגעלאָזען.

— איהר האָט געטראָפען — האָט זי געזאָגט, — זיי האָבען מיך בשום אופן ניט געוואָלט אריינלאָזען, ווען איך האָב זיך דאָך איינגעבעטען, האָבען זיי מיך מיט מיין פריינדין אריינגעלאָזט אין טהעאטער, אָבער אַזוי ווי מיר האָבען ניט געהאַט קיין בילעטען האָט אונז דער טהעאטער־משרת ניט געוואָלט געבען קיין זיץ און האָט געשיקט אריינרופען דעם מענעדזשער.

„אָה מיסיס... — האָט זיך דער מענעדזשער אָבגערופען צו מיר — איהר האָט זיך גראָד אויסגעקליבען קומען דאָן, ווען דער טהעאטער איז געפּאַקט און עס איז קיין איין ליידיגער שטוהל ניטאָ. איהר מוזט געהן צוריק!"

אזוי ריידענדיג איז ער ארוים און אריינגעשיקט א טהעאטער־קנעכט, א פרעכען יונגאטש אין אַן אוניפאָרם, ער האָט אָנגענומען מיין פריינדין און מיך און האָט אונז ביידען ארויסגעפיהרט. איך האָב געפיהלט ווי די ערד זינקט אונטער מיר, איך בין שיער אומגע־קומען פאר פיין און חרפה. בעשרייבט דאָס אין צייטונג, זאָל כאָטש די וועלט וויסען ווער אונזערע טהעאטער־מענעדזשערס זיינען. נור זעהט, אַז מיין עהרע זאָל דערביי ניט ליידען, דען איך שעהם זיך פאר מיינע אייגענע קינדער. דערמאָנט ניט מיין נאָמען און ניט דעם נאָמען פון טהעאטער, ווייל דער עולם וועט זיכער ווערען אויפגע־בראכט פאר כעס און קען נאָך באָיקאָטירען דעם טהעאטער, איך וויל זיי חלילה ניט שאדען. זאָל זיך גאָט רעכענען מיט זיי. ער איז דער פאָטער פון יתומים און דער ריכטער פון אלמנות. איבריגענס וועלען זיי אָבלייקענען די גאנצע זאַך. עס וועט זיי ניט פּאסען, דען פאר דער וועלט זוכען זיי צו ערשיינען אלס אָרענטליכע מענשען, און זיי וועלען נאָך מיך מאכען פאר א ליגנערקע.

איך האָב מיין פריינד'ס אלמנה פערזיכערט, אַז איך וועל די זאַך בעשרייבען אין צייטונג און האָב איהר פערלאָזען. דאָס בלוט האָט אין מיר געקאָכט פאר אויפרעגונג. ווען איך בין געקומען אין רעדאַקציע, האָב איך באַלד אָבגערופען ביים טעלעפאָן דעם מענע־

דזשער פון טהעאטער און האָב איהם געפרעגט אויב עס איז אמת וואָס איך האָב געהערט.

— אַ נעכטיגער טאָג ! — האָט ער געענטפערט — דאָס האָט זיך איהר גע'חלום'ט.

דאָס איז געווען אַ שרעקליכער חלום — האָב איך געטראַכט, — אַ חלום, צו וועלכען עס איז קיין פּתרון ניטאָ. איך האָב געזיפצט אויף דעם שיקזאַל פון דעם פּערפאַסער'ס ווייב.

צווישען בערגלעך אַש

אין איינעם פון די שטאָדט־פּאַרקס, פּערביי די נאַקעטע בוימער גייע איך. נור איך און דער הערבסט־ווינד, און לאַנגזאַם קומט אָן דער אַלטער פּאַרק־וועכטער מיט אַ בעזים אין האַנד, אַרויסצוקעהרען די זכרונות פון זומער.

איך טרעט אויף הויפענס טרוקענע בלעטער, זיי קנאַקען אונטער מיינע קנאָפּעל. ריידען זיי? זאָגען זיי מיר עפּעס? לאַכען זיי דאָס, אָדער וויינען זיי? — ווער ווייס?

איך שטעל זיך אָב און זעה: אַ וועווערקע לויפט אַרונטער פון אַ בוים און גראָבט זיך אַריין אין דר׳ערד און קומט באַלד ווידער אַרויף און לויפט ווידער אַרונטער.

— דאָרטען אונטען האָט זי איהר שפּייז־קאַמער אויף ווינטער — האָט מיר ערקלעהרט דער אַלטער וועכטער, צונויפשאַרענדיג די טויטע בלעטער אין אַ בערגעל... אַ סך אַזעלכע בערגלעך האָט ער שוין געמאַכט, אומעטיגע בערגלעך!...

— אַלץ וואָס זי האָט ניט געקענט פערצעהרען אין זומער — האָט דער אַלטער צוגעזעצט — האָט זי בעהאַלטען אין דר׳ערד אויף ווינטער, וואו זי וועט ליעגען רוהיג, פערזאָרגט און געניסען.

מיט אַ מויל אָהן צייהנער האָט דאָס מיר דער אַלטער געזאָגט. איך האָב אַ קוק געטהאָן אויף זיין צוקנייטשטען, טרוקענעם פּנים, אויף זיינע דינע, בלייכע ליפּען, אויף זיינע ביינערנע הענד, וואָס האָבען אויסגעזעהן אַזוי דאַר ווי דער שטעקען פון זיין בעזים.

— נו, און דו, זיידינקע — האָב איך איהם אַ פרעג געטהאָן — דו האָסט זיך עפּעס אָבגעשפּאָרט אַ שטיקעל שפּייז־קאַמער אויף ווינטער? דאַכט זיך, אַז דיין זומער איז שוין פערביי. ביזט דאַר

און הויל ווי דער הוילסטער בוים אין פּאַרק. דער ווינטער ליעגט דיר שוין אויפ׳ן קאָפּ און דו געהסט נאָך אַלץ אַרום מיט דעם בעזים אין האַנד... האָסטו ניט ערגעץ, ווי די וועווערקע, אַ שטיקעל נאָרע מיט אַביסעל שפּייז אויף דיינע אַלטע, מיעדע טעג?

דער אַלטער האָט געשמייכעלט מיט זיינע הוילע יאַסלעס.

— איך האָב אַ „דזשאָב" — האָט ער מיר פערזיכערט — אַ „סיטי דזשאָב".

— און אָבגעשפּאָרט עפּעס דיין אייגענם?

— גאָר ניט.

ער האָט אַרויסגענומען אַ שוועבעלע פון קעשענע, האָט דאָס אַ ריב געטהאָן אָן אַ שטיין און אונטערגעצונדען אַ בערגעל און אַזוי האָט ער זיי אונטערגעצונדען איינעם נאָכ׳ן אַנדערען.

דורכ׳ן רויך האָב איך קוים געזעהן דעם אַלטען׳ס בלאַסען פּנים. ער האָט דאַכט זיך געשמייכעלט. געשמייכעלט אין רויך...

די וועווערקע איז ווידער אַרויס פון איהר בעהעלטעניס. זיך געשטעלט אויף די הינטערסטע צוויי פיסלעך און געקוקט עפּעס סתם אין דער וועלט אַריין. מיט אַ מין איראָניע האָט זי געקוקט.

דערווייל זיינען צוגעקומען צו מיר אַ פּאָר מיטל־יעהריגע מענער, אין לייכטע, אָבגעריבענע רעקלעך, דורך וועלכע דער ווינד איז אַריין און אַרויס. די צוויי מענער האָבען זיך געהאַט ערגעץ אַרומגעדרעהט אין פּאַרק. שוואַכע, פערוועלקטע מענשען. זיי האָבען געשיינט צו זיין אַרבייטער, וואָס זיינען אויסער אַרבייט. שטיל און פערזאָרגט האָבען זיי זיך אויך געשטעלט קוקען אויף דער וועווערקע.

איינער האָט אַרויסגענומען אַ צוויי פּינאַטס פון קעשענע און אַ וואָרף געטהאָן. דאָס חיה׳לע האָט איינעם פון די פּינאַטס אויס־געשיילט און אויפגעגעסען און דעם צווייטען האָט זי אַראָבגעטראָ־גען אונטען אין איהר שפּייז־קאַמער און איז גלייך ווידער אַרויף און האָט אונז אַריינגעקוקט גלייך אין די אויגען אַריין.

— דאָס האָט זי אונטען אָנגעגרייט אַ גאַנצע סך עסענוואַרג אויף ווינטער — האָט איינער פון די צוויי בעמערקט.

— זי איז קליגער ווי דער מענש — האָט צוגעגעבען דער צווייטער — דער מענש פערלעבט אַלץ, וואָס ער האָט, און פערגעסט, אַז עס קומט אַ ווינטער, אַ שלעכטע צייט. דער מענש מוז זיך ערשט לערנען שפּאָרען.

— די וועווערקע דאַרף קיין זאַך ניט אויסער עסען — האָט דער ערשטער געזאָגט — און דאָס גיט איהר די נאַטור; זי גיט איהר אויך גענוג צו שפּאָרען, שפּאָרט זי. אַ וועווערקע צאָהלט ניט קיין דירה־געלד, קיין שכר־לימוד; קיין דאָקטאָר־בילס און קיין גאַז־בילס; זי בעלאַנגט ניט צו קיין לאָדזש, קיין שוהל און קיין יוניאָן. אַ וועווערקע דאַרף קיין קליידער, קיין מעבעל, קיין מאָדעס. זי געהט ניט אין טהעאַטער און דאַרף ניט סטרייקען, ווי מיר ביידע, פאַר פינף גראָשען אַ טאָג מעהר פערדיענסט. אַ סך קענען מיר שפּאָרען פון אונזערע פערדיענסטען? מ׳שטיינס געזאָגט! מען מוז נאָך באָרגען אין קרעמעל דאָס שטיקעל ברויט מיט הערינג!

— דערפאַר איז דאָך דער מענש אַ בר־דעת, קליגער ווי די חיה און קען בעסער דענקען און אויסרעכענען און דאַרף פערשטעהן ווי זיך צו העלפען — האָט דער צווייטער בעהויפּטעט.

— דו האָסט אַ טעות — האָט דער ערשטער פערבעסערט — די וועווערקע איז קליגער, פיעל קליגער. איהר שכל איז געבאָרען מיט איהר צוגלייך. זי האָט איהם שוין בירושה פון איהרע עלטערען. איהר רבי איז די נאַטור אַליין, און דער מענש מוז ערשט לערנען שכל ביי מענשען, וועלכע זיינען זעהר אָפט אונגערעכט. איין מענש הייסט דיר זאָרגען אויף שפּעטער, אָנגרייטען, פערהיטען, און אַ צווייטער דערצעהלט דיר, אַז נור דער „היינט“ איז דער עיקר און גאָט איז אַ פאָטער, דאַרף מען האָבען בטחון, אַז ער וועט העלפען. דער מענש איז אַ נאַר, מען קען איהם פיהרען אויף פערשיעדענע וועגען; די וועווערקע ווייס נור איין וועג, דעם, וועלכען די נאַטור

האָט איהר געוויזען; דאָס איז דער רעכטער וועג. דער מענש פער־דינגט זיך צו אַ צווייטען מענשען צו פערדיענען שפּייז, די וועווערקע אָבער איז פריי. זי דיענט ניט קיינעם אויסער זיך אַליין. פּראָביר דו ערגעץ וואו מאַכען פאַר זיך אַ לאָך, אַ נאָרע, וואו אויסצורוהען דיינע ביינער, האָדעווען דיינע יונגוואַרג און האַלטען דיין ביסעל חיונה, וועט מען דיך אַרעסטירען פאַר ניצען פרעמדע ערד.

— נו, טאָ ווער איז שולדיג? — האָט דער צווייטער אויסגע־שריען — יאָ, וועך איז שולדיג? אין דעם אַלעם איז דאָך די נאַטור אַליין נור שולדיג, וואָס זי האָט בעשאַפען דעם מענש אַנדערש ווי די חיה. זי האָט איהם געגעבען אַ חשק אַלץ צו וועלען און פערלאַנגען און קיין מעגליכקייט דאָס צו בעקומען.

— זיין מעגליכקייט איז זיין פערשטאַנד — האָב איך זיך אַריינגעמישט — פערשטאַנד איז דאָך די גרעסטע זאַך. ווען מען זאָל דאָס נור אין דעם מענשען ניט פערדרעהען, ניט פערפיהרען מיט פאַלשע, קרומע סברות.

דער מענש האָט אַ נשמה, אַ גייסטיגען פערלאַנג נאָך שעהנ־קייט, געזאַנג און קונסט. ער האָט ליעב דאָס גרינע פעלד, דעם באַרג, דעם בוים, דעם טייך, אַנדערש ווי די חיה; העכער, גרעסער, ליעבט ער זיי. ער ליעבט זיי ווי אַ מענש, ניט דערפאַר, וואָס זיי האָבען שפּייז פאַר זיין גוף, נור ווייל זיי נעהרען זיין גייסט.

דער מענש ליעבט דעם געזאַנג פון די וואַלד־פויגעלעך; דאָס אויפגעהן און אונטערגעהן פון דער זון, דעם סימעטרישען פּלאַן, מיט וועלכען די בערג זיינען אויסגעלעגט; די פערלמוטערנע וואָלקענד־לעך אין דער בלויער לופט; ער האָט ליעב צו זעהן ווי די לערכע־פויגעל שפּרינגט אַרויף, פליהענדיג אין הימעל און ווי דאָס זומער־פויגעלע באָדעט זיך אין בעכער פון אַ רויז.

ער פערלאַנגט דאָס צו זעהן, צו געניסען, דער מענש, און די נאַטור האָט איהם געגעבען די מעגליכקייט דאָס אַלץ צו געניסען — דעם פערשטאַנד! דאָס זיינען אַלץ העכערע, גייסטיגע זאַכען. די

איינפאכע, טעגליכע נויטיגקייטען דארף דעם מענשען געוויס ניט פעהלען און טאקע איך נור דערפאר, ווייל ער איז בעשאָנקען מיט פערשטאנד. מיט איין וואָרט, דער מענש האָט א נשמה און ער קען דערפאר האָבען געגוג אויף זומער און אָבשפּאָרען אויף ווינטער...

— פּאָעזיע, — האָט איינער פון די צוויי געזאָגט — קום! זיי זיינעןביידע אוועק.

די וועווערקע האָט אָנגעשטעלט איהרע אויגען אויף מיר פּונקט ווי זי וואָלט זאָגען:

— נו, און דו, חכם מיינער! דו האָסט עפּעס אָבגעשפּאָרט אויף ווינטער?......

איך האָב ארויסגענומען פון בוזים קעשענע א בינטעל פּער־שריעבענע פּאַפּיער און האָב פערשעהמט דאָס אָנגעקוקט...

איך האָב מעהר קיינעם ניט געזעהן, ניט די צוויי אָרעמע סטרייקערס, ניט דעם אַלטען וועכטער און פערביי די בערגלעך אַש פון די פערברענטע בלעטער בין איך צוריק אהיים געגאנגען. איך האָב גראָד דעם טאָג געדארפט ציהען פון מיין דירה.

די בערגלעך האָבען זיך נאָך גערויכערט.

דאָס שרעקענס בילד

וועגען יעזוס קריסטוס.

מיר קומט אוים זעהר אָפט דורכצוגעהן באַרקליי סטריט, וועלכע פיהרט פון בראָדוויי צום האָדסאָן ריווער, וואו איך נעהם די שיף נאָך האָבאָקען, און יעדעס מאָל, וואָס איך געה דאָרט דורך, עגבערען מיר שרעקליכע געפיהלען און געדאַנקען.

באַרקליי סטריט איז אַ בעריהמטע געשעפטס-גאַס, דאָרט געפינען זיך זעהר גרויסע אַנגראָ (האָלסייל) געשעפטען פון פער־שיעדענע כאַראַקטערע, איבערהויפט גרויסע פאָרצעליי און גלאָז־מסחרים.

קוקענדיג אין די פענסטער פון די קראָמען דערזעהט מען דאָרט פלוצלינג די בעליידיגענדע, אָבשטויסענדע סטאַטוע פון אַ נאַקעטען מאַן מיט אַן אָפענע וואונד אין הארצען און טיעפע, אָפענע וואונדען אין שטערען, אין די הענד און די פיס.

פון די „וואונדען" גיסט זיך „בלוט"...

אין ערשטען אויגענבליק דאַכט זיך, אַז דיזער צובלוטיגטער מאַן מיט דעם בערדעל איז אַ „איסט סייד" אָפּרייטאָר, אָדער בעקער, אַ צושלאָגענער, צוּוואונדעטער סטרייקער פון אידישען קווארטאַל... אַ קרבן פון אַ פּאָליציייסקען „קניפּעל", די איבעריגע סטאַטוען אָבער, וואָס רינגלען ארום דעם נאַקעטען הרוג, בעווייזען באַלד, אַז דער צובלוטיגטער איז קיין אַנדערער ווי

וואָרט אַ ווייל!

טאַקע אַ אידעל פון דעם זעלביגען טיפּ, וואָס מען טרעפט אין דער ניו יאָרקער „גהעטאָ", זעהר אָפט אַ צו'ממית'טען פון אַ קאַטוי־לישען, אירלענדער פּאָליציאַנט, פאַר קיין אַנדער חטא ווי נור דער־

פאר, וואָס ער האָט אַ בערדעל און אפשר אַמאָל לענגערע האָר און רעדט אידיש...

דער איינציגער אונטערשיעד איז נור, וואָס דער אידעל, וועלכער איז אויסגעשטעלט אין די באַרקליי סטריט פענסטער, איז ניט קיין גלות־אידעל; ניט קיין רוסישער, רומעניער אָדער גאַלי־ציאַנער; דער אויסגעשטעלטער. האָט נאָך געלעבט איידער דער איצטיגער גלות האָט זיך אָנגעפאַנגען; איידער אינקוויזיציעס און פּאָגראָמען האָבען מאַניפעסטירט קריסטליכע „ליעבע" און טאָלעראַנץ.

וואָס פאַר אַ פּנים אָט דער דאָזיגער צוקאַליעטשעטער לאַנדס־מאַן אונזערער וואָלט געהאַט אין דער ניו יאָרקער „איסט סייד" צווישען די פאַרטגעשריטענע אידישע מאַסען, איז ניט לייכט צו זאָגען. מעגליך, אַז צווישען די „רויטע" וואָלט ער געווען אַ „שוואַרצער", יאָ, אַ „שוואַרצער יונגערמאַנטשיק". זיין נאַטור איז ניט געווען גענייגט צו דער זייט פון פרייהייט, אַמאָל אָבער האָט איהם די רוימישע רעגיערונג געלאָזען קרייציגען אַלס.... ווער ווייסט אַלס וואָס... איירָאָפּאַ קרייציגט זיין אַנדענקען מיט אידען־מערדעריי, באַרקליי סטריט מאַכט געשעפטען מיט ליימענע געצען, וואָס שטעלען פאַר זיין מאַרטירערטהום... און קאַטוילישע תיפלות רייצען אויף דורך זייערע פאַרצעלייענע וואונדען די פינסטערע פאַנאַ־טיקער געגען דעם פאָלק וואָס האָט זיי פערזאָרגט מיט אַ יונגען „רבונו של עולם"... באַרקליי סטריט קימערט זיך זעהר ווייניג **ווער** און **וואָס** ער איז געווען. זי איז אַ ביזנעס־גאַס. דער געקרייציגטער קריסטוס איז אַ גוטער ביזנעס־אַרטיקעל, האָט זי דאָס אויסגעשטעלט אין איהרע „שאָו ווינדאָוס", דער עסטהעטיק אויף להכעיס.

איך האָב מיך איינינע מאָל אַבזיכטליך אָבגעשטעלט ביי די דאָזיגע אויפרייצענדע „שאָו ווינדאָוס" און געפרעגט די פאַרביי־

געהענדע קריסטען, וואָס פאַר אַן איינדרוק דאָס מאַכט אויף זיי, און די מעהרצאהל פון די ענטפערס איז געווען:

— „דיסגאָסטינג“, (עקעלהאַפט, אבשטויסיג, באַרבאַריש...)

— „די שאַנדע פון קריסטענטהום“! — האָט זיך אַ אינטעליגענטער קריסט געערגערט.

— „ווען איך זעה דאָס, — האָט מיר אַן עלטערער, שעהן־געקליידעטער קריסטליכער מאַן געזאָגט, ווייזענדיג מיט די אויגען אויף דעם „פערבלוטיגטען“ — פיהל איך ווי צו ווערען אַ איד, דען דער דאָזיגער שטעלט פאָר אַ געקרייציגטען אידען... איך האָב דאָן רחמנות אויף יעדען אָרעמען אידען, אויף יעדען גרינעם אידישען פעדלער, וואָס ווערט געקרייציגט פון בויאַנעס, גאָטלאָזע און האַרצ־לאָזע כאַבאַר־פּאָליציסטען.

— „ווען איך בין געווען יונג און קאַטוילישׂ — האָט מיר ווידער איינער בעמערקט — פלעגען די דאָזיגע בילדער ערוועקען אין מיר האַס און ראַכע, איך האָב געפיהלט ווי צו פערטיליגען אַלע אידען פון אונטער דער זון; איך האָב ניט געקענט קוקען אַ אידען גלייך אין פּנים; מיין האַרץ פלעגט זיך אָנפילען מיט פייערדיגען כעס און נקמה. דאָך זייט איך בין געוואָרען „יוניטעריען“ (אַ רעפאָרמירטער קריסט) דענק איך אַנדערש.

— „איך האָב קיין רחמנות אויף אַ גאָט, וואָס לאָזט זיך אַזוי מיאוס צוברעכען די ביינער, און בעוואונדער די מענשען, וואָס האָבען געקענט „פייטען“ אַ הימעלשען „פּיודזשיליסט“ און אונטער־האַקען די אויגען גאָט'ס אייגענעם זוהן.“

אַזוי האָט מיר געענטפערט אַ הויכער, קרעפטיגער יונגערמאַן, אַן אַטהלעט, וועלכער האָט מיר דערביי ערקלערט, אַז ער איז אַ פּראָפעסאָר פון אַ „פיזיקעל קולטשור סקול“, אַן אַקאַדעמיע, וואו מען לערנט פיזישע איבונגען, ראַנגלען און שלאָגען.

— „דער גרעסטער גאָט וואָלט מיך ניט געקענט געווינען פאַר אַ „חסיד“ — האָט דער יונגערמאַן ווייטער געזאָגט — ווען ער

וואָלט געקומען צו מיר מיט אונטערגעשלאָגענע זשעברעס... די בילדער אין דיעזען פענסטער זיינען אַ בעליידיגונג, זיי רעדען פון פייגהייט, פון מיאוס'ע אינטריגעס און קריסטליכע קליינקייט..."

— „ביזנעס !" — האָט מיר אַ קריסטליכער געשעפטסמאַן געענטפערט, ווען איך האָב איהם אָבגעשטעלט אין מיטען פון זיין לויפען צו דער האָבאָקען פעררי — „דאָ מיינט מען נור געשעפט און די קאַטוילישע קירכען, וואָס קויפען די דאָזיגע בילדער מיינען אויך געשעפט."

— אַ שעהנע קונסט ! — האָב איך שמייכלענדיג בעמערקט — אַ לעבעדיגען אידען קענען די קריסטען ניט פערקויפען, בעווייזען זיי אַ קונץ און פערקויפען איהם אַ טוידטען. פוי ! וואָס פאַר אַ שענדליכע נקמה !...

— „יו אַר ד... ראַיט !" (ביזט פערדאַמט גערעכט) — האָט מיר דער מאַן מודה געווען און איז, לאַכענדיג אויפ'ן קול, אַוועק צו דער פעררי.

איך פיהל זעהר אָפט דורכגעהענדיג באַרקליי סטריט, ווי זיך אָבצורעכענען מיט די קאַטוילישע געצענדיענער. אויב יאַ אַן אויסשטעלונג פון אידישע מאַרטירער — טראַכט איך מיר — אויב יאַ אויסשטעלען פאַר דער וועלט פערגאָסענע אידישע בלוט, טו צו וואָס עפּעס אויסשטעלען אַ אידישען הרוג פון גליל פון צוויי טויזענד יאהר צוריק, וועלכען רוים זאָל נאָך האָבען געקרייציגט ?

איך וואָלט פונקט איבער'ן וועג פון די אויפּרייצענדע קריסט־ליכע באַלוואַנעס אויסגעשטעלט אַ סך גע'הרג'עטע אידען, טאַקע די קרבנות פון קריסטענטהום גופא ?

באַלד אָבער פאַלט מיר איין דער געדאַנק, דאָס באַרקליי סטריט איז ניט גרויס גענוג...

אַ קאָנצערט פון יתומים

איך האָב געהערט אַ קאָנצערט פון יתומים, וואָס איך וועל לאַנג טראָגען אין דער נשמה.

אויף דעם גרויסען, לופטיגען הויף פון אַ ניו יאָרקער יתומים־הויז איז דאָס געווען.

מיינער אַ פריינד האָט מיר צוגערעדט איך זאָל געהן הערען דעם יתומים־אָרקעסטער, וועלכער שפּיעלט יעדען מיטוואָך אבענד. די שפּיעלער זיינען טאַקע יתומים פון דעם אַנשטאַלט און זייער קונסט איז געווידמעט דורכאויס פאַר זייערע עלענדע, קליינע חברים און חבר'טעס, וואָס וואוינען מיט זיי צוזאַמען אין דעם הויז פון רחמנות.

ווען מיר זיינען דאָרט געקומען, האָבען די ערשטע טענער נור־וואָס געשפּאָלטען די לופט.

דער הויף איז געווען פול מיט די מיטליידס־קינדער, אינגעלעך און מיידעלעך, וועלכע האָבען געבלאָנדזשעט אהין און אהער. דער הימעל איז געווען שוואַרץ, וואו ניט וואו האָט געפינקעלט אַ פאַר־יתום'טער שטערען. אַ גרויסער עלעקטרישער לאָמפּ האָט געוואָרפען זיין פלאָם איבער'ן דונקעלען הויף, וואָס האָט באַלד געוויזען די ערנסטע פּנים'לעך פון די יונגע ווילקאָלאַקעס.

דער לאָמפּ האָט אויסגעזעהן ווי אַ גרויסע יאָהרצייט־ליכט, וואָס האָט העל, אָבער מעלאַנכאָליש געלויכטען.

אויף אַ לאַנגע באַנק, ניט ווייט פון דעם אומעטיגען לאָמפּען־שיין, זיינען געזעסען די מוזיקאַנטען מיט זייערע אינסטרומענטען און אַנטקעגען זיי איז געשטאַנען דער קאַפּעלמייסטער, אַ בעיאָהרענ־טער קריסטליכער מאַן, אַ דייטש, און האָט דיריגירט. פון דער וויי־

טענס איז געשטאַנען דער אַסיסטענט סופּעראינטענדענט, אַ סימפּאַ־טישער יונגער מאַן, אַ געוועזענער יתום פון דעם זעלבן אַנשטאַלט און זיין געאיבטער, גוטמוטהיגער בליק איז געווען פול אומעטום. ער האָט ליעב די קינדער און וואַכט איבער זיי מיט אַ בעזונדערע צערטליכקייט.

קיין מאָל האָט מוזיק ניט געהאַט איבער מיר אַזאַ גוואַלד ווי דיעזע יתומים קאַפּעליע אונטער'ן קאַרגען, פינסטערען הימעל, וואָס האָט געוועבט זיין שווארצען שווייגען איבער'ן אידישען ווייזען־הויז.

די אומגעבונג האָט געהאָלפען די מוזיק ארויסרופען די זעל־טענע שטימונג, פּערטיעפען און בע'טעמ'ען די קלאַנגען:

דער גערוימער, דונקעלער הויף מיט די שוואַך־בעלויכטענע יתומים־געביידען ארום, דער פערכמאַרעטער אַנטשוויגענער הימעל, די שורה פערשלאָפענע בוימער הינטער דער קאַפּעליע און דער דרימלענדער טייך האַדסאָן אין ווייטען הינטערגרונד פון ווייזען־הויז; דער מאָנטעפיאָרע האָם מיט זיינע לעבעדיגע טויטע, בלויז עטליכע גאַסען אָבגערוקט פון די שפּיעלער און דער „שפּאַציער" פון די יתומים איבער דעם טרעהרען־הויף — דאָס אַלץ האָט זיך צוזאַמענגעגאָסען מיט די יתומים־מוזיק אין אַ זיס־טרויעריגער האַרמאָניע, וואָס האָט מיך אין גאַנצען פערשלונגען.

אַ דאַרער, שוואַרץ־חנ'עווודיגער קאָרנעטיסט האָט אריינגע־הויכט זיין פער'יתום'טע נשמה אין זיין אינסטרומענט, דער קאָר־נעט האָט געוויינט, דער מעשענער באַס האָט צוגעקרעכצט און די בוימער האָבען זיך געוויעגט, געשאָקעלט מיט די קעפּ, זיי האָבען געזאָגט קדיש... און אַ פרישער, קיהלער נאַכט־ווינטעל האָט ארויפ־געוועהט פון האַדסאָן, געגלעט און געקושט די פער'יתום'טע באַקען, וואָס ווערען אַזוי זעלטען בעריהרט פון ליעבליכע ליפּען...

מען האָט דעם האַדסאָן ניט געזעהן, מען האָט אָבער געפיהלט, אַז אונטען אין זיין זילבערנע בעט ליעגט ער און לייענט קריאת שמע.

מען האָט דעם מאָנטעפיאָרע האָם ניט געזעהן און ניט געהערט די פיינליכע קרעכצען פון די אונהיילבאַרע, וואָס מאַטערען זיך דאָרט, אָבער דער שאָטען פון יענע האַלב־געשטאָרבענע האָט אומ־געשוועבט צווישען די בוימער. די נשמות פון די טויטע טאַטעס און מאַמעס פון די יתומים האָבען זיך געוויקעלט אין די ציטערדיגע אַקאָרדען פון די קאָנצערטיסטען. אַט וואָס זיי האָבען געשפּיעלט האָב איך אַלץ געהערט „יתגדל ויתקדש".

מיין פריינד איז אַזוי גערירט געוועזען, אַז ער האָט אַלע ווילדע צוגעצויגען צו זיך אַן אַנדער יתום און געקושט; מיט הייסער פּאָטער־ליעבע האָט ער זיי געקושט און געדריקט צו זיך און יעדע מינוט געשטעקט די הענד אין קעשענע און זיי געגעבען צו מטבע אויף פּירות און צוקערקעלעך.

— זעהט נור! — האָט פּלוצלינג געזאָגט צו מיר מיין גוטער פריינד, מיט ליעבשאַפט אין זיין מינע.

איך האָב אַ קוק געטהאָן אין הויף. מאַנכע מיידעלעך, יתומות האָבען געפיהרט פאַר די הענטלעך זייערע קליינע ברידער און האָבען זיי געגלעט און געדריקט צו זיך מיט צערטליכקייט און נשמה־טיעפער ליעבע, ווי מוטערס. מאַנכע ברידער זיינען געגאַנגען אָרומ־גענומען מיט אַזאַ איניגסטען געפיהל פון האַרציגע פערבינדליכקייט. זיי האָבען זיך געקלעפּט איינע אין די אַנדערע. זיי האָבען געוואוסט, אַז זיי זיינען יתומים, אַז זיי שפּאַציערען דאָ אין אַ הויף פון אַ ווייזען־הויז, פון אַ צדקה־אַנשטאַלט.

הונדערטע קינדער האָבען זיך געטומעלט און געשפּיעלט, אָבער אַלץ מיט אַזאַ דרך ארץ, מיט אַזאַ צוריקגעהאַלטענקייט, וואָס מען זעהט קיינמאָל ניט ביי קינדער, וואָס האָבען אַן אייגענע היים. איין קינד האָט דעם צווייטען ניט בעליידיגט מיט אַ גראָב וואָרט און ניט קיין קלאַפּ געטהאָן. און טאָמער האָט, שטיפענדיג, איינער דעם אַנדערען ניט ווילענדיג אַ שטויס געטהאָן, אָדער אַ שטאַרקערען ריהר געטהאָן האָט מען זיך ניט בעקלאָגט. מען האָט ניט געהערט

דאָס זשאַלעווען זיך פון שטוב־קינדער ביי יעדער געלעגנהייט אויס־שרייענדיג „פּאַ“! אָדער „מאַ!“... דאָס איז אַ יתומים־הויז, ניטאָ קיין „פּאַפּאַ“ און קיין „מאַמאַ“...

דאָס האַרץ האָט מיר פּערקלעהמט. איך האָב אַריינגענומען מיין געזיכט אין די הענד און געוויינט מיט די ביטערסטע טרערן.

דער קאָנצערט האָט געזאָלט בעשטעהן פון מוזיק און טענץ. די יתומות האָבען געזאָלט טאַנצען, אָבער דער אבענד איז געווען אַ פייכטער און מען האָט מורא געהאַט, זיי זאָלען זיך ניט פּער־קיהלען.

איך האָב שוין אַמאָל בייגעוואוינט, אין דעם זעלבּיגען אַנ־שטאַלט, אַ קאָנצערט בייטאָג, אויף דער ביהנע פון אַ זעהר עלעגאַנ־טען, בעקוועמען זאַל. דאַן איז דער סופּעראינטענדענט און דער פּרעזידענט אויך געווען דערביי און די קינדער וואָס האָבען זיך אויסגעצייכענט, האָבען געקראָגען מתנות. יענער קאָנצערט איז פּאָרגעקומען ביי די יעהרליכע „עקסערסייזעס“, דאָס איז געווען אַ הערליכע, בעגייסטערטע פאָרשטעלונג וואָס האָט געמאַכט גרויס עהרע דער פּערוואַלטונג, וועלכע האָט געקענט ענטוויקלען אין קליינע קינדער אַלע גראַציעזע פאָרמען פון פיזישע איבונגען.

דאָס מאָל איז דאָס אָבער געווען ביינאַכט, אונטערן נאַקעטען, פּערוואָלקענטען הימעל, איינער פון די געוועהנליכע, וועכענטליכע קאָנצערטען פון פּאַר יתומים. מיט דער טיעפסטער ריהרונג און מיט האַרץ־קלאַפּונג האָב איך פּערנומען די פּערשיעדענע טענער, מיין אויער האָט זיי איינגעזויגען און זיי האָבען זיך צומישט מיט מיין בלוט. אַ געהיימניספולע היילינקייט האָט געשוועבט איבער׳ן הויף, ווי יום־כּפּור צו דער „עבודה“.

— איינער פון אונזערע יתומים־מוזיקער איז איצט אַ בעריהמ־טער קאָרנעטיסט אין מעטראָפּאָליטאַן אָפּערא הויז — האָט מיר דער אַסיסטענט סופּעראינטענדענט ערקלערט.

— גוט! אַ גוטע, נאָבעלע ארבייט טהוט איהר דאָ — האָב

איך בעמערקט — אַ ווייזען־הויז איז אַ מקום־קדוש, איך האָב פאַר איהר רעספּעקט.

די קאַפּעליע האָט געשפּיעלט אַ שטיק וועהמוטה, אַ מין „יזכור". באַלד האָט אַ סיגנאַל פערקינדיגט דעם שלום פון דער פאַרשטעלונג.

איך האָב אויסגעשעפּטשעט „אמן".

א געזאַנג צו די לופט-רייזעס אין ניו יאָרק

טראָג מיך, הימעל׳ס טאָכטער פון געזאַנגען, נאָך די וועט־געיעגען אין דער לופטען. צום געזאַנג פאַר מוטה און אונערשראָקענ־הייט פון אַ נייעם דור; אַ נייע מענשהייט, שטים די סטרונעס דיינע אָן און זינג!

זינג פאַר גרעהעם ווהייט; פאַר האַקסי און פאַר דזשאַנסטאָן; פאַר דע־לעסעפּס; פאַר לאַטהאַם און פאַר אַנדערע בעצווינגער פון דער הויך.

פאַר די בראַווע גאַליליייער; פאַר קאָלאָמביאַ׳ס לופט־בעזיגער; פאַר די וואָלקען־זעגלער פון בריטאַניאַ עפען זיך מיט לויב.

זינג, נשמה! שעהנער, מוטהיגער און גרעסער אונטער אונזער זון איז קיין זאַך, ווי דער מענש געזאַטעלט אויף אַ וואָלקען.

אויף די ווינדען, וואו די אַלטע געטער פלעגען רייטען, רייט דער נייער מענש. העכער צו דעם הימעל; צו די שטערען קלעטערט רק זיין גייסט.

ניט מעהר וויל דער פערגענגליכער זיין העכערען „איך“ מיט די ערד די זינדיגע פער׳קנס׳ען. ער שטרעבט אַהין, פון וואו זיין זעעלע קומט.

ניין! ניט מעהר קען בלוט און פלייש — דער פלינקער פערד פון וועט־געיעגען איבער זיכערען וועג — זיך מעסטען אין געוואַגט־קייט און אין גיכקייט מיט די פליגעל־קינדער פון דעם מענש׳ס ערפינדונג, וועלכע לויפען וועט־געלאָפען צווישען שטויב און שטער־רען אין דעם וייטען חלל פון דער עטהער־וועלט.

יענע שנעלע קארעטעס און רייטוועגען אָלימפּיאַ'ס אין די גריכישע וועט־געיעגען זיינען קינדער־שפּיעלכלעך געגען די פאַנטאַזיע־קינדער פון דער לופט אין אונזער צייט.

ניט דער פעסטער באָדען איז דער וועט־געיעג־פּלאַץ איצטער — ניין! איבער דעם אונענדליך ווייטען שטח פון די אויבערשטע אָבגרונטען פאָכעט איהרע וועלטען־גרויסע פליעגעל די גאונות פון דעם מענש.

די ברענעדיגע אויגען פון די וועט־קאַשטאַנעס, פון די שימלען מיט די שוים־בעגאָסענע גאָמבעס, מיט די פּלאַטערענדע ברוינע און ווייסע גריוועס, זיינען צאַצקעס אין פערגלייך מיט אונזערע לופט־אָקרענטען פון דעם צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט.

אָט זיינען זיי פערזאַמעלט די וואונדער־שווימער פון דער הויך!

פון פראַנקרייך און פון ענגלאַנד זיינען זיי געקומען מיט אַמעריקאַ זיך יאָגען אין די לעערע ווילדערניסען און די קאַלטע סטעפּעס פון קאָלאָמביאַ'ס אונגעמאָסטענע רעגיאָנען פון דעם וועלט־אַל.

אָט דאָס איז גרעהעם ווהייט! דער ערשטער! זיין שוואונג איז ווי דער בליץ, ווי אַרויפגעשאָסען ווערט ער פון אַ מעכטיגען קאַנאָן פון דר'ערד צום וואָלקען.

און אייפערזיכטיג איז דער שטורם אין די לופט־פּאָמפּאַסען. דער איינציגער הערשער אין די שרעקליכע מדבריות פון די הימלען, וואו די הוריקאַנען וואוינען.

און זיי קעמפּפען אין דער הויך, דער לופט־מענש מיט דעם ווילדען עלעמענט. זיי ראַנגלען זיך עקשנות'דיג. אָט זיעגט דער מענש, אָט די נאַטור. יאָ, די נאַטור! צו שטאַרק, צו ווילד דער ווינד. אַרונטער איז דער מענש, דאָך ניט בעזיעגט.

אָט איז ער ווידער! אין דער הויך!

עס שרעקט דער שטורם און אַנטלויפט פערשעהמט, און מוטה פערקערפּערט אין אַ יענקי־מיידעל, באָסטאָן'ס בראַווע טאָכטער

עלענאָרא סיערס, פליעגעלט, ווי דער מאָרגענשטערען שעהן און פרעכטיג, דורך דעם טיעפען שווייגען מיט גרעהעם ווהייט אין איין מאשין.

ווי א לויתן שווימט דורך דעם ים פון עטהער, — לאטהאם. ווי א ריעזען־פיש איז לאטהאם׳ס לופט־באלון געמאָדעלירט. ווי מיט פלוס־פעדערען אָטהעמט זיין מאשין אין די ווינד־בעוועגטע וועלען פון דעם לופט־ים.

אָט קומט קאָלאָמביא׳ס „צווילינג“ האָקסי און דזשאָנסטאָן. אין פויגעל־שיפען קומען זיי פון זעלביגען פאסאָן, — א „צווילינג“.

ווי צוויי שטרייטענדע קאָנדאָרען קעמפפען זיי אין די וואָלקען. אָט איז ד ע ר פון אויבען, אָט איז י ע נ ע ר. זיי צירקלען אין דער לופט און יאָגען זיך, און דרעהען זיך, און מיידען זיך און קומען זיך צונויף. אוןביידע קעמפפער קעמפפען מיט דעם פירכטערליכען שנעע־און־האָגעל־שטורם אין דער לופטען וועלכער מיט א העלישען געוואלט זוכט צו בעזיעגעןביידע הויך־בעזיעגער.

און שטורם, און שנעע, און האָגעל, און מענש, און הויך און בערוף, און געשיכטע דרעהען זיך אין מורא׳דיגעןווירבעל־ווינד פון ניט געזעהענע וועלטען. און דזשאָנסטאָן שוועבט, ארויף, ארויף, אָדלער־מעסיג ימיט׳ן בליק צו די הימלען. און א הויך פון נייןטויזענד פוס פראָקלאמירט זיין רוהם — ער האָט געזיעגט.

דאָך וואו איז דע־לעסעפס ? דער נאָבעלער לעסעפס, יא, נאָבעל דורך זיין נאָבעלען גייסט. ער האָט פערבלאָנדזשעט אין די וואָלקען ; אין לאבירינטען פון די כמארעס איז זיין שיף פערלאָרען און ניטאָ.

הונדערט טויזענד הערצער קלאפען, צוויי מאָל הונדערט טויזענד אויגען בלאָנדזשען אונרוהיג און זוכען אין די ספערען. אָבער גרויע לעערקייט גלאָצט פון אויבען זיי אראָב.

הערבסט און קעלט, און רעגען פאלען אויף די שווער־בעזאָרגטע מאסען, וועלכע אונטען אויף דעם וועט־פלאץ שוידערען : „וואו איז לעסעפס, דער נאָבעלער לעסעפס ?“

און פראנקרייך'ס גייסט: א בלייך־נערוועזעס ווייב, די שווארצע האר צולאזט אין ווינד, די פייערדיגע בליקען שיסענדיג ווי פיילען אין די וואלקען, שטעהט און פרעגט: „וואו איז לע־סעפס? מיין נאבעלער לעסעפס!"

עס שווייגט די לופט. דער הימעל שווייגט און שטום איז אלץ ארום. א דראבנער רעגען קאפעט און א רויהער אומעט־ווינטעל כאפט איהם אויף און שפרייט איהם אויס אויף די געשטארבענע פעלדער.

ניטא לעסעפס! פערבלאנדזשעט אין די וואלקען. צוזאמען מיט די וואגעל־ווינדען, די יתומים פון דער לופטען, וואגעלט אום זיין שיף, און צווישען קעלט און פרעמדע, אונענטפלעקטע הויכען איז ער אויסגעגאנגען און פערשוואונדען.

אבער זעה! עס טהיילט א כמארע זיך פונאנדער און פון איהר גרויען נאסען בוזים שוועבט ארויס א שווארצע פליעג; א שווארצער קראה — א שווארצער אדלער — די לופט־שיף פון לעסעפס!

צוריסענע הערבסט־נעבעל הינטער איהם, אנטקעגען איהם אן אפענע וועלט. צום וועט־פלאץ לאזט ער זיך אראב, אוואו א מענש־הייט רוישט מיט פריידען און ענטציקען: „ער איז דא! ער לעבט! דער צויבערער פון די הימלען!"

* * *

אט אזוי, א, מענש! האסטו דעם ארט פון די געטער פערנומען. זייער הויף האסטו בעשטיגען; זייער הימעל. דו בעהערשט די הויכען און די טיעפעניסען.

ניט דער שטאלצער, פירכטערליכער צעאוס, ניט יופיטער דער דונערענדער, דער בייזער, דער אלמעכטיגער; ניט פאסיידאן דער הערשער פון די פלוטען, ניט פלוטא דער קעניג פון די אבגרונטען — ניין! קיינער פון זיי אלע, דו אליין נור, מענש, דיין געניוס איז געבליבען און וועט בלייבען.

דיין פאנטאזיע האט זיי אלעמען בעשאפען, געקרוינט און ענט־

טראַהנט. דיין גייסט האָט אַריבערגעלעבט דיין איינבילדונג און פערגעהמט אַליין איצט דעם אָלימפּ.

בעקראַנצט מיט יונגע לאַרבערען, געפליקט אין דעם צייטיגען וואַלד פון ערפאַהרונג און אַרומגערינגעלט מיט אַלטע אייביג-נייע שטערען, זיצסטו אויף דעם טהראָן פון אונשטערבליכקייט.

דיינע אַלטע ערפינדונגען ציטערען פאַר דיינע נייע. דיין בויד האָט זיך דערשראָקען פאַר דיין אייזענבאַהן. דיינע וואַסער-שיפען ציטערען פאַר דיינע לופט-שיפען, וואָס זעגלען און פליעגלען דורך די אויבערשטע שלונדען. דיינע אונטערשטע הארמאַטען שרעקען פאַר די באָמבעס דיינע, מיט וועלכע דו ווערסט רעגענען פון די וואָלקען.

שוין מוסטירסטו דיינע לופט-בעשאַפונגען פון אויבען אַנט-קעגען דיינע אייגענע פעסטונגען אויף דר'ערד.

און וואָס דו טהוסט און מאַכסט, און זוכסט איז, זיך אַליין נור צו בעזיעגען און פערניכטען.

וועט דיין ערפינדונגס-קראַפט, וואָס איז צוגלייך אויך דיין פערניכטונגס-קראַפט, פערניכטען ענדליך דיין לוסט צו פערניכטען דאָס ערפונדענע ?

וועסטו ענדליך ערפינדען דאָס ענדליכע ; דאָס גאַנצע, דאָס אייביגע, וואָס דיין גייסט זאָל דאָס מעהר ניט פער'מיאוס'ען און זאָל דאָס לאָזען בלייבען אָט דאָס, וואָס דאָס איז ?

ווען וועסטו, אָ, אונשטערבליך שטערבליכער, אָ, מענש ! אָנ-טהאָן פויגעל-פליעגעל צו דערפליהען צו דעם אייביגען, אונאונטער-בראָכענעם פריעדען ? צו דער הייליגער ליכט פון אונאויסלעשליכער ליעבע ?

פאַנטאַזיע

איינע פון די הויפּטזאַכען, וואָס ניט אַלע ווייסען ווי אָבצו־שאַצען, איז די מענשליכע פאַנטאַזיע. דער אַלגעמיינער בעגריף, פון פּראַקטיקעס איבערהויפּט, איז פיינדליך געניינט צו מענשען וואָס פאַנטאַזירען.

— דו ביזט אַ פאַנטאַסט! — וועט מען איינעם צוװאַרפען אַלס אַ חרפּה. מען וועט ניט טאַדלען אַ מענשען מיט די ווערטער „דו דענקסט“, „דו פיהלסט“, „דו זעהסט“, „דו הערסט“ אָדער „דו רעכענסט“, מען וועט איהם אָבער צושטעקען אַלס אַ שאַנד די ווערטער „דו פאַנטאַזירסט“, פּונקט ווי די פאַנטאַזיע וואָלט זיך ארומגעוואַלגערט אויפ'ן מיסט און יעדער דומער יונג וואָלט דאָס געקענט אויפהייבען און בענוצען.

פאַנטאַזירען — גלויבט דער עם הארץ, דער פּראָסטער מענשעל, וואָס געהט זיין געוועהנליכען אָקסען־גאַנג און זעהט ניט ווייטער ווי זיין נאָז — איז משוגעת. פאַנטאַזירענדיג, מיינט ער, קען מען גאָר ניט אויפטהאָן, גאָר ניט דערגרייכען און מען דולט זיך נור אומזיסט אַ מח.

דער אונוויסענדער מענש איז זיכער, אַז די פאַנטאַזיע איז אַן איבריגע זאַך און גאָט האָט געהאַט אַ ביטערען טעות ווען ער האָט דיעזע לופטיגע בריה בעשאַפען.

נו, פרעגט זיך די פראגע: זיינען די דומע יונגען גערעכט מיט זייער מיינונג, אַז די פאַנטאַזיע איז איבריג, אַז זי האָט גאָר ניט אויפגעטהאָן און וועט ניט אויפטהאָן? אַ פּראָסטער, אונגעבילדע־טער מענש קען אויך אַמאָל גערעכט זיין, מען דאַרף ניט זיין קיין פּראָפעסאָר צו זאָגען אַ גלייכע זאַך. איז אָבער דער פּראַסטאַק

גערעכט מיט זיין פערלאכען און בעליידיגען דעם פאנטאזיע־מענש, דעם מענש מיט דער גרויסער פארשטעלונגס־קראפט?

נאטירליך, ווען די, וואס מאכען זיך לוסטיג איבער דער מענש־ליכער פאנטאזיע, וואלטען געוואוסט, אז זיי לאבען פון זיך אליין; ווען זיי וואלטען פערשטאנען, אז זיי אליין פערגעטערן פאנטאזיעס און פאנטאזיארען, אז זיי אפלאדירען פאנטאזיע, וואלטען זיי געהאט א גאנץ אנדער בעגריף איבער דיעזער הימעלשער טאכטער, וואס וואוינט אין די מחות פון אונשטערבליכע.

נעהמט אוועק דעם מענשליכען כח הדמיון, נעהמט אוועק פון דעם מענש די פאנטאזיע און די וועלט בלייבט א שטאל מיט בהמות. דאס איז די פאנטאזיע, וואס האט דעם שטארקען כח אונז ארויפצונעהמען אויף איהרע פייערדיגע פליעגלען, אויפהויבען און אוועקטראגען אין די העכסטע און וייטסטע ספערען, וואו מיר געניסען די הייליגסטע בעגייסטערונג און ענטציקונג און זעהען פערווירקליכט אלע אונזערע אידעאלען.

איידער דער מענש האט געדענקט, האט ער פאנטאזירט, דורך זיין פאנטאזירען איז ער געקומען צום דענקען. דער געדאנק איז דאס קינד פון דער פאנטאזיע. יעדער פראקטישער אויפטהו, יעדע גרויסע ערפינדונג האט א חוץ איהר קאלטע, טעכ־נישע אויסרעכנונג אויך איהר פאנטאסטישע זייט, יעדער ערפינדער מוז זיין ביז א געוויסען גראד א פאנטאסט.

און איז ניט די פאנטאזיע מעכטיגער ווי די וויסענשאפט? האט ניט די פאנטאזיע מעהר אנהענגער, מעהר חסידים ווי דער קאלטער פערשטאנד? נעהמט אלע נאציאנען און זאגט אויב זיי האבען ניט אין זיך מעהר רעליגיעזע מענשען ווי וויסענשאפטליכע, און אויף וואס בערוהען אלע רעליגיאנען אויב ניט אויף פאנטאס־טישע מעשיות? די בעשאפער פון גלויבענס און זייערע תלמידים זיינען געוועזען די גרעסטע פאנטאסטען, זיי האבען געזעהען מערק־ווירדיגע וויזיאנען; זייער פאנטאזיע האט געארבייט טאג און

נאכט און בעזיעגט די וועלט. די פאַנטאַזיעס פון משה, בודדאַה, קריסטוס און מאַהאָמעד זיינען געוועז אַזוי מעכטיג, אַז אַפילו די וויסענשאַפטען פון דער נייער צייט קענען זיי ניט צושטערען. זייער איינבילדונג האָט געוואונען די וועלט, וועלכע קען זיך פון זיי ניט בעפרייען. די פאַנטאַזיע איז שטאַרקער ווי די ווירקליכקייט, זי האָט אַ גרעסערע ווירקונג אויף דעם מענשליכען גייסט און זי ברענגט אויך נוצען.

אָהן דער פאַנטאַזיע וואָלטען מיר ניט געהאַט קיין ישעיה, קיין יחזקאל, קיין האָמער, קיין דאַנטע, קיין שעקספּיער, קיין געטהע און קיין פּאָו. אָהן דער פאַנטאַזיע וואָלטען מיר ניט געהאַט קיין ראַפאַעל, קיין מיכאל אַנזשעלאָ און קיין ביעגאַזש. אָהן דער פאַנטאַזיע וואָלטען מיר ניט געהאַט קיין ביבליאָטהעקען, קיין קונסט־מוזעאומס, קיין אָפּערא־הייזער און קיין טהעאַטערע און — ווער וויים? אפשר קיין כעמישע לאַבאָראַטאָריומס און קיין טעכנישע אינסטיטוטען. דורך דעם פאַנטאַסטישען, מענשליכען בלאָנדזשען אין דער אַלכעמיע, זוכענדיג דעם חלום פון אַן „אייביגען לעבען" און נאָך אַנדערע חלומות, איז דער מענש געקומען צו דער גרויסער וויסענשאַפט פון כעמיע, וועמעס נוצען עס איז ניט אָבצושאַצען. דאָס זעלביגע איז מיט אַנדערע וויסענשאַפטען.

די וויסענשאַפט איז די שטאַרקסטע כלי־זיין צו געווינען די מענשען פאַר גרויסע אידעאַלען. מענשען עמי הארצים, הפקר־יונגען און לצים לאַכען פון דיעזער געטין, זיי מוזען אָבער ראָך קניען פאַר איהר וואונדערבאַרען כשוף.

צו אַלץ מוז מען געברויכען פאַנטאַזיע און פאָרשטעלונגס־קראַפט, אַפילו צו אַזא פּראַקטישע לעהרע ווי דער סאָציאַליזמוס, וואָס האָט נור מעהרסטענס צו טהון מיט סאָציאַלע עקאָנאָמיע און אַנדערע ערנסטע לעבענס־פראַגען, מיט ברויט און פּוטער.

אָט שטעהט אויף דער פּלאַטפאָרמע אַ בעגייסטערטער סאָציאַ־ליסטישער אַגיטאַטאָר, וואָס וויל געווינען דעם עולם פאַר זיין

אידעע. זייגע שיף זיינען אויסגעדרעהט; זיינע אונטערשטע, במחילה, שטארק אבגעניצט; זיין רעקעל איז טאנדעטנע און ערטערוויז צודריבעלט; ער איז אפשר ניט זאט אויך. ער איז אָבער פול מיט התלהבות, מיט רוח הקודש, זיין גוף איז פערדעקט מיט אָרעמקייט, אָבער זיין נשמה שימערירט אין דעם פלאם פון העכערע וועלטען. ער שטעהט און שילדערט די פערגניגענס, די ברייטקייט, ליכטיגקייט און צופריעדענהייט פון די צוקינפטיגע געזעלשאפט, וואָס איז נאָך דערוויילע ניט מעהר ווי א חלום, א פאנטאזיע. אין זאאל, וואו ער רעדט און היצט זיך, איז דונקעל, פערשטיקט און ברודיג, אָבער זיין פראָפעטישער געדאנקען־בליק איז פערטיעפט אין דער וויטער צוקונפט, און פונקט ווי דער פראנצויזישער פאָעט־פילאָזאָף, וואָלטער, האָט זיך געקענט אין מיטען ווינטער בעגייסטערן פון פריהלינג און איהם בעשרייבען מיט אזא קראפט, פונקט ווי אין מיטען מאי, אזוי שילדערט דער בעגאב־טער רעדנער די בליהענדע קוויטען פון דעם פריהלינג פון דער צוקינפטיגער געזעלשאפט. ער זעהט יענע גליהענדע רויזען דורך דעם טיעפען שנעע, דורך דעם קאלטען, הארצלאָזען ווינטער פון דער איצטיגער אונמענשליכער אָרדנונג, מיט די הייליגע פאָרשטעלונגס־קראפט פון א בעגייסטערטען פאָעט שילדערט ער א נייעס לעבען, וואָס דארף נאָך קומען, און די צוהערער אפלאָדירען. דער גאנצער זאאל איז פול פאנטאזיע, פול הימעלשע התפעלות; פול גליק און נחת. דער רעדנער וויזט מיט זיין פאנטאזיע־פינגער ווי זאטע, צופריעדענע און פרעהליכע בחורים און בתולות טאנצען אין די פרייע, שטאָדטישע לוסטגערטנער, אונטער חופות פון בלומען און גרינע, בליהענדע צווייגען; ווי די פרייע שטאדט־קאפעליעס פון געבאָרענע קינסטלער שפיעלען קלאסישע מוזיק־שטיקער און ווי די געזאנג־פויגעל, וואָס רייכע הולטאיסקע ספאָרטס האָבען ניט אויס־געשאָסען פאר פלעזשור, גיסען אראָב זייערע זיסע, העלע טרילערס פון די צווייגען.

די אָרעמע, בלייכע, הונגעריגע צוהערער אין דעם זאַאַל הערען די וואונדערבאַרע שילדערונג, זיי פערגעסען אָן זייער איצטיגען עלענד און יאָמער; פערגעסען וואו זיי זיינען. דער גאַנצער, אונ־גליקליכער, דערשלאָגענער, פער׳צרה׳טער און פערזאָרגטער פובליקום פערזעצט זיך אין יענער שמייכלענדער לאַגע, אין יענעם העלען הארמאָנישען לעבען. יעדער בליק שטראַהלט אויף, יעדער אויער איז אָנגעשטרענגט צו הערען די צוקונפטס־מוזיק, יעדעס האַרץ פּאַנגט אָן האַסטיגער צו קלאַפּען, די צוקונפט לעבט, זי אָטהעמט מיט האָפנונג און בשמים, זי געהט, זי קומט, זי נעהנטערט זיך, זי ערשיינט, זי איז דאָ! זי איז דאָ! דער חלום איז מקוים, ער איז אַ פאַקט; זיי בעגריסען איהם, זיי קעמפפען פאַר איהם, זיי זיינען גרייט פאַר איהם צו שטאַרבען!...

אָ, הייליגע פאַנטאַזיע! אָ, הימעלישע איינבילדונגס־קראַפט! אָ, געטליכע פּאָעזיע!

דאָך לייכטזיניגע מענשען, שוטים און לצים, וואָס קרימען זיך אויף דער פאַנטאַזיע, אויף פּאָעטישע פּאָרשטעלונגס־קראַפט, וועלען אָבלאַכען פון דעם ערהאַבענעם צוקונפטס־בילד אויף דער פערזאַמ־לונג פון פּראָלעטאַריער. זיי וועלען מאַכען אַ שמוציגע קאַריקאַטור און פּאָרשטעלען דעם גרויסאַרטיגען רעדנער פאַר אַ צוטראָגענעם, ווילדען, משונה׳דיגען פאַנטאַזיאָר און דעם גאַנצען עולם פאַר משוגעים.

די אונטערשטע שורה איז, זייט פּאָזיטיוו מיט אייער בעליידיגען די פאַנטאַזיע און בעטראַכטען איהרע ליעבלינגע אַלס געריהרטע מחות. די גאַנצע וועלט מיט איהר בעשאַף איז ניט מעהר ווי אַ פאַנטאַזיע פון אַ בעהאַלטענעם טרוימער. די נאַטור אַליין פאַנגט אָן צו טרוימען ווינטער פון דעם קומענדען פריהלינג, זאָנסט וואָלט זי ניט געקענט פאַרטיג ווערען. דער פאַרמער וואַרפט אריין זיינע זריעה אין דר׳ערד איבער ווינטער, ער זיצט אויף זיין פערשנעעטעם פעלר און פאַנטאַזירט פון די קומענדע בליהונג, פון

די פעטע זאנגען און פולע זאשיקעס. ארײנלעגען א קארטאָפעל אין דר'ערד איז א פאנטאזיע. דאָס איז די פאנטאזיע פון אײביגען „װערען" און „זײן", די פאנטאזיע פון פראָגרעס. די פאנטאזיעס פון ה י י נ ט זײנען מעהרסטענס די װירקליכקײטען פון מ אָ ר ג ע ן און די, װאָס שטעקען ארױס א שװארצע צונג די פּאָעטען און פראָפעטען פון דער מענשהײט, װעלען פערשװינדען װי א רויך אין דעם תהו ובהו פון זײערע אײגענע אומגעלומפּערטע לצנות. דער נביא יחזקאל מיט זײן פאנטאסטישע „מעשה מרכבה", װעלכע װײזט איהם גאָט אלײן אין זײן גאנצע מאיעסטעטישע ערהאבענהײט, לעבט און װעט אײביג לעבען, אבער די „טמא שפתים", די „אונרײנע לעפּצען", װאָס האבען דיעזע הימעלשע װיזיאָן, דיעזע געטליכקײט פערשפּאָטעט, איבערגעקרימט און בעלײדיגט, זײנען אָבגעמעקט און פערגעסען.

די שטרעבענדע מענשהײט פאנטאזירט, זי האָט א געװאלדיגע פאָרשטעלונגס-קראפט און װעה איהרע פערלאכער און ציניש בעלײדיגער!

פון די קעטסקילס

פון די קעטסקילס

בעאָבאַכטונגען זייענדיג אין דער אייזענבאַהן.

די רייזע פון ניו יאָרק נאָך די קעטסקיל־בערג איז מעהר ווי אינטערעסאַנט. זי איז בעגייסטערענד. דער וועג איז סך הכל א צוויי, דריי שעה מיט׳ן שנעלצוג, אבער מען זעהט אזוי פיעל, אז די בליקען ווערען מיעד פון ענטציקונג.

וואָס ווייטער מען איז פון די „וואָלקען־קראַצערס" און פון די אומגעלומפּערטע טענעמענט־הייזער, וואו מען האָט זיך צו קראַצען, האָט מען אַלץ מעהר וואָס צו בעוואונדערען אין דער נאַטור.

איידער מען זעהט זיך ארום סאָפּעט אריין דער אייזערנער פערד צווישען די גרינע גיגעלגיקעס, וועלבע ער שרעקט א האָאר ניט איבער. ער האָט ביי זיי א פּנים פון א זשומענדע פליעג. זיי זיינען צו שטאָלץ איהם צו שענקען די קלענסטע אויפמערקזאַמקייט. ער בלאָזט זיין הייסען אָטהעם אין דער לופט, פייפט און שרייט: „טרעט אָב, מאכט א ווארע"! פון זיין שווארצע שטאָהלענע נאָז זעצען רויך און פלאַמען, אָבער די פעלזיגע ריעזען הערען זיך גאָר ניט איין און גלאָצען קאַלטבלוטיג אין די הימלען.

שרעק און געטליכקייט שיסען פון זייער הויך און אַלץ פערליערט זיך אין זייער פּחדים׳דיגע שוידער נאָהענטקייט.

זייערע בערד זיינען וועלדער און זייערע הערצער — פעלז און אייזען; זייערע קעפּ — גראַניט און זייערע טורבאַנען — די וואָלקען פון די הימעל־סטעפּעס; זייער שפּיי — וואסער־פאַלען און זייער וואונק — דער קאָנצערט פון די דונערען. זיי טרייסלען זייערע צעפּ און דעמבעס פאַלען, אויסגעוואָרצעלט ליעגען זיי ווי ארויסגעאַקערטע דערנער.

די רעלסען ציהען זיך דורך זייערע שטיינערנע ריפען, אָבער זיי פיהלען דאָס ניט. איבער זייער מעכטיגער הויך פליגעלט די קראָה פון דער ווילדערנים און צו זייערע וועלטען־שטאַרקע פים קנייטשט דער האָדסאָן זיין זילבערנעם שטערען.

ווער קען בלייבען רוהיג אין א רייזע דורך די קעטסקילס?

איך זיץ אין וואגאָן און קוק דורכ'ן פענסטער. דאָס מענשליכע אויג איז דום גענוג צו גלויבען, אז די בערג לויפען פארביי, אז דער האָדסאָן אנטלויפט, אז די שעהנסטע לאנדשאַפטען איילען אוועק. דאָך, דער פארביילויפענדער איז דער מענש. דאָס לויפט זיין צוג, זיין ציוויליזאציע, זיין בעגייסטערונג, זיין התפעלות. די בערג שטעהען אויף אָן אָרט, אין תהום גרונטעווען זייערע פונדאַ־מענטען און זייער בעשטאַנד איז אייביג.

איך קוק דורכ'ן פענסטער און שטוין איבער די אייביגע גבורה פון די בערג, וואָס קייטלען זיך אזוי מערקווירדיג זעלטען איינע אין די אנדערע. ווי קונסטרייך, ווי געניאַל זיי וואקסען ארויס איינע פון די אנדערע! ווי זיי זיינען צונויפגעקניפט איינס מיט דאָס אַנדערע! דאָך איז יעדער בארג א זאַך פאַר זיך, ערהאַבען אויף זיין אייגענעם חשבון, שטאָלץ, צום בעוואונדערען, אין זיין אייגענע פרעכטיגקייט.

און פון צווישען די בערג שמייכלען ארויס שעהנע טהאָלען מיט הייזער. די גרינע וויזען לעבען מיט בהמות, מיט ארבייטענדע בויערען. ווי פליעגען זעהען זיי אוים געגען די ווילד־בעוואַקסענע קאָלטונעוואַטע בערג.

מיין הארץ, מיין נשמה, מיין גאַנצער „איך“ איז פול מיט הייליגע בעוואונדערונג: ווי גוט איז דאָ צו זיין! ווי ריין און שעהן, און תמימות'דיג עס קראַנצען זיך דאָ די טעג און די יאָהרען אין דעם זוניגען בוקעט פון לעבען! דער אייביגער ריח פון געבענשטע נשמה־געווירצען טראָגט זיך דורך ליכט און עטהער פון אַלע זייטען...

אין מיטען־דערינען דערזעה איך פון ווייטען עפּעס ווייסעס. א ווייסער פלעק אויף א גרינער לאָנקע.

ווי שעהן און ווי אויסער אָרדנונג!

זאָל דאָס זיין א שטיק בליהענדע רעטשקע? א וועלדעלע מיט יונגע, זילבערהוויטיגע בעראָזקעס? א לאַגער פון ווייסע טויבען, אָדער א פּאַס ניט צוגאַנגענע שנעע פון לעצטען ווינטער? — אויף די בערג איז קאַלט.

אָט האָט שוין דער לאָקאָמאָטיוו דעריאָגט און איבערגעיאָגט די ווייסקייט, — דאָס איז א בית־עולם, מיט ווייסע צוקאָפּענס־שטיינער. דאָס ליעגען אויף א בערגעל די, וואָס זיינען געשטאָרבען אין טהאָל...

עס האָט מיר דערלאַנגט א קלאַפּ אין הארצען; וועה! אין די בערג שטאַרבט מען אויך און איך פאָהר דאָרט זוכען לעבען!

די גרינע פעלזען־ריעזען האָבען מיר פּלוצלונג אויסגעזעהען ווי קאַרליקעס: ניין! זיי זיינען ניט דאָס, וואָס זיי שיינען צו זיין.

די פרייע, לופטיגע בערג האָבען זייערע קברים פּונקט ווי די ענגע, שטיקענדע שטאָדט־גאַסען. ווען די צייט קומט אָן, פערפעהלט דעם מענשען אָטהעם אין די קעטסקיל־בערג, פּונקט ווי אין עסעקס סטריט. די ים'ען זויער־שטאָף, וואָס שטראָמען ארום און ארום קענען ניט ערפרישען און אויפהאַלטען אַן אָבגעלעבטען לעבען.

דער שנעלצוג לויפט דערוויל פאַרביי נאָך א בית עולם. איך קעהר זיך אָב פון פענסטער און קוק זיך ארום אויף מיינע מיט־פאָהרער, די לעבענס־זוכער, אויף זייערע אונגעזאָרגטע, צופריעדענע געזיכטער, אויף זייערע רוהיגע, שמייכלענדע מינעס. נעבען מיר איז געזעסען א יונגעס מעדכען, וועלכע איך האָב די גאַנצע צייט כמעט ניט בעמערקט. זי איז געווען אָבגעקעהרט פון פענסטער און האָט געלעזען אַן ענגלישען בוך. מיינע געדאַנקען זיינען ניט געווען איהרע. ניט עס האָבען איהר געקימערט די גרינע בערג און ניט די ווייסע מצבות. זי האָט געלייענט א ראָמאַן און האָט דאָרט

געפונען אַלץ, וואָס איהר האַרץ האָט געלוסט. אין די ראָמאַן־צייט פון לעבען פילאָזאָפירט מען ניט און מען זוכט ניט קיין גרינגע לאַנדשאַפטען פאַר בעגייסטערונג — מען טראָגט זיי אין האַרצען. אין די געפיהלען בליהען זיי. די העכסטע קעטסקיל־בערג שטאַרען דאָרט אין זיבעטען הימעל אריין. פון די דעמבעס, וואָס וואַקסען אין די וועלדער פון די יוגענד־בערג, בליקט ניט אַרוים דער שוואַר־צער שאטען פון טויט, די ליעבע איז שטאַרקער ווי דער בית־עולם, קיין גריבער שרעקען איהר ניט, די יוגענד־זון איבערשטראַהלט זיי און בעגיסט זיי מיט ליכט און בלומענדופט. אפילו די נאַכט שרעקט איהר אויך ניט.

די שעהנסטע נעכט זיינען די ליעבעס־נעכט. די ליעבע איז מחדש די שעהנסטע לבנה און דורך דעם גרינעם דאַך פון איהר סוכה זעהען זיך די העלסטע שטערען.

איך האָב אַ קוק געטהאָן אויף מיין לעזענדע, יונגע נאַכבאַרין און האָב ווידער אַ קוק געטהאָן דורכ'ן פענסטער. דער געגענד איז פול מיט גלאַנץ און צויבער. די בערג זיינען דאָפעלט שעהן און קוקען אוים אזוי נאַאיוו, אזוי נשמה'דיג! פון ווייטען זעהט זיך אַ ניי הויז, די ברעטער זיינען נאָך ניט אָבגעפאַרבט, דער רויטער ציעגעל־קוימען איז פריש, עס האָט נאָך דורך איהם קיין רויך ניט געצויגען און קיין שטאַרקע ווינדען ניט געוואָיעט. שעפסען פיטערן זיך, אַ הינטעל בעוואַכט זיי.

אַ ערליכע אידיליע!

וואָס זיינען די בערג שולדיג וואָס מיר שטאַרבען? ווי שעהן, ווי מאַיעסטעטיש זיי שיינען אין דער גאָלדענער זון פון מיטאָג־צייט!

גאָט! וואָס פאַר אַ ערליכע פאָעזיע דו האָסט געשריבען אין גרינע בערג! פעלזען געברויכסטו אַלס בוכשטאַבען און קליינע שטיינדלעך אַלס נקודות.

נור, ניין! דאָס איז קיין שיר, דאָס איז אַ גרינע, מעכטיגע

בערג־סימפּאָניע. די בוימער פון אויבען זיינען די נאָטען געזונגען פון דער נאַטור אַליין.

איך זיץ און האָרך די אייביגע מוזיק. איך בעטראַכט די העכסטע בערג — די אויבערשטע „צע" און די טיעפסטע טהאָלען — די אונטערשטע „דאָ". וועלכע הויכע טענער און וועלכע אונטער־שטע! — ווי ערהאבען און ווי טיעף!...

אומזיסט, דו אייזערנער פערד! מיט דיין קרעכצען און הירזשען וועסטו גאָט'ס קאָמפּאָזיציע ניט פערטומלען. דו ביזט אויך אַ שעהנע שטיק נשמה־ארבייט, אַן אייזערנע סאָננעט, אָבער ניט אַזוי הערליך ווי די סימפּאָניע פון די בערג.

שאַ! די געטליכע אַקאָרדען קומען אַלץ נעהענטער, זיי גרייכען מיר דעם אויער. איך הער ניט מעהר דעם שווערען גאַנג פון צוג, איך הער נור די הימעלשע מעלאָדיע פון די וועלדער, דעם נגון פון די בערג. מיין גייסט איז אָנגעפילט מיט די אייביג־לעבעדיגע טענער פון די ערקוויקענדע קעטסקילס.

אויפ'ן שפּיץ באַרג

איך האָב שטענדיג געגאַרט אַרויפצוגעהן אויף אַ הויכען באַרג, יאַ, אַרויפצוגעהן אַליין; אַרויפצוקריכען, זיך אַרויפדראַפּענען, אַרויפמאַטערען מיט אייגענע קרעפטען, אָבער ניט אַרויפפאָהרען.

איך האָב שוין אַמאָל פּרובירט בעשטייגען אַ באַרג דורך פרעמדע כחות, דורך די געפעליגע הילף פון גוטע, שטאַרקע פערד. עס איז ניט שלעכט געוועזן, אָבער גוט אויך ניט: איך האָב אַלץ מורא געהאַט אַ פערד זאָל זיך ניט אויסגליטשען און אויסקעהרען מיין וואָגען. איך האָב געמוזט זיצען און גאָט בעטען פאַר די פערד, זיי זאָלען זיך חלילה ניט פערבעזערן, ניט אַ בריק טהון און מיך ניט אַרויסוואַרפען.

איך האָב געהערט פון ערפאַהרענע לייט, אַז דער באַרג איז צוויי מאָל אַזוי אינטערעסאַנט ווען מען דערגרייכט זיין שפּיץ אַליין, און איך האָב מיך בעשלאָסען אַרויפצוקלעטערן אויף איינעם פון די העכסטע קעטסקיל־בערג.

מיר איז ניט אַזוי שטאַרק נוגע געווען דאָס קריכען, דאָס דראַפּען זיך, ווייל ווי מען פערשטעהט, גיט דאָס קיין געזונד ניט צו. מען ווערט מיעד און אויסגעמאַטערט, און ווען מען קומט שוין גאָר אַרויף אויבען, קען מען זיך קוים האַלטען אויף די פיס.

מיך האָט זעהר שטאַרק געאַרט, וואָס עס טהוט זיך אויפ'ן סאַמע שפּיץ פון באַרג; ווי מען פיהלט אַז מען איז שוין אַרויפגעקראָכען אין דער הויך?

אַליין איז מיר געווען עפּעס אומעטיגלעך אַזאַ אונטערנעהמונג צו מאַכען, עס זיינען דערפאַר מיט מיר מיטגעגאַנגען מאַנכע טשיקאַווע מענשען פון מיין האָטעל, וואָס האָבען מיר פערזיכערט,

אז זיי זיינען אויך בעגייסטערט פאר דער אידעע צו שטייגען אויף די בערג.

מיר זיינען ארוים באלד נאך פריהשטיק.

דער הימעל איז געווען טיעף בלוי. וואו־ניט־וואו זיינען געשוואומען קלאר־ווייסע וואלקענדלעך, וואס האבען געבלישצעט אין די גאלדענע שטראהלען פון דער זון, ווי גלאנציגע שטיקער פערל־מוטער. די בוימער האבען זיך באלד געסוד'עט, באלד געווען פערטראכט, ווי זיי וואלטען ערווארטעט א בשורה פון די בערג. עס איז געווען ווארם אבער ניט שטיקענד. פרייע, פרישע לופט האט געוועהט פון טויזענד לאנקעס, — עס איז געווען א הערליכער מארגען!

איך האב זיך גוט אונטערגעגארטעלט, האב גענומען א בארג־שטעקען אין האנד, א שטעקען מיט א שארפען שפיץ, אריינצו־שטעקען אין דער ערד אום זיך אבצושפארען און זיכערער צו קריכען ארויף. אויף זיך האב איך גענומען א רייזע־טאש מיט א שפאקטיוו און א שטיק ברויט און בין געגאנגען.

מיינע מיטגעהער האבען דוקא געזוכט אן אויסגעטרעטענעם וועג אין די בערג, איך האב אבער געוואלט געהן דארט, וואו קיינער האט נאך ניט געטרעטען.

וואס העכער מיר זיינען געגאנגען אלץ מעהר האבען מיר זיך פערמאטערט. א פאאר אונערפאהרענע יונגע לייט, וואס האבען געמיינט אז קלעטערן אויף די בערג איז א קינדער־שפיעל, האבען זיך צוריקגעקעהרט באלד ביים אנפאנג, א פאאר האבען זיך צוריק־געקעהרט פון העלפט וועג. איינער, א נערוועזער יונגערמאן, האט זיך דערשראקען פאר די הויך, האט געמאכט א פאלשען טריט, זיך א גליטש געטהאן און איז אראבגעפאלען אין טהאל. מען האט איהם נאך ניט געפונען. אנדערע זיינען געווארען הונגעריג, קיין טרוקען ברויט האבען זיי ניט געוואלט עסען און זיינען צוריק ארונטער אונטען.

איך בין געגאנגען.

ווען איך בין געוואָרען מיעד, האָב איך אריינגעלאָזט מיין שאַרפען שטעקען אין דר'ערד און זיך אביסעל אָנגעלעהנט. טרוקען ברויט האָב איך געגעסען און פערטרונקען די ריינע וואַסער פון די בערג און האָב אַלץ געשפּרייזט ארויף, העכער, העכער, צום העכסטען אָרט, צום שפּיץ פון באַרג.

די געדיכטע, צופּלאָנטערטע געוויקסען און דערנער האָבען געמאַכט שווער דעם גאַנג; די פערצווייגטע ביימער האָבען קוים געלאָזט דורכקוקען צום הימעל. ווען איך האָב דערזעהן א שטיקעל הימעל, איז ער געווען שוואַרץ, פערוואָלקענט. עס איז געוואָרען קיהל. פּלוצלונג האָט עס דערלאַנגט א בליץ דורך די ווילדע דונקעל־הייט, באַלד האָט דאָס גענומען רוישען אין דער לופטען, ווי מען וואָלט דאָרט געמאָלען אין זשאָרנעס; ווי שווערע מיהל־שטיינער וואָלטען זיך געריבען איינע אן די אנדערע. גלייך האָט דאָס געטהאָן א קלאַפּ און א צוק דורכ'ן פינסטערען וואַלד.

דער בליץ האָט געטראָפען א פעלז און האָט איהם צושפּאָלטען, באַלד האָט ער אויסגעוואורצעלט א מעכטיגען בוים און איהם דער־לאַנגט א ציה אויס אין זיין פולע לענג איבער אנדערע ביימער און ביימלעך, וואָס ער האָט געקריפּעלט מיט זיין מורא'דיגען פאַל.

ווידער האָבען זיך מאַנכע פון מיינע בעגלייטער אומגעקעהרט צוריק און האָבען מיך אויך צוריקגערופען, אבער איך האָב זיך אויסגעלאַכט. איך וויים, אז דער טהאָל האָט אויך זיינע געפאַהרען, איך וויים, אז עס דונערט און בליצט אונטען אויך, אויב חלילה יא א סיבה, טו זאָל דאָס מיך כאָטש טרעפען אין דער הויך, וואו איך וועל שטאַרבען ווי משה רבינו — אויפ'ן באַרג.

אמת, עס איז געווען שרעקליך, אָבער שעהן. אונטען איז אזא סצענע ניט אזוי שוידערענד ערהאבען.

און די גרויסאַרטיגע הימעל־שטיפעריי האָט ניט אויפגעהערט:

דער דונער האָט געהילכט איבער די בערג און דער בליץ האָט אַלע רגע געצוקט און צוגעלויכטען מיין דונקעלען וועג.

אָפט פלעגט זיך מיר דאַכטען, אַז עס ציטערט דער באָדען אונטער מיינע טריט; אַז אָט כאַפּט זיך אַרויס אַ גייסט פון צווישען די שוואַרצע ביימער און טהוט מיר וועה; אַז אָט, אָט גליטש איך מיך אויס. אָבער דאָס זיינען בלויז געוועזען שרעק־פאַנטאַזיעס. אונטער מיין פוס איז געוועזען פעסטער גראַניט; מיין וועג — אייביגע פעלזען.

מיט איין מאָל איז דאָס געוואָרען שטאַרק קאַלט. עס האָט גענומען פייקלען אין די בלעטער און קלאַפּען אין די צווייגען און איך האָב דערפיהלט טראָפּענס קאַלטע וואַסער אויף מיין האַלז — עס האָט גערעגענט.

דאָס איז געוועזען איינע פון די זעלטענסטע פאָרשטעלונגען. דער דונער, דער בליץ, דער שלאַנג־רעגען און די אימה'דיגע געשרייען פון ווילדע, בעהאַלטענע בערג־פויגעל איז געוועזען אַ קאָנצערט, וואָס איז פרעמד אין די טהאָלען.

איך האָב פערשטאַנען, אַז עס איז שוין ניט פריה.

— ווי שפּעט איז דאָס? — האָב איך אַ פרעג געטהאָן.

קיין ענטפער.

ווי פון אַ חלום בין איך פּלוצלונג אויפגעשפּרונגען.

ערשט נעבען מיר איז קיינער ניטאָ, איך געה די גאַנצע צייט איינער אַליין, אָהן פריינד, ניטאָ צו מיר קיין חבר. נור וויט, אָבגערוקט פון מיר, האָבען זיך דורך די ביימער בעוועגט ווי שאַטענס די לעצטע צוויי פון מיינע בעהאַרצטע נאַכפאָלגער. זיי האָבען זיך ניט צוריקגעקעהרט און זיינען געגאַנגען מיט מיר ביז צום שפּיץ.

דער וועג האָט אָנגעהויבען ווערען העלער, די ביימער זיינען געוואָרען שיטערער, זעלטענער, מיינע פריינד האָבען זיך גענומען

נעהנטערען צו מיר און צוזאמען האָבען מיר דערגרייכט דעם העכסטען באַרג.

אויבען האָבען מיר אַביסעל גערוהט, זיך אַרומגעקוקט, אָבער עס איז ניט געווען וואָס איבעריגס צו בעמערקען. מיר זיינען אַלץ געווען אויף דר׳ערד. די זעלביגע זאַמד און שטיינער, נור אנשטאט צו ליעגען אונטען, ליעגען זיי אויבען. מוראַשקעס, ווערים, שפּינען, וואָס קריכען אין דער הויך. אויף אַ שטיין זיינען געווען אויס־געקריצט נעמען פון מענשען. סמנים, אַז אימיצער האָט שוין בעשטיעגען די הויך, אַז מען איז שוין דאָרט געווען פריהער פאַר אונז.

— ניט כדאי געווען צו קריכען אַ גאַנצען טאָג, — האָט איינער בעמערקט.

— ניטאָ וואָס צו זעהן, — האָט צוגעזעצט אַ צווייטער.

איך האָב אַ קוק געטהאָן אין דער הויך. מיר זיינען נאָך אַלץ ווייט, ווייט פון הימעל. מיר שטעהען טאַקע גוואַלדיג הויך, אָבער אַלץ אויף דר׳ערד.

ווען איך האָב אַראָבגעקוקט אונטען, האָט מיך אָנגעכאַפּט אַ שווינדעל. איך האָב ערשט דערזעהען ווי הויך איך בין איבער די שטערבליכע, וואָס בעוועגען זיך אין די טהאָלען.

איבער פיער שטאָאַטען האָב איך פון מיין הויך אַריבערגעקוקט. דער טייך האָדסאָן האָט געשיינט פון אויבען שמאָל ווי אַ ווייסע טאַשמע.

—ווי הויך און ווי ניעדריג מיר זיינען! — האָב איך געזאָגט צו מיינע פריינד.

די זון האָט אָנגעהויבען צו ווערען רויטער, פייערדיגער. פון אונטער ווייטע, אונבעקאַנטע וואָלקען האָט געוואונקען מיט שאַטען־הענד די אומעטיגע מנחה־צייט.

דער שפּיץ באַרג, אויף וועלכען איך בין געשטאַנען, איז געווען

ניט זעהר ברייט, און איך האָב מורא געהאַט איך זאָל אין די אָנקומענדע דונקעלהייט פון אבענד חלילה ניט אַרונטערפאַלען.

אין לעבענס־געפאַהר בין איך געשטאַנען אויפ׳ן קאָפּ פון העכסטען באַרג און געקלערט אויב עס האָט זיך געלוינט.

אַ צווייטען מאָל וואָלט איך שוין ניט וועלען דאָס זעלביגע דורכמאַכען.

די קעטסקילס פון דער צוקונפט

(א פאנטאזיע אין די בערג)

דאס איז א תמוז־מארגען אין די קעטסקיל־בערג.

אנגעטהאן אין א דיקען, וואלענעם יאק און מיין ווינטערדיגען איבער־ראק, פערקנעפעלט אויף אלע קנעפלעך, געה איך מיר דורך דעם דערפעל, וואו איך פערברענג מיין וואקאציע.

מיט איינינע יאהר צוריק איז דאס געווען א גוי'שער דערפעל. די הויפט בעלי בתים זיינען דא געווען קאטוילישע גלחים. אויף איינעם פון זייערע הויפט־האטעלען איז געהאנגען א ווארנונג, אז „הינד און אידען ווערען ניט אריינגענומען".

מיט דער אויסנאהם פון דעם האטעל־אייגענטהימער'ס הונד און דעם איד יעזוס קריסטוס, נאטירליך. זיי האט מען דארט יא אריינגעלאזט.

איצט איז דער דאזיגער דערפעל איינער פון די בעוואוסטע אידישע זומער־פלעצער. אידען האבען דא א שוהל, א שוחט און גוטע שמאלץ־הערינג.

די האטעלען זיינען „סטריקטלי כשר". אלץ איז אידישלעך, לויט דער תורה, ווי גאט האט געבאטען. שבת רוהען זיך דא אויס די אידישע פערד, דיענסט־מוידען, די אקסען און די עזעל... פונקט ווי עס איז פערזאגט אין די „עשרת הדברות".

פון יענעם אנטיסעמיטישען האטעל־בעל הבית איז שוין קיין זכר ניטא. דער „זשארגאן" בעהערשט די בערג. מאנכע אלטע, בעזע הינד זיינען נאך איבערגעבליבען. זיי בילען גוי'איש און דרעהען מיט די עקען ארום דעם לעערען האטעל און די לעדיגע קלויסטערס, וואס האבען ניט ווער עס זאל אין זיי קומען קניען און

װעלען באַלד אָנהויבען אַליין צו פּאַלען אויף די קניע... סיידען אידען זאָלען זיי אָבקויפען און זיי פערוואַנדלען אין עפּעס אַנדערש... אָט די אַלטע הינד גיבען נאָך אַ מאָל אַ האַװקע אויפ'ן שוחט, אויפ'ן אידישען קצב, אויף דער שוהל, אבער מען הערט זיי ווי די קאַץ. זיי האָבען שוין קיין כח ניט און קענען ניט בייסען. אגב כאַפּען זיי ביי אידען אַ כשר'ן ביין און שטומען.

בין איך הייסט עס ווינטערדיג אָנגעטהאָן און מאַך אַ מאָרגען־שפּאַציער דורך דעם דערפעל.

עס איז נאָך גאַנץ פריה, בעגינען. די אידישע העהנער קרעהען און איך הער זיך איין און קוועל... זיי קרעהען „שירה“, יעדער האָהן אויף זיין בערגעל מיסט...

די לופט איז ריין, פריש, קרעפטיגענד.

די נאַכט אַנטלויפט פון די בערג. שוואַרצע ריעזען, וואָס גרייכען מיט די קעפּ אין די וואָלקען, שפּרייזען אַוועק און פער־ליערען זיך הינטער די וועלדער און עס דערזעהען זיך גרינע בוימער, אַ ווייסער אָטהעם הויבט זיך אויף פון די טיעפע גראָזען און בלעטער־קוסטען און שטייגט צו די בערג. דער מאָרגען עפענט אַלץ מעהר און מעהר זיינע ליכטיגע אויגען, — עס איז יונגער טאָג אומעטום.

אַזוי ווי גאָט האָט אָבער בעשאַפען די קעטסקיל־בערג מיט דער איינציגער כונה, זיי זאָלען מאַכען די אידישע זומער־באָרדער אַפּעטיט צום עסען, האָב איך געהענדיג אויך אָנגעטראָפען אידען און אידענעס, וואָס זיינען ארויס כאַפּען אַ בעגינען־גאַנג אין דער פרייער שמעקעדיגער גאַס, אום ניט צו פערשעהמען דעם פריהשטיק און געבען צו פערשטעהן די אייגענטהימער פון די האָטעלען זיי זאָלען ניט זשאַלעווען „גאָט'ס גאָב“ און זאָלען דערלאַנגען צום טיש וואָס מעהר...

איך, אַלס אידישער שרייבער, בין געגאַנגען בלויז צוליעב בעגייסטערונג. אַפּעטיט האָב איך ברוך השם מיטגעבראַכט פון

ניו יאָרק... איך האָב איהם דאָ מורא געהאַט צו רייצען אום איהם ניט צו מאַכען אַ בעז האַלז, דען וואָס טהו איך אַזאַ צולאָזענעם אַפּעטיט, ווען ער קומט חלילה מיט מיר צוריק אין שטאדט?

און אַ זומער־מאָרגען אין די בערג איז בעגייסטערענד. די נאַטור איז איינפאַך, נאַטירליך. וואו מען ווארפט אַ בליק איז גאָט און נשמה. עס שמעקט מיט קרייטעכער און פריש־געשניטענע היי. מאַנכע ווילאָס און זומער־הייזער זיינען בעהאַלטען אין די גרינע בוימער, וואָס רינגלען זיי אַרום, אַז מען זעהט זיי קוים אַרויס; מען וואָלט זיי אפשר פאַרביי־געגאַנגען אונבעמערקט און גאָר פערגעסען, אַז דאָרט ראָיען זיך מענשען, ווען ניט די שפּיעל־קאָרטען, וואָס וואַלגערען זיך אום נעבען יעדער הויז, וואו עס וואוינען אידישע זומער־געסט.

אָט וואו אַ הויז, דאָרט צושאָטענע קאָרטען פאַר׳ן טהיר, פאַר׳ן טהויער, אויפ׳ן טראָטואַר און אויפ׳ן גראָז אַרום. מען געהט אין גאַס ביז איבער די קנעכלעך אין קאָרטען.

קאָרטען — דאָס זיינען די איינציגע בלעטער, וואָס די אויפגעקומענע, איינגעוואַנדערטע, פריש־געבאַקענע גבירים, די פערשיעדענע שניידער: סתם שניידער, צושניידער, בייטעל־שניידער און אַנדערע שניידער, קענען אויף אויסענוועניג. אָט וואו אַ אידישער האָטעל דאָרט אַ קאָרטעווניע. פון פריה ביז שפּעט אין דער נאַכט איז דאָס טעשיל קאָרטען דער איינציגער ליעבלינג, דער איינציגער פריינד פון אָבגעפרעסענע מענער, פרויען און קינדער. דאָס אויג ווערט אַזוי צוגעוועהנט צום קאָרטען־שפּיעל, אַז ווען מען טהוט פּלוצלונג אַ קוק אויף די בערג דאַכט זיך אַז זיי שפּיעלען אין קאָרטען...

גרופּעס קליינע קינדער, אינגעלעך און מיידעלעך זיצען און שפּיעלען אין קאָרטען און ווערען דערביי אַזוי ווילד, אויפגערעגט, פּונקט ווי זייערע מאַמעס און געברויכען אַ שפּראַך, פּונקט ווי זייערע טאַטעס... און די טאַטעס מיט די מאַמעס שטעהען טאַקע דערביי

און קוועלען און זאָגען אונטער, לערנען זייערע יורשים און יורש׳טעם די תורה פון הולטאיסטווע און פערברעכען.

איך גייע און זעה.

מאנכע קאַרטען זיינען שוין האַלב בעגראָבענע און פון מאנכע זעהט מען נור קוים אַרויס, וואָס זיי זיינען אַמאָל געווען. אַט קוקט אַרויס פון דר׳ערד אַ „שיפּעטע זיבעטעל", אַ „צעהנטעל דימענט". אַט ליעגט האַלב אין דר׳ערד אַ „קעניג", אַט אַ „קעניגין". אַט שפּרייט זיך אַ טויז־קרייץ איבער אַ בלום...

מיר ווערט ניט גוט קוקענדיג. אַ חלשות שלאָגט מיר צום האַרצען. ווער רעדט שוין פון בעגייסטערונג.

איך גיב אַ קלער: ווי וועט דאָ אויסזעהען, למשל, אין אַ פופציג יאָהר אַרום, ווען די קאַרטען, וואָס זיינען איצט צוזעעט און צו־שפּרייט איבער אַלע גערטנער און פעלדער, וועלען אָנהויבען צו שלאָגען וואָרצלען אין דער ערד און וועלען אָנפאַנגען וואַקסען און קוועלען?

און אַזוי קלערענדיג קומט איבער מיר עפּעס ווי אַ כשוף און איך דערזעה האַסטיג אַ גאַנץ אַנדער געגענד, יאַ אַ גאַנץ אַנדער דערפעל, אַלץ אַרום מיר איז פערענדערט.

וואו איך וואַרף נור אַ בליק, וואַקסען קאַרטען־בוימער. די בערג זיינען פון קאַרטען, די בהמות געהען אום אויף די לאָנקעס און קאַיען קאַרטען, יעדער כשר׳ער האָטעל, יעדער אידישער „קאַטעדזש" (זומער־היים) איז אַרומגערינגעלט מיט אַ קאַרטען־סאָד; עס חנ׳דלען זיך בלומען־גערטנער פון בליהענדע קאַרטען, עס וואַקסען „פינאָקעל־קוויטען", „פּויקער־קוסטען", „פּישע־פּיישע בלעטער", „סטאָס־וואַזאָנען", „זעקס־און־זעכציג בוימלעך" און אַנדערע קאַרטען־צאַצקעס, און אידישע „אַללרייטניקעס" זיצען, קוקען זיך איין און קוועלען. די אידישע שוהל איז אַרומגעפלאַנצט מיט „טייז" און „צעהנטלעך".

עס איז אידיש־אַמעריקאַניש. אַ קינד הויבט אָן וויינען, רייסט

מען אָב אַ „ניינטעל“ און מען גיט איהם, זאָל ער זיך שפּיעלען... מיידלעך, וואָס קומען זוכען אַ „בעשערטען“ אין די קעטסקילס, רייסען זיך אָב אַ יונגען, פרישען „פויער“, אַ „דזשעק“... אַרום די גאַנץ רייכע האָטעלען וואַקסען „מלכים“ און „מלכות“ און עס איז „ליהודים“...

איך גיב אַ קוק אויף די נעמען פון די האָטעלען, ערשט זיי הייסען שוין גאַנץ אַנדערש. איך וואָהן ניט מעהר אין „קעטסקיל האַוז“, נור אין „קאָרטען הויז“. איך זעה לויטער נייע ערטער: „כשר פּאַוקער וויו“, „טויז־הערצען קאַטעדזש“, „פּישע־פּיישע רעסטאָראַנט“. די אָרטהאָדאָקסישע שוהל אַליין הייסט שוין אויך אַנדערש. אַנשטאַט „חברה ק״ק רודפי פשע“, איז זי גאָר רעפאָר־מירט און הייסט „טויז צלם“...

דער כלל, עס איז שעהן געגוג! עס איז דאָ אויף וואָס צו קוקען. אַ האָפנונג, אַז אידען וועלען מאַכען לייט פון די אַלט־מאָדישע, טרפה'נע קעטסקילס. דער אָנהויב איז שוין געמאַכט...

די סודות פון שטאַל

— מיסטער! זייט איהר שוין געוועזן אין שטאַל?

מיט אָט דער דאָזיגער שאלה האָט מיך פּלוצלינג איבערראַשט און אָבגעשטעלט אויפ'ן ניכטערען הארצען אַ אידענע, אַ „באַר־דערקע" פון דעם בעבאָרדעלטען אָדער בעבערדעלטען אידישען פּאַרם, וואו איך געפין זיך איצט — ווען איך בין ארוים אין פעלד בעגינען בעטראַכטען דעם זון־אויפגאַנג אויף די בערג.

איהר שאלה האָט מיך ווי בעגאָסען מיט קאַלט וואַסער. איך האָב איהר אָנגעקוקט פערוואונדערט און בעליידיגט.

— נו, און איהר זייט שוין געוועזן אין שטאַל? — האָב איך איהר געפרעגט. — איהר פּאַסט דאָך דאָרט טאַקע אריין ווי געוואונשען.

— שאַ! — האָט די אידענע מיך בערוהיגט — איהר בעליי־דיגט דאָך מיך. איך פרעג אייך בלויז אויב איהר זייט שוין געוועזן אין שטאַל?

— און איך פרעג דאָך אייך אויך אויב איהר זייט שוין געוועזן אין שטאַל? איהר האָט שוין דאָרט לאַנג געדאַרפט זיין...

— איך מייהן אויב איהר האָט שוין געטרונקען מילך? — האָט די אידענע ערקלעהרט.

— מילך... אין... שטאַל?... — האָב איך איבערגעשטאַמעלט.

איידער איך האָב צייט געהאַט ווייטער עפּעס צו זאָגען, האָב איך דערזעהן אַ מאַרש פון קריגלעך און גלעזער, און טעפּלעך פון כל המינים. גלייך צום שטאַל האָבען זיי מאַרשירט. ס'הייסט, די כלים זיינען אַליין ניט געגאַנגען, מען האָט זיי געטראָגען, און די

אויגען, און פיס און געדאנקען פון די געהער זיינען געווען געריכטעט צו איין פונקט, — צום שטאָל פון די אידישע בהמות.

איך האָב קיין כלי נית געהאט, דאָך האָב איך נאָכגעפאָלגט דעם כלל. „אל תפרוש מן הצבור", האָב איך געטראַכט, און בין מיט דער גאַנצער כנופיה מענער, ווייבער, ווייבלעך, אינגלעך און מיידלעך אריינגעקראָכען אין די אידישע מיסט. ביז איבער די קנעכלעך בין איך אריינגעקראָכען דאָרט, וואו אַ רוסישער שייגעץ איז געזעסען אויף אַ מילכינגען ביינקעל און האָט אריינגעמאָלקען אין אַ כשר'ען עמער.

דאָס איז געווען די מילך־צייט, ווען די אידישע זומער־געסט קומען אין די אידישע שטאָלען טרינקען כשר'ע מילך גלייך פון דער בהמה. געוועהנליך זיינען די דאָזיגע מילך־טרינקער יענע געסט, וואָס קומען אויפ'ן לאַנד געווינען אין געוויכט און האַלטען זיך רק פאַר איינס אין איין בעטאַפּען אויב זיי זיינען שוין עפּעס געוואַקסען אין דער גרעב, און וועגען שוין מעהר.

מאַנכע פון זיי ווערען אפילו שטאַרק פערגרעבט, יאָ, זיי ווערען זעהר גראָב, אָבער זיי זיינען אַ האָר ניט וויכטיגער ווי פריהער...

מאַנכע פון אָט די זומער־געסט הויבען זיך שוין אָן צו בעטאַפּען ווען זיי זיצען נאָך אין אייזענבאַהן, פאָהרענדיג נאָך די קעטס־קילס. זיי קוקען דורכ'ן פענסטער אויף די בערג און זיי דאַכט זיך, אַז זיי דאַרפען שוין לויז מאַכען אַ קנעפּעל פון די תחתונים, אָדער אַ העקעל פון יאַק. ווען זיי קומען אין אַן אָרט, וואו עס איז פאַראַן אַ וואָג, האַלטען זיי זיך אין איין וועגען און שילטען דעם פאַרמער, די בהמות, די עופות, די בערג און די לופט, וואָס האָבען זיי ניט גענוג אָבגעפּאַשעט.

אויפ'ן פאַרם פערדאַרבען זיי זיך דעם מאָגען דריי מאָל אַ טאָג, אָבער דאָס האַלט זיי ניט אָב פון דעם אַלטען כלל „רוק אין סנוק", און אַזוי זופּען זיי יויך און זופּען מאַגנעזיע, טרינקען מילך און טרינקען ריצען־אייל, שלינגען אייער און שלינגען פּילען, און

דרעהען זיך נור ארום שטאָל, וואו, זיי גלויבען, עס ליגט זייער אונשטערבליכקייט...

אויב דער שייגעץ אויף „מיין" פאַרם האָט אמאָל אין זיין פינסטערען „קאַפּוסטאַ"־לאַנד געזינדיגט געגען אידען, האָט ער שוין זיין גיהנום אויף דער־וועלט, ווען ער דאַרף זיין אַ מעלקער אויף אַ כשר'ען פאַרם אין די קעטסקילס, פאַר אַמעריקאַנער אידישע זומער־געסט.

צום ערגסטען איז איהם צופריעדען צו שטעלען מאַנכע בעלי בית'טעס, וואָס קומען אריין אין שטאָל מיט אַ פּוריע און שטעהען אויף די מיסט אין דימענטענע רינגען און ברילאַנטענע אוירינגלעך פּונקט ווי ביי זיך אין דער היים...

„מיין" פאַרמער'ס קיה זיינען מן הסתם אַ גלגול פון די ביבלישע פערזעהעניסען, וועמעס גאָטזעליגע מאַמעס עס האָבען זיך פּערקוקט אויף די קאָלירטע שטעקלעך, וואָס אונזער עלטער־זיידע יעקב האָט אריינגעשטעקט אין לבן הארמי'ס קאָרעטעס, אָבצובלאָפען דעם בלאָפער פון ארם נהרים אום צו פערמעהרען די צאָהל פון אידישע בהמות... „מיין" פאַרמער'ס קיה זיינען אויך פון פערשידענע מאַשצען און קאָלירען — „עקודים נקודים וברודים" און יעדע בהמה האָט איהרע פּאַטריאָטקעס, פּאַטריאָטען און אידיאָטען, וואָס ווילען דוקא טרינקען אָט די מילך און קיין אַנדערע.

אַ בראָנזוווילער „גביר'טע" האָט זיך איינגעשפּאַרט, מען זאָל פאַר איהר מעלקען די שווארצע קוה. זי פלעגט קומען אין דער פריה און אין אבענד אַליין אין שטאָל מיט אַ קריגעל און היטען דעם שייגעץ, ער זאָל חלילה ניט אריינמעלקען אין דער בראָנזווילער כלי אַ טראָפּען פון אַן אַנדער קוה.

איין דוכאָוויצנער „אַל־רייטניק" פון ניו יאָרקער „איסט סייד" האָט געוואָרפען אַן אויג אויף דעם גרויסען אייטער פון אַ בלאָנדע בהמה, און פלעגט קריכען אין שטאָל צו כאַפּען ביי איהר אַ זופּ. פון איהר אייטער האָט ער געצויגען זיין חיות...

מאמעס קומען מיט די עופה׳לעך אין שטאל און נודען דעם יונגען יון, ער זאל זיי אריינמעלקען אין די גלעזער, אין די פלעשלעך. דער יון מעלקט און די רציחה קאכט אין איהם; מעלקט און מאכט רוסישע „מי שברך׳ס״; מעלקט און איז „מזכיר נשמות״ אויף רוסיש... מעלקט און פיהלט ווי צו מאכען א פאגראם...

דאס מערקווירדיגסטע איז, וואס דער שטאל האט אויך זיין „גרעפט״, זיין כאבאר־סיסטעם.

ווער עס וויל האבען כבוד אין שטאל: בעקומען די ערשטע גלאז מילך פון דער ריכטיגער בהמה, דער מוז געבען פדיון. דער שייגעץ קוקט מעהר אין די הענד ווי אין קריגעל. איהר קריגט גאר א שעהנערען „ברוך הבא״, א פרעהליכערען „סקאצעל קומט״, ווען איהר רוקט אונטער שוחד און קויפט אב דעם יון מיט עטליכע גראשען.

איין גביר׳טע, וואס פלעגט ניט וועלען אבטרעטען פון שטאל און פלעגט זיך שפרייטען מיט גאוה איבער׳ן מיסט און האט נור געזופט די מילך פון א בעשטימטע קוה — האט ניט פערשטאנען דעם סוד פון שטאל, אז מען דארף אונטעררוקען דעם שייגעץ א „שטעכענים״ און האט דערפאר געכאפט א ביטערע מפלה.

זי איז איינמאל אריין מיט א ברייטקייט צווישען די קיה און האט זיך גענומען בייזערען. עפעס איז איהר דארט ניט געפעלען געווארען... ערשטענס איז איהר ניט אנגעשטאנען, וואס די דארפישע בהמות ווייסען ניט פון עטיקעט און שטעהען מיט׳ן הינטען צו די זומער־געסט און דרעהען זיך ניט אוים מיט די קעפ אפילו דאן ווען זי געהט אריין אין שטאל... דאן האט זי אויפגעמאכט א מויל אויפ׳ן יון, וועלכער האט שוין געהאט אויף איהר א הארץ. א ווארט פאר א ווארט און דער גוי האט איהר געהייסען ארויסגעהן. די „אל־רייט־ניצע״ האט נאטירליך ניט געוואלט און האט זיך אזוי לאנג פער־הערט מיט איהם אויף רוסיש־אידישע ענגליש, ביז ער האט געכאפט

דעם עמער מילך און איהר אָנגעמאָסטען אויפ'ן קאָפּ, צו זעהן אויב עס וועט איהר ניט קליידען שעהנער ווי איהר „נאָרד פּאָל"...

מוטערס, וואָס ווילען פעט מאַכען זייערע „בייבים", געהען מיט זיי צוויי מאָל א טאָג אין שטאָל, אום זיי דאָרט צו געבען ווארעמע, פריש־געמאָלקענע מילך. א קלוגעס קינד האָט זיך גראָד איין מאָל צוגעקוקט פון וואַנען דער יון נעהמט די מילך און האָט זיך געעקעלט דאָס מעהר צו טרינקען... א שטאָדט־קינד, האָט דאָס געמיינט, אז מילך וואַקסט אויפ'ן פעלד, אז אין די בערג רעגענט מיט מילכיגס, אָדער עס רינט מילך פון א קראַן. ווען דאָס האָט אָבער דערזעהן דעם אמת, האָט דאָס ניט מעהר געוואָלט געהן אין שטאָל טרינקען און האָט נור געפאָדערט „פלעשעל־מילך".

איצט געהען נור די עלטערען אין שטאָל; די קינדער געהען ניט...

מענער בעלי בית׳טעס

קאָמישע סצענעס אין דער היים, ווען די ווייבער זיינען אויף די בערג.

די צייטונגען זיינען פול מיט קאָמישע און ערנסטע סצענעס און בילדער פון זומער־געסט אויף די בערג אָדער ביים ברעג ים. קיינער אָבער האָט זיך נאָך ניט גענומען די מיה א קוק צו טהאָן אויף די מענער, וואָס האָבען אוועקגעשיקט זייערע ווייבער אויפ׳ן לאנד און אליין זיינען זיי געבליבען אין דער היים, קאָכען, ראמען און פיהרען די גרענדע.

פיעלע מענער האָבען געמוזט בלייבען אין דער היים צוליעב פרנסה. אין רעסטאָראנען האָבען זיי מורא צו עסען, דער מאָגען זאָל ניט פּראָטעסטירען, און ווי זייערע אייגענע מאכלים און משקאות זעהען אויס, וועלען מיר שפּעטער זעהן.

מיין גרעסטע אמוזירונג איז צו בעזוכען מאנכע פון מיינע בעקאַנטע מענער וואָס האָבען זיך אָבגעשטעלט אליין אין דער היים, במקום ווייבער און פראווען א מין בעל־הבית׳שאַפט, אז מען קען צוזעצט ווערען לאַכענדיג. זייערע הענד קלעפּען צו די ווייבערשע ארבייט ווי אן ארבעס צו דער וואנד און אלץ, וואָס זיי טהוען, איז פּונקט קאַפּויר. זיי פערמאַטערען זיך, גיסען זיך אָב מיט שוויים איידער זיי מאַכען א גלעזעל טהעע און ביי יעדעס מאָל „פערקעהרען די שטוב" קריגען זיי א שטעכענים אין די זייטען.

איינער פון מיינע אַלטע בעקאַנטע אין ניו יאָרק איז א געוויסער פלטיאל שמעכנע, א לעהרער פון מאַטהעמאַטיקס, א משכיל און א גאַנץ לאָגישער מענש, אָבער אין וועלט־זאַכען א גרויסער עם הארץ און אין שטוב־זאַכען — א ווייסטער שלים־מזל, א קאַליקע,

וואָס קען ממש אַ קאַץ אַן עק ניט פערבינדען. ער קען ניוטאַן און ספּענסער אויף אויסענווייניג. קוים אָבער געפינט ער ניט אין דער פריה צו דער מינוט קיין האַנדטוך, ווישט ער זיך אָב מיט דער געפּלעטער העמד.

מיין ערשטער וויזיט איז געווען ביי מר. שמעכנע. איך האָב געוואוסט, אַז זיין ווייב מיט די צוויי קינדער זיינען אַוועקגעפּאָה־רען אין די קעטסקיל בערג און פּלטיאל אַליין האָט זיך אָבגעשטעלט קאָמאַנדעווען מיט דער ווירטהשאַפט.

ער האָט געוואוינט אין האַרלעם, אויף אַ צווייטען עטאַזש.

איך בין דאָרט אַרויף.

נעבען זיין טהיר איז געלעגען אַ בייגעל. צופעליג האָב איך אַריינגעשטעקט מיין שטעקען אין לאָך פון דעם דאָזיגען בייגעל און בין אַזוי אַריין צו מיין בעקאַנטען אין שטוב.

פּלטיאל איז געגאַנגען אין אונטערהעמד, במחילה, אונטערן האַלז האָט ער, אָנשטאָט אַ קנעפּעל, געהאַט אַ פערראָסטען טשוואָק.

די אַרבעל זיינען ביי איהם געווען פערקאַשערט ביז איבער די עלענבויגענס און האַלטענדיג אַ לאַנגען מעסער אין האַנד, ווי אַ גזלן, האָט ער זיך געראַנגעלט מיט אַ שמאַלץ־הערינג. פּלטיאל איז געווען פון דער נאַטור אַ „רך לב“, אַ מענש אָהן אַ גאַל, און איך האָב געזעהן ווי דאָס האַרץ דערלאָזט איהם ניט קוילענען דעם „ליטוואַק“.

ווען דער אָרעמער לעהרער האָט מיך דערזעהן, האָבען זיך איהם פּשוט געשטעלט טרעהרען אין די אויגען.

— אַ שעהנער חשבון — האָט ער זיך פאַר מיר בעקלאָגט, — מיין האַנדזשע איז אין די בערג און איך מוז דאָ אָבריכטען גלות.

איך האָב געהאָלפען שמעכנען אַביסעל אונטערקרעכצען, נור, זעהענדיג, אַז ער וועט מיט זיין געזאָלצענעם געגנער ניט פאַרטיג ווערען, האָב איך צוגענומען ביי איהם דעם מעסער און אָבגעשניטען דעם הערינג דעם קאָפּ.

פלטיאל האָט פריי אויפגעאָטהעמט.

איך קוק זיך אַרום, ערשט איך זעה אימיצער ליעגט אין בעט צוגעדעקט מיט אַ ווייסען ליילעך איבער'ן קאָפּ. איך האָב זיך דערשראָקען..

— ווער ליעגט דאָס דאָרט ביי אייך אין בעט? — האָב איך פערוואונדערט געפרעגט.

— דער בעזים — ענטפערט מיר דער לעהרער.

— דער בעזים! — האָב איך אויסגעשריען פערוואונדערט.

— יא, — האָט מיר פּלטיאל שמעכנע ערקלעהרט — איידער מיין חאַנדושע איז אַוועקגעפאָהרען האָט זי מיר פערזאָגט, איך זאָל אכטונג געבען אויף דעם נייעם בעזים, ווייל בעזימס זיינען איצט זעהר טהייער, עס איז געוואָרען אויף זיי אַ טראָסט.

איך האָב זיך גוט פונאַנדערגעלאַכט.

זיך אַרומקוקענדיג אַביסעל מעהר, האָב איך בעמערקט אין קיך אַ פּולען עמער צובראָכענע טעלער, גלעזער, טעצלעך און פלעשלעך.

— דער כלל, הערר שמעכנע, איהר זייט אַ בעל הבית'טע — האָב איך איהם בעמערקט, ווייזענדיג דעם פּאָגראָם, וואָס ער האָט אָנגעמאַכט אויף די כלים.

שמעכנע האָט געשמייכעלט.

— איך וואָלט אייך מכבד געווען מיט אַ גלאָז קאַווע — האָט מיין בעקאַנטער געזאָגט — ווייס איך אָבער ניט ווי מיינע קאַווע וועט אייך שמעקען, איך האָב ניט געהאַט אין שטוב קיין צוקער און האָב זיך געפּוילט אַרונטערצוגעהן. האָב איך אַריינגעלעגט אין קאַווע־קאַן אַביסעל איינגעמאַכטס, „וואַרעניע", כ'האָב אויסגערעכענט, אַז קוים איז דאָס זיס, איז אַלץ איינס ווי צוקער, האָט דאָס אָבער ניט קיין איבעריגען טעם...

פון פלטיאל'ן בין איך אַוועק צו אַ בעקאַנטען אידישען ליטעראַט, אַ דעקאַדענטישער פּאָעט. איך האָב געוואוסט, אַז זיין ווייב איז אין די קעטסקילס און ער פּאַראַנדקעוועט אַליין.

איך קום אריין. ער געהט אַנגעטהאָן אין אַ פאַרטוך, מיט אַ פעדער הינטערן אויער און שאָבט קאַרטאָפּעל. ווען ער האָט מיך דערזעהן איז איהם געוואָרען אונבעקוועם. ער האָט זיך אביסעל צומישט.

— איך מאַך אַ קאַרטאָפעל־זופּ אויף מיטאָג — האָט ער מיר ערקלעהרט, — אז דאָס ווייב איז ניטאָ, מוז זיך טויגען דער מאַן.

אַזוי ריידענדיג האָט ער די קאַרטאָפעל אריינגעשאָטען אין מיסט און די שאָלאַכטס צוגעשטעלט קאָכען...

— וואָס טהוט איהר? — האָב איך געפרעגט דעם פּאָעטישען קוכער, וואָס איז געווען בעגייסטערט פון זיין קאַרטאָפעל־זופּ — איהר האָט דאָך צוגעשטעלט קאָכען די שאָלאַכטס.

— איך וויים — האָט ער מיר צוגעגעבען, — מיר האָט זיך שוין צונעגעסען די קאַרטאָפעל, זיי זיינען צו רעאַליסטיש, צו אַלגעמיין, צו אַלטעגליך, איך וויל זיין אָריגינעל... ווען מען קען מיט שאָלאַכטס אָבקאָרמענען אַן אָקס, מוז דאָך דאָס ענטהאַלטען אַ ריעזיגע פּאָרציע נאַהרונגס־שטאָף. איך האָב פיינד נאָכצוטהאָן, וואָס ווייבער טהוען...

ווען ער האָט צוגעשטעלט קאָכען די קאַרטאָפעל־זופּ, האָט ער גענומען איבערלייענען פאַר מיר אַ פּאָעזיע. אין מיטען דערינען האָט ער זיך דערמאָנט, אז ער האָט נאָך קיין פריהשטיק ניט געגעסען און האָט גענומען מאַכען אַ פאַן־קוכען. ער האָט צוקלאַפּט אַ פּאָר אייער און האָט זיי אריינגעוואָרפען מיט די שאָלאַכטס אין פאַן. ווערלענדיג ארויסנעהמען די שאָלאַכטס, זיינען איהם אריינגעפאַלען די פּאָעזיע און די פעדער אין די צוקלאַפּטע געלבלעך גלייך אין דער קאָכעדיגער פאַן און האָבען זיך גענומען פּרעגלען.

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך האָב אין דעם דאָזיגען דיכטער'ס אַ פּאָעזיע דערזעהן טעמפּעראַמענט און וואַרימקייט...

איך האָב בעזוכט נאָך אַ בעקאַנטען, וועמעס ווייב עס איז געווען אין די קעטסקיל בערג, אָבער ער איז ניט געווען אַזוי עלענד און אונבעהאָלפען; איהם האָט דוקא קיין זאַך ניט געפעהלט — ער האָט געהאַט אין דער היים די דיענסט...

די שטאָדט און די בערג

(אידישע פרויען אַמאָל און איצט)

„דער טאַטע איז אין בית המדרש און די מאַמע — אין מאַרק".

אַט אַזוי פלעגט זיך אַ שמועס טהאָן אַ אידיש קינד אין אַ אידיש שטעדטעל פון ליטאַ, פוילען אָדער גאַליציען, אַט אַזוי איז געווען איינגעפיהרט דאָס אידישע לעבען אין יענע פינסטערע גלות לענדער. דער מאַן האָט גע'בטלן'ט און דאָס ווייב — געאַרבייט.

אונגעפעהר ווי ביי די אַמאָליגע ווילדע אינדיאַנער פון אַמעריקאַ.

דער רויטער בעל הבית פלעגט ליעגען מיט זיינע קופּער-הויטיגע, פעדער-שוואַרץ-האָריגע חברים, די בטלנים פון דער ווילדער-ניס, אונטער אַ בוים און קייען אָדער רויכערען טאַבאַק, און זיין ברוינע פּלונית'טע, די „סקוואָ", פלעגט געהן אין וואַלד האַקען האָלץ, דאָס ברענגען צוטראָגען „אַהיים", אין איהר לייווענטענע פּאַלאַטקע, איהר „וויגוואַם", מאַכען פייער און קאָכען.

ניט זעלטען פלעגט זי אָנזויגען איהר „פּאַפּוס" (קינד), און דאָס אויפהענגען אין אַ געפלאָכטענע בייטעל אויף אַ צווייג פון אַ בוים, דער ווינד זאָל עס וויעגען און זי אַליין פלעגט זיך אַרומ-כאַפּען מיט פייל-און-בויגען, און שיסען אַ האָז, אָדער אַ קראָליק, צי אַן אַנדער חיה, אָדער עוף אויף אַ מאָהלצייט און דער מאַן פלעגט, אויסגעצאַצקעט אין פעדערען און אויסגעשמירט אין קריעגס-פאַרב, טאַנצען, מיט די איבעריגע מענער פון זיין שבט, דעם ווילדען, פאַנטאַסטישען „מלחמה-טאַנץ", געגען אַ שונא. פּונקט ווי אַ צוהיצטער חסיד שפּרינגט און טאַנצט, און קוויטשעט, און

קלאפּט מיט די פויסטען אין קלייזעל־וואַנד געגען דעם בלוט־פיינד — דעם שטן.

דאָס איז דער גאַנג פוןווילדע, אונציוויליזירטע פעלקער, צו פערקנעכטען די פרוי.

דאָך גאָט צו דאַנק, מיר האָבען שוין יענע צייט ווייט הינטער זיך. פאַר אונז שטעהט די אידישע פרוי אויסגעפּוצט אין עסיג און אין האָניג און מאַכט זיך גרייט צו פאָהרען, איבער די גרויסע זומער־היצען, אין די קעטסקיל בערג, געניסען פרישע לופט און דער מאַן בלייבט איבער אין שטאָדט, אין פאַבריק, אויפ׳ן פעדלער־מאַרק אָדער אין געשעפט צו טרייבען דעם ראָד פון פרנסה.

די אידישע פרוי האָט דערלעבט איהר צייט. דאָ, אין דיזען לאַנד, איז זי אַ מענש. איהר מאַן איז ניט מעהר קיין בטלן, קיין כניאָק און זי ווערט רעספּעקטירט און בעהאַנדעלט לויט ווי איהר קומט אַלס פרוי, מוטער און ווירטהין, וואָס וואַכט שטענדיג מיט צאַרטע ליעבע איבער איהר מאַן און קינדער, און איהר הויז.

עס איז אַ פּאַטהעטישע סצענע צוצוקוקען ווי אַן אַרבייטער, אָדער אַן אָרעמער קרעמערל שטרענגט זיך אָן צו שיקען דער בלייבער, שוואַכער פרוי און די בלייכע, דאַרע קינדערלעך זומער אויפ׳ן לאַנד; ווי ער זוכט צו ראַטעווען זיינע געליעבטע פון דער אונערבאַרעמדיגער היץ, וואָס מאַטערט און קוועלט די לעבעדיגע און מאַכט רייך די בית עולם׳ס מיט אָרעמע לייט פון די פערשטיקטע טענעמענט הייזער.

אמת, די זומערדיגע „קאָונטרי פאָהרעריי“ האָט אויך איהר קאָמישע זייט, איהרע לעבערליכע סצענעס, ווי מאַנכע אויפגעקומענע גבירים איבערטרייבען זייער זומער־פּלעזשור, ווי זיי רייסען אויף די אויגען פון קריסטען און אידען מיט זייער ווילדע צולאָזענקייט, מיט זייער אונגעהובעלטקייט, מיט זייער שטאָלץ און זייער פּרעכ־הייט, מיט זייער אויסגעלאַסענעם בענעהמען אין די זומער האָטעלען; מיט זייער געמבלעריי און עזות פנים׳דיגקייט — דאָס איז

אַלץ אמת, אָבער דאָס אַלעס ווערט פערדונקעלט פון די שטילע, אָרענטליכע האַנדלונג פון דעם מיטעלמעסיגען בעל הבית, אָדער פון דעם עטוואָס בעסער בעצאָהלטען אַרבייטער, וועלכער בעטראַכט דאָס פאַר אַ גרויסע פּריווילעגיע און אַ נשמה־נחת צו קענען געבען זיין פאַמיליע אַביסעלע פערגעניגען.

— איך פאָהר מיט מיין מאַמען אין די קאָונטרי — בעריהמט זיך א קינד פאַר אַ חבר, אָדער חבר׳טע, און געבענשט איז דער פאָטער, וואָס מאַכט דאָס מעגליך פאַר זיין קינד צו זאָגען. מאַנכער פאָטער, אפילו אונטער געשפּאַנטע אומשטענדען, בעטראַכט דאָס פאַר זיין פפליכט, אַרויסצושיקען זיין פאַמיליע כאָטש אויף אַ פּאָר וואָכען פון שטאָדט; פון טומעל און טוידטליכע פערשטיקטקייט. דאָס מיינט סיי ווי סיי קנאַפּער דאָקטאָר־וויזיטען אַ יאָהר, דאָס מיינט מעהר געזונד אין דער פאַמיליע, מעהר פאַרב ביים קינד אין פנים און די נויטיגע, אונבעשטרייטבאַר נויטיגע, געזוכטע און געווינשטע ביסעל רוה פאַר דער שטענדיג אַרבייטענדער, מיהזאַמער הויז־וייב.

נאַטירליך איז דעם אָרעמאַן׳ס לעבען אין גאַנצען אַ נאָכאַה־מונג און זיין זומער־פּלעזשור איז אויך ניט מעהר ווי אַ פּאַראָדיע, אַ נאָכמאַכונג אויף דעם אמת׳ן זומער־פּלעזשור פון דעם פערמעגליכען. דאָס קען מען זעהן אין מאַנכע פאַמיליען, וואו די פרוי און קינדער ריכטען זיך אַרויסצופאָהרען אויפ׳ן לאַנד, ערגעץ ביי אַ פאַרמער פאַר ביליגע הוצאות צו פערברענגען די הייסעסטע טעג פון יאָהר.

די אָרעמע פרוי קען נעבעך ניט בעשטעהן זיך אַזוי שעהן צו בעקליידען ווי איהר שכן׳טע, זי איז דאַרום וואַך גאַנצע נעכט, איינ־צואָרדנען דעם דלות, ער זאָל אויסזעהן ווי אַ שטיקעל לייט. ביי טאָג איז זי בעשעפטיגט מיט׳ן מאַכען די מאָהלצייטען, מיט׳ן פערזאָרגען די קינדער, מיט׳ן ראַמען און אויפזעהן די ווירטהשאַפט. ביי נאַכט, ווען אַלע שלאָפען, קוקט זי דורך איהר אָרעמע גאַרדעראָב. אַלטע קליידער ווערען צוטרענט, צושניטען, איבערגעמאָדעלט און איבער־גענעהט. דאָס זעלביגע איז מיט די קינדערשע קליידלעך און רעקלעך.

זי אַרבייט, אַרבייט די אָרעמע, זי טהוט ווי וווייט זי קען, אום אַרויסצופּאַהרען, אַנזאַמלען נייע כחות כדי ווייטער צו זיין ווייב, מוטער און ווירטהין, כדי וויעדער צו קריכען אויף די ניו יאָרקער שטיינערנע עטאַזשען און שלעפּען דאָס קינד און דאָס קינדער־וועגעלע א. ז. וו.

איינע פון די ריהרענדסטע בילדער, זומער אויפ'ן לאַנד, איז דאָס צוריק פאָהרען פון די אָרעמע פרויען און קינדער נאָך די דומפּפּע, פערפּעסטעטע קאַזאַרמע הייזער פון דעם ניו יאָרקער אידישען קוואַרטאַל.

די שוואַכע מוטער האָט קוים דערלעבט אביסעלע פרייער אויפ־צואָטהעמען, די זון האָט נאָך ניט געהאַט גענוג צייט איהר אָבצו־ברוינען די בלייכע באַקען, די קינדער האָבען קוים אָנגעהויבען זיך צו פרעהען מיט די גרינע, לופטיגע פעלדער און דערפיהלען דעם געשמאַק פון א ריינעם, קוויקענדען בערג־ווינטעל, קוים געווען צוויי וואָכען אויפ'ן לאַנד און דאָס בייטעלע זאָגט שוין „השבינו נאַזאַד“. דער פאַמיליען־פאָטער, דער פערזאָרגער, האָט געטהאָן דאָס בעסטע, וואָס ער האָט געקענט און דאָס הארץ טהוט וועה, קוקענדיג, ווי די קינדער בעטען זיך; ווי זיי ווילען ניט פאָהרען אזוי גיך צוריק אין דער גרויסער, אונגאַטירליכער שטאָדט מיט איהרע מטושטש'ע, צובושעוועטע גאַסען, וואָס זיינען פול מיט אַלערהאַנד שטרויכלונ־גען און סכנות פאַר גרויס און קליין. מען מוז די קינדער כמעט אַרויס'גנב'ענען פון דער פרייער נאַטור און ברענגען צוריק אין גיהנום אריין.

די בעשיידענע פרוי מיט בעשיידענע מיטלען פאָהרט ניט פון מאָדע וועגען, זי פאָהרט ניט ווייזען איהר שטאַט, שפּיעלען לינקע ליעבעס, שפּיעלען אין פּויקער, אָדער אין „זוך און געפין מיך“ מיט יונגע לייט אין די פעלדער און וועלדער, זי פערליערט זיך ניט צווישען די בוימער...

איהר פלעזשור איז בעשרענקט אין דער נאָבעלער געזעלשאַפט

פון איהר קינד, אָדער קינדער, איהר מוטער־פּליכט האַלט איהר בעשעפטיגט אַפילו אויפ'ן דאַרף. קיין פויגעל־געזאַנג איז איהר ליעבער ווי דאָס זיסע שמוצערען פון איהר קינד, קיין בלום — ניט חנ'עוודיגער ווי דער שמייכעל פון איהר „בייבי" און די איינציגע ליעבע, וואָס זי שפּיעלט אונטער'ן שטילען, שמעקעדיגען עפּעל־בוים — איז מוטער־ליעבע.

איך בעזוך די אָרעמערע באָרדינג־הייזער, די פּאַרמס, וואו די פרויען און קינדער פון מאַנכע ארבייטער און קליינע געשעפטס־לייט געפינען זיך און מיין האַרץ איז אָנגעפילט מיט זיסע, האַרציגע סצענעס, מיט גלעטענדע, ליעבע בילדער.

איך שטעה און היט מיט בעגייסטערטע בליקען די נאַאיווע פרייד, וואָס די קליינע שטאָדט־קינדער האָבען מיט דעם פּאַרמער'ס קוה, מיט די עופות און יונגע, קליינינקע „טשיקים", מיט'ן קרעהען פון די העהנער און מיט'ן שפּרינגען פון אַ יונג פערדעלע, וואָס טאַנצט אום אין די גראָז און זויגט מיט חן און רוהיגקייט זיין געזונדע, רונדע מוטער.

ווי אונצופריעדען מעגען זיין די אָרעמע ארבייטער, די אונ־גליקליכע שיקזאַלס־אַרעסטאַנטען פון די טוכלע, קראַנקהייטס־אָטהעמענדע טענעמענטס, וואָס קענען זייערע עופה'לעך ניט ארויס־שיקען אויפ'ן לאַנד און מוזען אויסקוקען די מיעדע, אויסגעווויינטע אויגען אויף אַ שווימענדע צדקה־מולטער, וואָס זאָל ארויסנעהמען זייערע בלאַסע פרויען און קינדער אויפ'ן וואַסער!

ווער איהר פערוואונדערען אַ בעל מלאכה, וועמעס קינד עס שוויצט אוים זיין לעבען אין פערפּעסטעטע צימערלעך פון אַ מגפה'דיגע פייער־פּאַסטקע — דערפאַר, וואָס ער סטרייקט? ווער איהר פערדענקען דאָס געבראָכענע, טיעף בעליידיגטע פּאָטער־האַרץ, וואָס שפּרינגט ארוים פון גערולד? ווער איהר בעשולדיגען אַ געערגערטען פּאָטער, וואָס זעהט ווי זיין פאַמיליע וועלקט אוועק אין עלענד און יאָמער — יא, ווער איהר איהם בעשולדיגען, וואָס ער

ווערט אויפגערעגט און עמפערט און לאזט אוים זיין שווער, ביטער הארץ צו זיין אונמענשליכע שקלאפעריי?

ניין! ניט פון בטלנים און לעדיג־געהער איז איצט בעוואוינט אונזער אידישע גאס, נור פון ארבייטער, הארעפאסניקעס, וואס זוכען נאכצוקומען זייערע פפליכטען אלס מענער און פאטערס. עס איז זיי אלץ איינס צי זיי ארבייטען צי ניט, זייערע אבגעצעהרטע פרויען און קינדער מוזען זיך סיי ווי סיי שטיקען דורך די געפעהר־ליכע זומער־היצען אין ענגשאפט און דלות.

ארבייט

געדאַנקען איבער נאַטור און שאַפונג.

אימיצער האָט געאַרבייט...

מען דאַרף נור זיין צוויי מאָל אין יאָהר — ווינטער און זומער — אויפ׳ן פעלד צו זעהן, אַז עפּעס איז געטהאָן געוואָרען, אַז אימיצער איז ניט געזעסען ליידיג, אַז מאַנכע קרעפטען האָבען זיך געמיהט, בעשעפטיגט צו מאַכען די דאָזיגע גרויסע ענדערונג.

מען האָט געאַרבייט.

ווער האָט געאַרבייט? וואו האָט מען געאַרבייט?

דאָס איז אונמעגליך צו וויסען, איינס איז זיכער: אימיצער איז געווען בעשעפטיגט.

דער פאַרמער, זאָגט איהר?

נאַרישקייט!

ווען אַלע פאַרמערס פון דער וועלט וואָלטען געאַרבייט פון „ששת ימי בראשית" ביז היינטיגען טאָג, געאַרבייט טאָג און נאַכט אָהן אַן אויפהער, וואָלטען זיי קיין שפּאַן ערד ניט גרין געמאַכט ווען די נאַטור וואָלט דאָס ניט וועלען. זיי וואָלטען קיין איין־איינציגען גרעזעלע, קיין איינציגען קערנדעל ניט געשאַפט און קיין איינציגען זאַנג בליהען ניט געמאַכט; קיין איינציגען קאַרש, קיין איינציגע יאַגדע ניט פּראָדוצירט, ווען הימעל און ערד וואָלטען זיי ניט געגעבען די מעגליכקייט דערצו.

דער פאַרמער איז אַ מאַכער „מיט׳ן רבינ׳ס כח". ער אַקערט, זעעט, בראַנעוועט, ער טרויט אַן דער ערד זיינע זריעה, ווייל ער איז איבערציינגט, אַז אונטער גינסטיגע אומשטענדען וועט איהם

די ערד בעלווינען כפל כפלים. ער מיהט זיך, ער שוויצט, ער רוהט ניט, ער ווארט און האפט. און ווען ער זעהט, אז אלץ איז וואויל און גוט, און געראטען, ווייסט ער, אז דאס איז ניט זיין מיה אליין, אז עס זיינען נאך פאראן געהיימע כחות, וועלכע ער קען ניט, און ווייסט ניט ווי זיי אנצורופען ביין נאמען, וואס האבען דאס אלץ געהאלפען.

אנדערע רופען דאס גאט, אנדערע — נאטור. איך וויים ניט ווי מען רופט די בעהאלטענע שאפונגס־קראפט, איך וויים נאר איין זאך:

אימיצער האט געארבייט...

איך קוק אויף די גרינע בערג און בעגראזטע פעלדער און גיעב ניט ווילענדיג א קלעהר: דאס איז דאך ניט געווארען אליין פון זיך, דאס האט דאך אלץ געפאדערט געוויסע געזעצען, א געוויסע אָרד־נונג, וואס איז געווען געצוואונגען דאס צו לאזען וואקסען, געדייהען און זיך בעלעבען. דאס האט געפאדערט אויפמערקזאמקייט, אימי־צער האט דאך געמוזט זיך בעשעפטיגען דערמיט. בעוואוסט אדער אונבעוואוסט — אימיצער האט געארבייט...

דאס קלענסטע בלעטעלע בעוועגט זיך ניט אויף א צווייג, סיידען א ווינטעל צווינגט איהר ניט דערצו און דער ווינטעל איז אויך ניט קיין „בעל הבית“, עס איז פאראן א „עפעס“, וואס בע־שאפט דעם ווינטעל און א „עפעס“, וואס בעשאפט דעם „עפעס“ און אזוי אהן א סוף און אהן אן ענד.

איך קוק אויף די ריעזיגע בערג ווי זיי שטעהען פערשפיצט און גלאצען צו די הימלען און איך טראכט: „מיט אייער אייגענעם כח זייט איהר ניט געווארען און מיט אייער אייגענעם כח זייט איהר ניט. איהר קליידט זיך ניט אן און קליידט זיך ניט אוים אליין. דעם מענשען'ס אויג, וואס זעהט און דערזעהט ניט, מיינט נאר, אז איהר טהוט דאס אלץ, אין אמת'ן איז ניטא קיין

אליין טהאָן, קיין „פאַר זיך" זאַכען אין דער נאַטור. דאָס איז אַ קאָאָפּעראַטיווע פאַבריק. עס אַרבייטען אַלע פאַר אַלעמען".

איך זעה אַ בוים בעהאַנגען מיט פרוכט. ער וויים ניט ווער עס האָט איהם אַזוי שעהן אויסגעפוצט און איהם איינגעטונקט אין אַזאַ פּרעכטיגען ריח און איך בין זיכער, אַז די, וואָס האָבען דאָס געטהאָן, ווייסען אויך ניט אויב זיי האָבען דאָס געטהאָן און צו־וואָס זיי האָבען דאָס געטהאָן, דאָס האָט געמוזט אַזוי זיין, זיי האָבען זיך ניט געקענט העלפען. דער בוים מוז אונטער געוויסע אומשטענ־דען אַרויסגעבען פּרוכט, ער איז אַ פּרוכט־בוים, גיט ער זיי אַרויס.

דער רעגען פאַלט, די זון שיינט, די ווינטלעך וועהען סיי ווי סיי. זיי אַלע העלפען דעם בוים מאַכען זיינע פּירות. זיי קענען ניט אַנדערש. זיי טהוען דאָס, וואָס זיי קענען, צו וואָס זיי זיינען בערו־פען און ווען איך זעה, אַז עפּעס ווערט, אַז עפּעס איז געוואָרען, דאַן בין איך זיכער, דאָס אימיצער האָט געאַרבייט.

איך גלויב דערפאַר ניט, אַז די וועלט איז געוואָרען פון „גאָר ניט", אַ „יש מאין", אָט וואָס עס איז ניט געווען, — אַ ר ב י י ט איז געווען, ב ע ו ו ע ג ו נ ג איז געווען, און דאָס איז גענוג.

קוים איז דאָ אַרבייט איז אַלץ דאָ. אַרבייט איז גאָט, אַרבייט איז נאַטור, אַרבייט איז די וועלט, די אייביגקייט. איך געה אויף די בעגראָזטע, בעבלומטע וויזען, איך אָטהעם זייער בשמים'דיגען דופט און בענש די היילינע קראַפט פון אַרבייט, וועלכע האָט זיי אַלע געשאַפען. אָהן אַרבייט וואָלט דאָ געווען אַ וויסטעניש, אַ מדבר, אַ טוידט. קיינער וואָלט דאָ אויף פלעזשור ניט געקומען און וואָלט דאָ קיין ערהאָלונג ניט געזוכט, פונקט ווי קיינער זוכט דאָס ניט אין דער מדבר זאַהאַראַ.

די אַרבייט ווערט מיר דאַן אַזוי גרויס, ערהאַבען און געשעצט, אַז איך הויב אָן צו בענשען פון טיעפען האַרצען די הענד, וואָס שאַפען, וואָס אַרבייטען, וואָס מאַכען זיך ניצליך, דען אָהן זיי וואָלט גאָר ניט געווען.

אַ ברכה אויף דעם מאַן, וואָס שאַפט!
אַ ברכה אויף זיין נאָבלע קראַפט,
וואָס האַלט די וועלט אין גאַנג, —
זיין ווירקען איז אַ שעהן געבעט
און בלומען וואַקסען וואו ער טרעט —
זיין לעבען איז געזאַנג.

יא, פאַר דעם אַרבייטסמאַן אַ לויב!
די ערד וואָלט זיין אַ באַרג מיט שטויב
ווען ניט זיין מיהזאַמקייט,
די וועלט וואָלט בלייבען לעער און שטום
אַ טוידטען־גאָרטען נור, אַ מום
אין אַ פערשאָלטענע צייט.

דאָך איצט איז לעבען איבעראַל
און אַלעם פאָלגט דעם אַלטען כלל
און אַלץ איז גוט און גאַנץ.
דעם שטן אויף להכעיס גראָד
געהט וועלט און מענש, און גאָט
דעם אייב׳גען „כשר־טאַנץ"...

און איך הויב אָן ארומצוזוכען ארום מיר דעם ארבייטער, דעם מאַן, וואָס ווירקט און שאַפט, און טהוט און מאַכט.

ניטאָ איהם אין די בערג, ער קומט זיך ניט קרעפטיגען אין די זומער־האָטעלען, ער שמאַכט אין פאַבריק, ער פרעגעלט זיך אין די שטאָדטיגע חמימות, און אין דער פרייער, ריינער שמעקעדיגער נאַטור בעוועגען זיך די לעדיג־געהער, די פוסט־און־פאַסניקעס, וואָס לאָזען אַנדערע אַרבייטען פאַר זיך. איך זעה מענשען, וואָס זיינען קיין מענשען ניט, איך זעה דאָ אויפטהוער, וואָס טהוען ניט דאָס,

וואָס מען דאַרף און מאַכער, וואָס מאַכען ניט דאָס ריכטיגע און דאָס ניצליכע, און איך פערשעהם זיך אַליין פאַר זיך צו זיין צווישען זיי.

אז אַלץ און אַלץ איז אַרבייט, דער גאַנצער זומער מיט זיינע בעוואַקסענע לאַנקעס, זיינע גערטנער און סעדער, און פעלדער איז נור אַ מאַניפעסטאַציע פון נאָבעלע אַרבייט, און די גרינע בערג און טהאָלען מיט זייערע לוסטיגע טשערעדעס, מיט די רוישענדע וואַסערען צווישען די פעלזען און די זילבערנע טייכלעך מיט די זינגענדע פויגעל אין די נעסטען זיינען נור אַרבייט'ס קאַרנעוואַל — טאָ וואָס טהוט דאָ דער לעדיג-געהער און וואו איז נאַטור'ס גרעסטער יחסן: דער אַרבייטער, דער גאָט פון אירדישע וועלטען? פאַר-וואָס קומט ער ניט געניסען אויף זיין אייגענעם יום טוב? וואו איז ער, דער מחותן פון דער גרויסער פרעכטיגער שמחה, וואָס דויערט אויך ניט אייביג? וואו איז ער, מיין פריינד, מיין חבר, מיין ברודער, דער אַרבייטער?

איך געניס ניט מעהר, איך קען ניט. איך ווער בעז, אויפ-גערעגט ווי אַ טיגער, און אַ צולעבערטער געה איך צווישען די בערג. דער הימעל שיינט מיר קליין און ניעדריג, און ניכטיג, און די שעהנע לאַנדשאַפטען זיינען מיר נמאס, די בערג, די גרינע קאַלטור-נעוואַטע גאַכעס! וואָס שטעהען זיי מיט אַזאַ גאוה, מיט אַזאַ גרויסקייט, פונקט ווי עס וואָלט זיין אַ יחוס אויסצוּוואַקסען גרויס און גראָב?

איך קען ניט שווייגען און עס איז ניטאָ צו וועמען צו רעדען... די מענשען וואָס הולטעווען דאָ, קוקען מיך אָן ווי משוגע: הערט, פאַר וועמען ער קימערט זיך! פאַר דעם פראָסטען, אונגעוויסענדען שקלאַף, פאַר דעם ניעדריגען אַרבייטער!...

כאַ-כאַ-כאַ!.... פאַר'ן אַרבייטער!... לאַכט וועד עס קען, ווער עס וויל!...

אָבער איך הויב אויף מיינע אויגען צו די בערג און פרעג:

„בערג, מעכטיגע בערג, איהר, מיט וועמען די געטער שטאָל־צירען, אויף וועמען זיי האָבען אַמאָל געוואוינט און געטהראָנט; בערג, איהר מעכטיגע פּראָדוקטען פון דער בעשאַפונג; בערג, וואו איז דער אַרבייטער, דער טהוער, דער שאַפער און דער טויגער פון דער וועלט?

„פעלדער, איהר אונשולדיגע שטרעקעס ערד, ווייסט איהר וועלכע פּיס עס בעטרעטען אייך, ווער עס געניסט אייער חן, אייערע לינדע ווינטלעך און אייערע בעצויבערנדע בליהמעלעך און גראָזען?

„פויגעלעך, איהר זיסע גאָרגלער פון דער לופטען, ווייסט איהר וועמעס אויער עס איז מחלל אייער געזאַנג?

„טייכלעך, זילבערנע טייכלעך צווישען די בערג, ווייסט איהר ווער עס באָדט זיך אין אייער קיהלע, לאָבונגדיגע פליסיגקייט?

„ניט ער, ניין! ניט דער אַרבייטער, ניט זיין שוואַכע פרוי און ניט זיינע בלייכע, אָרעמע קינדער.

„איהר הערט? איהר וועט דאָס שווייגען?...“

אַ קראָה פליהט אין דער הויך און פּאַטשט מיט די שוואַרצע פליגעל און שרייט, און קרעכצט און שילט...

פרעטענזיעס

(אַ פאַנטאַזיע אין די בערג)

איך זיץ ביים אָפענעם פענסטער און שרייב, פלוצלינג בעמערק איך אויף מיין פאַפּיער זיך בעוועגען אַ שוואַרצען זשוקעל.

אין פלוג האָט זיך מיר געדאַכט, אַז אַ שוואַרצער בוכשטאַב מיינער איז מיט אַיינמאָל לעבעדיג געוואָרען, איז אַרויסגעקראָכען פון זיין אָרט און אָנגעהויבען שפּאַציערען איבער די שורות...

אויב אַזוי, האָב איך געטראַכט — איז דאָך אידיש טאַקע אַ לעבעדיגע שפּראַך... יעדער בוכשטאַב אין איהר לעבט און שוועבט אויף צופּוקענים פון אידישע שונאים און שונאים פון אידיש.

איך האָב גענומען לעזען און זוכען אין די צייִלען, וועלכער בוכשטאַב עס איז לעבעדיג געוואָרען. אָבער איך האָב זיי געפונען אַלע גאַנץ און גאָר. יעדער אות איז געשטאַנען אויף זיין אָרט, וואו איך האָב איהם אַוועקגעשטעלט — טוידטע בוכשטאַבען...

איז דאָך מן הסתם ווירקליך אַ זשוקעל אַריינגעפלויגען דורך דעם אָפענעם פענסטער פון מיין וואוינונג. איך בין איצט אויפ׳ן לאַנד, אין די קעטסקיל בערג, וואו עס געפינען זיך ברוך השם זשוק און זשאַבע... איז זיך איין זשוק אַ חוצפה׳ניק, אַ וואוילער יונג, אַן „אַלל־רייטניק“ אַרויפגעקראָכען מיט אַלע פיער אויף מיין שריי־בעריי און גענומען טרעטען דאַרויף...

איך בין געוועזן מעהר ווי זיכער, אַז אוים ליעבע צו ליטעראַטור איז דאָס שוואַרצע בעשעפעניס אויף מיין פערפאַסונג ניט אַרויפ־געקראָכען... אַלץ, וואָס דאָס איז אויסען געוועזן איז ווייזען, אַז עס קען טרעטען אויף גייסטיגע אַרבייט... דען אין אמת׳ן, ווי קומט אַ שרייבער, אַ אידישער שרייבער, אין די בערג צווישען זשוקעס?...

דאָ איז נור אַן אָרט פאַר אינזעקטען און פאַר הינט, קעץ, אָקסען, ציעגען, עזעל, פערד, חזירים און אַנדערע בהמות... פאַר זיי איז אין פעלד ווי געוואונשען. אָבער אַ שרייבער, אַ ליטעראַט, ווי קומט ער אהער? דאָ דאַרף מען קיין ליטעראַטור, קיין ביכער, קיין בלעטער. אינזעקטען לעזען ניט, בהמות דאַרפען קיין וויסענשאַפט, קיין בילדונג, קיין קונסט און קיין פּאָעזיע... זיי זיינען ניט צווישען די בערג פון חכמה וועגען, זייערע חברה־לייט קומען דאָ נור פרעסען און זויפען, הוליען, שפּרינגען, טאַנצען, אַרומשמאַיען און לעבען אַ גוטען טאָג און נאָך אַ בעסערע נאַכט.

דער כלל, אַ זשוקעל, אַ קליינע, נישטווירדיגע בעשעפעניס איז דאָס געווען, וואָס איז אַרומגעפויזעט אויף מיין פּאַפּיער. דאָס איז שוין ניט דאָס ערשטע מאָל, וואָס קליינע, שוואַרצע, אונבעדייטענדע בעשעפעניסען זיינען אַרויפגעקראָכען אויף מיין שרייבען, און האָבען דאָרט געזוכט, דער שוואַרץ יאהר וויים זיי וואָס... איך האָב זיי געלאָזט קריכען ביז זיי זיינען מיר געוואָרען עקעל, דאַן האָב איך זיי מיט אַ בלאָז געפּטר׳ט, זיי זיינען פערשוואונדען ווי קיינ־מאָל ניט געוועזן און איך האָב ווייטער געשריעבען און שרייב אויף היינטיגען טאָג...

דאָס מאָל האָט דאָס מיר שטאַרק פערדראָסען: סטייטש, דו פּאַסקודנער זשוק, דו מיאוס׳ער, רגע־דויערנדער אינזעקט, וואָס לעבט און שטאַרבט אין דער פינסטער, ווי קומסטו עפּעס אַרויפ־קריכען אויף מיין בעשעפטיגונג? דו מיינסט, אַז איך בין געקומען אין די קעטסקילס ווייל דו ביזט דאָ פאַראַן? אויף צעהן כפּרות דאַרף איך דיך. זשוקעס האָבען מיר אין שטאָדט אויך... זיי זיינען דאָ אומעטום, אָט וואו איך וואָלט געקומען וואָלט איך זיי געטראָפען... איך האָס זיי ווי דעם טוידט און שטרענג אַן אַלע כחות זיי אויסצומיידען, ווייל אַ זשוק איז אַ זשוק אין שטאָדט צי אין דאָרף... דיין טומלען זיך און הוזשען מאַכען ניט דעם זומער, דו נישטווירדיגער ברוד! צו די בערג בין איך געקומען, יאַ, צו

די הויכע בערג מיין נשמה פערטרויען, מיין ביטער הארץ אויס־גיסען; צו די זינג־פויגעלעך, זייער העלען טשוויטשער צו הערען, אָבער ניט צו דיר, דו עקעלהאַפטער גאָרנישט!

און אזוי רעדענדיג האָב איך אויסגעשטעלט די ליפּען א בלאָז צו טהון אום דעם געמיינעם זשוק צו פערניכטען, אָבער דאָ איז געשעהען א נס: דער זשוק האָט פּלוצלונג געעפענט דאָס פּיסקעל און אָנגעהויבען רעדען.

„בלאָז ניט — האָט ער זיך גענומען בעטען — איך בעשווער דיך, בלאָז ניט, דו וועסט מיך נאָך אומזיסט אומברענגען. דו מיינסט, אז איך בין דאָס ארויפגעקראָכען אויף דיין שרייבעריי מיט א כיון דיך צו בעליידיגען? אסור חזיר! איך בין פּשוט משוגע פאר וואוילטאָג, עס איז מיר צו גוט, האָב איך זיך גראָד זאַטשעפּעט מיט דיר, האָט מיך דער טייוועל זיך געהייסען אָנהייבען מיט א ליטעראַט... דאָס איז דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבען, וואָס מיר פּאַסירט אזא זאַך. פרעג מיך בחרם, וואָס דאָס מיינט אזעלכעס א ליטעראַט, א שרייבער. מיין באָבע און מיין זיידע האָבען אויך ניט געוואוסט וואָס דאָס איז. אונזער גאַנצע משפחה האָבען קיינמאָל ניט געקענט שרייבען און איך קען אויך מיין נאָמען ניט אונטערשרייבען. איך בין א זשוק, געבאָרען אין מיסט, נור ווייל איך האָב צופעליג שטיקלעך פליגעלעך האַלט איך זיך דערמיט זעהר גרויס... טשעפּע מיך ניט, אָט ווי דו ווייסט ניט ווי איך בין אהער געקומען וועסטו ניט וויסען ווי איך וועל אהינ־קומען. דער „ניט־גוטער“ האָט מיך געמאַכט זיך צו פערקריעגען מיט א שרייבער — אַדיע!“

א ברירה האָב איך געהאַט? איך האָב דאָס מיאוסע בעשע־פענים געלאָזט אליין פערשווינדען. דען אין אמת'ן געה, פערהער זיך מיט א זשוק!...

בעשערט געווען אָבער איך זאָל פון די קליינע ברואים אזוי גיך ניט לויז ווערען. אָט ווי גיך דאָס זשוקעל איז נעלם געוואָרען

איז אַרויפגעקראָכען אויף מיין פּאַפּיער אַ מוראַשקע און גענומען געהן איבער מיין שרייבען מיט אַזאַ גרויסקייט, פּונקט ווי זי וואָלט זיין ביי זיך אין דערהיים. פון איין שורה אויף דער צווייטער האָט זי געקלעטערט און האָט זיך גענומען טומלען און מישען צווישען די שורות... אָבער אַזוי שטאָלץ און זיכער איז זי געטרעטען אויף מיין קאָמפּאָזיציע, אַזוי ווי זי וואָלט דאָרט אַ חלק איינגעלעגט; ווי זי וואָלט דאָ געגאַנגען נאָך ירושה.

איך האָב אָנגעקוקט די מוראַשקע און געלאַכט:

זאָג מיר נור, דו מוראַשקע, וואָס איז דאָס פון דיר פאַר אַ פרעכהייט צו טראַמפּלען מיט דיינע בלאָטיגע פיס אויף מיינע גייסטיגע אַרבייט? איך בין קוים פּטור געוואָרען פון איין אינזעקט, ביזטו געקומען און פערנומען זיין אָרט. געה, מאַרש פון דאַנען! דו האָסט שוין צופיעל חוצפּה זיך אַזוי צו מישען אין מיין פערפאַסונג. פּאַרט פון דאַנען, דען איך וועל דיך צורייבען, אַז עס וועט פון דיר קיין זכר ניט בלייבען, וועסט צומאָל ניט ווייסען וואו דיין געביין וועט אַהינקומען!

די מוראַשקע איז פון מיין לעקציע געבליעבען שטעהן אַ ווייל ווי צומישט, ענדליך איז געשעהען אַ וואונדער, זי האָט אויך געעפענט איהר מענה לשון און האָט זיך צו מיר אָנגערופען:

„דו ווייסט אייגענטליך צו וועמען דו רעדסט? דו ווייסט, אַז איך בין אַן אַרבייטער און דיין גאַנצען לעבען שרייבסטו נור פאַר מיר? מיר, מוראַשקעס, זיינען ניט קיין לעדיג-געהער, מיר האָבען פיינד צו פוילענצען, צו זיצען מיט פערלעגטע הענד. מיר האַלטען אין איין לויפען און יאָגען און מיהען זיך. מיר זיינען פלייסיגע, איבערגעבענע אַרבייטער. דו ביזט דער ליטעראַט, דער דיכטער פון די מוראַשקעס און קענסט ניט בעשטעהען מיך פון דיר צו פערטריבען. איך האָב דאָס רעכט צו זוכען ביי דיר אין די שורות... איך וויל, אַז אַלץ, וואָס דו שרייבסט און פערפאַסט, דיין יעדעס וואָרט זאָל זיין נור פון מיינטוועגען... איך קען ניט ליידען דו זאָלסט

רעדען וועגען עפּעס אַנדערש. דיין גאַנצעם דענקען און טראַכטען און פאַנטאַזירען זאָל נור זיין איך, די מוראשקע, יא, נור איך און איך, ווידער איך און אָבער איך...

„פערגעס ניט אז חוץ דעם וואָס איך בין אַ געוואַלטיגע בריה, פלאַם־פייער, אַ בראַנד, בין איך נאָך אַ קיין קאַטאָוועסדיגע שפּאָרערקע. איך ספּענד ניט קיין סענט אויף איבריגע זאַכען, אויף לוקסוס... איך גרייט אָן פון זומער אויף ווינטער, איך בין וואָס מען זאָגט אַ „בעל־הבית'טע". דו דאַרפסט מיך פון זיך ניט אוועקטרייבען, דו ביזט מיינער..."

אויף אַזאַ דרשה פון אַ מוראשקע האָב איך זיך ניט געריכט און דאָס איז נאָך ניט געווען די ענדע. ווען זי האָט געענדיגט דרשה'ענען איז זי מיר אַרויפגעקראָכען אויפ'ן האַנד און האָט גענומען שפּרייזען איבער'ן פעדער גלייך צו מיר אין בוזים אַריין... דאָס האָב איך שוין ניט געוואָלט ליידען.

אמת, — האָב איך געזאָגט צו דער מוראשקע — דו ביזט טאַקע אַן אַרבייטער, אַ בריה און אַ שפּאָרערקע און אַלץ מיט אַנאַנדער. איך לייקען ניט, איך קען אייערע מוראשקעס אויס־געצייכענט, אָבער אין בוזים זאָלסטו מיר ניט קריכען... וואָרום דו בייסט... צופיעל שמעלקע זאָלסטו מיט מיר ניט ווערען. נור ניט צופיעל מחותן! איך האָב פיינד מוראשקעס אין בוזים. און מיין שרייבען זאָלסטו מיר אויך ניט קאָנטראָלירען, דען איך בין ניט דיין מענש, איך בין קיינעמס ניט, איך בין מיין אייגענער... ווען איך שרייב פאַר דיר, איז דאָס נור ווייל איך אַליין וויל אַזוי, אָבער ניט ווייל דו ווילסט דאָס, איך חונף זיך ניט צו דיר, איך דאַרף זיך צו דיר ניט לעקען... איך האָב זיך נאָך קיינמאָל ניט געלאָזט דיקטירען פון אַ מוראשקע וואָס צו שרייבען, דאָס טהו איך אַלץ אויף מיין אייגענעם חשבון... מייהן ניט, אַז דו ביזט איין שמעלקע אויפ'ן יריד, עס זיינען דאָ נאָך זאַכען וואָס פערדיענען דערמאָנט צו ווערען.

ווען דו זאָלסט אפילו זיין אַ העלפאַנט און ניט קיין מוראשקע, קענסטו אויך ניט אָנפילען מיין גאַנצע האַרץ. עס זיינען דאָ נאָך זאַכען וואָס גליהען מיר אין בוזים. מיין פעדער איז מיינע, אָבער ניט דיינע...

דאַרפסט אויך ניט גלויבען, אז צו זיין אַ מוראשקע איז אַ גרויסער יחוס. די מוראשקעס ארבייטען אייגענטליך נור פאַר זייערע אייגענע נוצען, אָבער די וועלט האָט פון זיי גאָר ניט... איהר מאַכט אַ גרויסע, גיפטיגע „קהלה", אַ מוראשניק, וואָס איז נור גוט פאַר אייך מוראשקעס אַליין... איך וויים ניט, אפשר זייט איהר ניצליך אויך, איך זעה דאָס ניט... ניין, ניט פאַר מוראשקעס, וואָס פערזאַמלען זיך אין גיפטיגע, געפעהרליכע גניאַזדעס, בין איך אַ שרייבער. איך פערשטעה אַ ביהן, וואָס מאַכט האָניג פאַר דער וועלט, די מוראשקע וויל איך ניט פאַר קיין חבר, אין בוזים געוויס ניט...

דאָך ווי גיך איך בין פאַרטיג געוואָרען מיט דער מוראשקעס נאַרישע פרעטענזיעס און זי איז אוועק, וואו דער ליעבער שבת קודש געהט אהין, איז האַסטיג ארויפגעפאַלען אויף מיין פאַפּיער עפּעס אַ מאָדנע געפאַרבטע מין פליעגעלע, עפּעס אַ מין חיה'לע מיט געלע, רויטע און נאָך אַ פּאָר קאָלירען, און האָט זיך גענומען דרעהען איבער מיין שרייבען.

— ווער ביזטו? — האָב איך דעם שעהנעם, אויפפאַלענדען נפש'ל געפרעגט.

— קענסט מיך ניט? — האָט דאָס מיר געענטפערט מיט אידישען שטייגער, מיט אַ קשיא אויף אַ קשיא.

— דאַכט זיך, אז ניין.

— אַ חידוש.

— אַ חידוש היינט, אַ חידוש מאָרגען, איך וויים דאָך ניט ווי מען רופט דיך.

— דערקענסט מיך גאָר ניט? קענסט ניט מעהר „משה

רבינו׳ם קיהעלע״? פלעגסט דאָך אַמאָל אַלס קינד זיך מיט מיר שפּיעלען אין אייראָפּא...

יא, כלעבען, ריכטיג, „משה רבינו׳ם קיהעלע״! איך האָב דיך קוים דערקענט... אָבער איצט בין איך ניט מעהר קיין קינד און בין אויך ניט מעהר אין דער ליטא, זאָנדערן אין אמעריקא, איך ווער מעהר פון „בהמות״ ניט נתפעל, דערצו נאָך פון „געפּארבטע״... אַ קיהעלע מעג אפילו זיין משה רבינו׳ס איז זי אַלץ אַ קיהעלע... דערצו גלויב איך סתם ניט, אַז דו זאָלסט זיין דאָס קיהעלע, וואָס משה רבינו האָט איבערגעלאָזט. וואו קען מען דיך מעלקען און וואָס קען מען האָבען פון דיר? „משה רבינו׳ס קיהעלע״, ווייס איך, מעלקט שוין די וועלט טויזענדע יאהרען און זי געהט נאָך אַלץ ארום מיט אַ פולען אייטער... דיך קען מען הרג׳ענען מיט אַ קוועטש און „משה רבינו׳ס קיהעלע״ קענען אַלע רוצחים פון דער וועלט ניט אונטערברענגען, און דיין געפּארבטקייט בעגרייף איך אויך ניט...

ניין! דו ביזט אַ בלאָף, דו ביזט ניט די ריכטיגע. די בהמה, וואָס משה רבינו האָט איבערגעלאָזט דער מענשהייט בירושה, איז אַ גרעסערע און אַ בעסערע...

בעגינען אין די קעטסקיל בערג

(אַ נאַטור־סצענע)

בעגינען אין די קעטסקיל בערג.

מענש און וועלט שלאָפען נאָך. וואו־נים־וואו קרעהט אַ האָהן דעם „דריטען משמור“; דעם מאָרגעדיגען „קוקעריקו“, און אַ הונד בילט אין זיין בודע און בייזערט זיך, און שטעלט אויס די צייהנער פון חלום... איהם דאַכט זיך, אַז עפּעס אַ פרעמדער וויל טשעפּען זיין בעל הבית אָדער זיין בעל־הבית׳טע, און באַלד איז ווידער שאַ, שטיל ווי אין אַן אויער.

דער פריהסטער מאָרגענפויגעל טוליעט זיך נאָך אין זיינע אייגענע פעדערען און מיט אַ שטיקעל פערגלעזערט אויגעל בליקט ער ארוים פון זיין נעסט, צו זעהען אויב עס טאָגט שוין, ער גיט אַ שלוקערץ פון דרימעל, אַ פּיפּץ פון שלאָף, און שווייגט.

אַ טיעפע, גרויע מעלאַנכאָליע שפּוקעוועט אום אין די פער־וויעגטע צווייגען פון די דרימלענדע בוימער און אַ יונגער, פרישער אָבער אומעטיגער ווינטעל בלאָזט מיט בעגינען־קראַפט פון די טהוי־איגע געווילדען, די בערג, די פעלזיגע, וואַלד און דורות־בעדעקטע גיגאַנטען פון דעם שטאַאט ניו יאָרק.

אַ ווייט־אויפגעוועקטער אויער קען קוים הערען דאָס פּליסען פון טהאָל־שטראָם צווישען די שטיינער און דאָס אומעטיגע פּלוידערן פון די וואַסערען צווישען די פעלזען. זאָנסט הערשט פערשלאָפענע פערשטומטקייט ביז סוף וועלט...

דאָס וועט זיין אַ רעגענדיגער טאָג. אויף די גרויסע קעפּ פון די בערג און אויף זייערע מעכטיגע רוקענס קומט פאָר אַן אנדער סצענע ווי די, וועלכע אויף די זעלביגע ערטער קומט פאָר אין אַ פרעכטיגען בעגינען פון אַ לויטערען, זוניגען זומער־טאָג.

עס טראָגט זיך ניט פון די טהאָלען אין דער הויך קיין העל־ווייסער „רויך“ ווי קטורת דורכגעמישט מיט פאנטאסטיש שווארצע בערג־פויגלעך.

עס איז דער בעגינען, דער אָנהויב פון א נאַסען, כמורנעם טאָג אין די קעטסקילס און דאָס איז א גרויסער אונטערשיעד. עס קומט אָן דער טאָג, נור ניט אזוי הערליך, ערהאבען און בעצויבערענד. ער קומט עפּעס, ווייל ער מוז קומען, ווייל עס מוז זיין טאָג... ער גנב'עט זיך אריין אין דער וועלט ווי דורך א הינטער־טהיר, אז מען זאָל איהם ניט בעמערקען, פוילקייט, בעטריבטקייט און מרה־שחורה פערשטעלען איהם דעם וועג.

איבער'ן הימעל פויזען און קריכען און שלעפּען זיך, און ציהען אין פערשיעדענע ריכטונגען אימה'דיגע, פינסטערע וואָלקען אין אַלערהאנדיגע פאָרמען און פראָפּאָרציעס און געשטאַלטען. דער גאנצער הימעל איז מיט זיי פערנומען. אָט וואו מען וואַרפט דעם אויפגעהויבענעם בליק טרעפט מען זיי וואנדערען און וואָגלען.

מערקווירדיג זיינען זיי, ווער קען זיי בעשרייבען!

מחנות שווארץ־בעמאַנטעלטע רייטער אויף בורע, אומגעלומ־פּערטע פערד, עזלען מיט מיילענווייטע אויערען, און שרעקליך־גרויסע העלפאנטען מיט משונה'דיגע לאַנגע נעז, פלאַכטעס־ברייטע אויערען און זעלטענע עקען פון אַלערליי שטיקלעך וואָלקען. עס קריכען פערטאַיעט לעגענדאריש־אַלטע צויבער־קעץ מיט אויס־געשטעלטע לאַפּעס און אָפענע מיילער, און ווארטען אויף כמארע־דיגע מייזלעך, מען זעהט בערען און לייבען, און קראָקאָדילען און אַלערליי מורא'דיגע פיגורען, געזיכטער און סתם באכמאטנע שטיקער וואָלקען פון אונבעשטימטען אויסזעהען, א פחד צו קוקען!

און דאָס אַלץ און נאָך הונדערט טויזענד מאָל מעהר רוהט ניט און ראַסט ניט, און בלייבט ניט אויף אָן אָרט, נור עס האַלט אין איין געהן, אין איין ציהען זיך און מישען אהין און אהער, און

זיך צונויפגיסען אינאײנעם און זיך צוציהען אויף טאַרטורעס אין מיליאָנען נייע געשטאַלטען, וואָס קומען זיך צוזאַמען, בעהעפטען זיך און צורייסען זיך אין פרישע אונבעשטימטע פיגורען, פנים'ער און פאָרמען אָהן צאָהל און אָהן ערך.

איך שטעה און טראַכט: וואו לויפען זיי אַלע? וואָס איז דער צוועק פון זייער בעוועגען זיך אין דער אָפענער הויך? קען דאָס זיין, אַז זיי ווייסען גאָר ניט וואו זיי זעגלען און געהען, און שלעפען זיך? עס שיינט, אַז זיי ווייסען ניט וואָס מיט זיי טהוט זיך, אַז זייער אייביגע בעוועגונג, זייער בעהעפטונג און צושיידונג איז אַ סומאַטאָכע סתם אין דער וועלט אריין, און עס דאַכט זיך ווידער, אַז זיי ווייסען יאָ, וואָס זיי טהוען, וואו זיי געהען און יאָגען, אַז זיי האָבען אַ בעשטימטע שליחות צו ערפילען. עס איז פונקט ווי ווען איינער זאָל קוקען אויף די שטענדיגע טומלענים און יאָגענים און צוקאָכענים פון די מענשען.

ער וואָלט אויך געמיינט, אַז זיי ווייסען ניט וואָס מיט זיי טהוט זיך, אַז זיי ראַיען זיך און גימזשען עס גלאַט אַזוי, אָהן אַ כונה און אָהן אַ תכלית, ווי משוגענע, און ער וואָלט ווידער געמיינט, אַז זיי ווייסען יאָ אַלץ, וואָס מיט זיי געהט פאָר, אַז זיי זיינען בעוואוסטע, גוט איינגעשטודירטע שפּיעלער אין דער וועלט'ס אייביגע וואונדער־סימפאָניע, אַז זיי האָבען אַ ציעל, אַ צוועק אין לעבען... אַז זיי בעהעפטען זיך, פערמעהרען זיך און צורייסען זיך אין מיליאָנען פערשיעדענע פיגורען, פאָרמען און געשטאַלטען, דאַן צוגיסען זיי זיך ווידער און גיסען זיך צוזאַמען און צושיידען זיך און בעהעפטען זיך און פערליערען זיך אַלע מיט אַמאָל, אָדער איינ־ציגווייז, און לאָזען איבער אַ „תהו ובהו“, נור דאָס ניט ווערען פערוואַנדעלט זיך אין ווערען, און דאָס איז דער צוועק פון דער וועלט...

אָט אַזוי איז די פאָרשטעלונג אויפ'ן מיטען הימעל אין אַ דומפּפען בעגינען פון אַ רעגענדיגען זומער־טאָג.

אויף די בערג גופא אָבער איז דאָס נאָך שרעקליכער, נאָך ווילדער.

יאָ, עס איז שווידערהאַפט צו זעהען ווי אַ באַנדע דונקעלע געשטאַלטען, נעבעל־גזלנים פון דער לופטען בעפאַלען אַ באַרג און שלינגען איהם איין, אַז מען זעהט איהם מעהר ניט, פונקט ווי ער וואָלט גאָר קיינמאָל אויף דער וועלט ניט געוועזן...

עס איז אַ בעגינען פון אַ זומערדיגען רעגען־טאָג אין די קעטס־קילס. וועלט און מענש זיינען פערזונקען אין אַ טיעפען שלאָף. עס שלאָפט זיך געשמאַק ווען עס איז פינסטערליך און רעגענדיג און קיהל...

נור מיר שלאָפט זיך אפילו דעמאָלט אויך ניט...

די נאַכט ווייכט מיר פון די ברעמען נאָך איידער דעם ריכטיגען אנברוך אויף טאָג... אליין וואַנדעל איך ווי אַ שאָטען דורך די פערוויעגטע פעלדער פון דעם קליינעם דערפעל, וואו איך געפין זיך. מיין וואונש איז שטאַרקער ווי דער שלאָף: איך וויל זעהען אויב כמאַרעס קענען בעהאַלטען אויף אייביג די אמת־גרויסע — די בערג, אויב זיי קענען טאַקע פערוועהרען דער זון זי זאָל ניט שיינען, דעם טאָג — ער זאָל קיינמאָל ניט קומען...

איך געה און קוק מיט האַרצקלאַפּונג און מאוים׳דיגע מחשבות אויף די דיקע כמאַרעס, וואָס ציהען זיך ווי אַ גרויסע אַרמעע ווילדע קריעגער צו בעצווינגען די שטראַהלען.

איך ווייס, אַז דער דערפעל געפינט זיך אין רעכטען מיטען האַרץ פון די קעטסקילס. איך קען „שווערען אין טלית און תפילין", אַז אָט פונקט געגענאיבער מיין שטיבעלע, וואו איך וואוין, געפינט זיך אַ שורה בערג וואָס שפּאַרען אונטער די הימלען. אָבער איך זעה זיי ניט מעהר. וואו זיינען זיי? איך ריים אויף ברייט און ווייט מיינע אויגען, די בערג זיינען ניטאָ; זיי זיינען נעלם געוואָרען. אנשטאַט אָט די דאָזיגע פעלזען־ריעזען, זעה איך

א ים שווארצע שאטענס, וועלכע לויפען א וועט־געיעג, פונקט ווי עס וואלט זיי געגאנגען אין לעבען.

א שווארצע געדיכטקייט רייט אויף די בערג, צומישטע שטורם־וואלקען קלעטערן איבער די בערג, פחדים'דיגע טומאנעס קריכען און ציהען זיך פון בארג צו בארג, ווי שדים, און סטראשען די וועלט מיט טוידט און פערניכטונג.

וועט טאקע ניט קומען דער טאג? — פרעג איך אליין ביי מיין אייגענער, איינזאמער נשמה — וועלען די פערשאלטענע שרעקענס־געשטאלטען פערטרייבען דעם געבענשטען הימעלס־פאקעל, וואס לייכט צו דער וועלט, זי זאל זעהן ווי צו בלאנדזשען?

און גלייך האט זיך דאס, ריכטיג אנטקעגען מיר, גענומען רייסען דער וועלט'ס גראבע נאכט־העמד, אזוי ווי אימיצער וואלט איהר פאנאנדער־געריסען מיט געוואלט, און דורך דעם געוואלט־רים האט דאס געגלאנצט אלץ מעהר און מעהר, ביז עס איז געווארען ליכטיג און העל אומעטום, — עס איז געווארען טאג.

קיין גאנץ העלער, ליכטיגער טאג איז דאס ניט געווען. עס האט געגאסען ווי פון עמער, געדונערט און געבליצט, אבער די כמארעס אויף להכעיס איז דאס דאך געווען טאג. די נאטור איז ניט שולדיג געבליבען די מענשען א טאג. די זון איז אפילו געווען די מעהרסטע צייט בעהאלטען, נור איך האב געוואוסט, אז זי לייכט אונטער די וואלקען...

שפעטער האבען זיך אויך בעוויזען די בערג...

קאָרטען

„פּויערים“ און „פּויערטעס“ אין די קעטסקילס.

דאָס איז דערזעלבער דערפעל אין די קעטסקילס, וואו איך בין לעצטעס יאהר געווען. דער אייזענבאהן־טראַסט האלט אפילו אין איין אָבנאַרען דעם עולם, מיך אָבער האָט ער ניט אָבגענאַרט, ער האָט מיך פון ניו יאָרק אהער ריכטיג איבערגעפיהרט.

יא, דאָס איז דער אייגענער דערפעל, איך דערקען איהם אָן טויזענד פערשיעדענע זאכען. די קירך שטעהט נאָך אַלץ פער־שלאָסען ווי פאַר־א־יאָהרען, און ארום איהר דרעהען זיך נאָך אַלץ ארום ווי פערבלאָנדזשעטע אָן אַלטער הונד, וואָס האָט שוין ניט קיין כח צו בילען אויף אידען און אַן אַלטער קאַטוילישער גלח, וואָס קען דאָס שוין אויך ניט מעהר...

איך דערקען דעם דערפעל אָן דעם קליינעם קריסטליכען בית־עולם ניט ווייט פון דער אידישער שוהלכעל, וואו דער מנין בעלי־בתים וואָלט זיך שוין לאַנג צוריסען אויף צעהן מנינים ווען יעדער איד וואָלט געקענט זיין פאַר זיך אַליין אַ חברה מיט אַ שוהל און טאַקע זיין אַליין דער פּרעזידענט, דער גבאי, דער „טראָסטי“, דער „טרעזשורער“, דער רב׳ל, דער חזן, דער שוחט, דער מוהל, דער מלמד און דער אַלץ מיט אַנאַנדער; ער זאָל קענען אַליין טהיילען די עליות און טאַקע אַליין „עולה לתורה“ זיין און צונעהמען פאַר זיך אַליין, ווי יענער רייכער ישוב׳ניק, דעם„כהן“, מיט׳ן „לוי“, מיט׳ן „שלישי“, „ששי“ און „מפטיר“, אַליין צוהאַלטען דאָס ביסעל קליינ־געלד, אַליין פּסק׳ענען שאלות, איבערהויפּט „שאלות נשים“, ווייל דער דאָזיגער דערפעל איז פול מיט ווייבער, מיט באָרדערקעס, וואָס האָבען די מענער אין ניו יאָרק און ברוקלין, אין באָראָ פּאַרק און

אין „דר'ערד"... און האָבען דאָ דערוויל „זומער־פריינד", דזשענ־טעלליימ, וואָס גיבען אכטונג אויף זיי... בכן דאַרף מען האָבען א רב, וואָס זאָל פסק'ענען וועמעס ווייבער זיי זיינען — יענעמס, וואָס שיקט זיי די טשעקס אָדער דעמס, וואָס האלט דאָ זייער קאָמפּאַניע... דאָ זיינען פאַראַן באָרדער, באָרדערקעס און סתם באָרשטש, און מען דאַרף נויטיג וויסען, ווי דער אמעריקאנער זאָגט: „ווער איז ווער אין אמעריקא"...

אָהאָ, ווען איין איד וואָלט געקענט זיין „כל ישראל", וואָלט געוועזען גאָר אַן אנדער מעשה! מילא, קען דאָך דאָס ניט זיין, און אין דעם דאָזיגען קעטסקיל־דערפעל איז דערוויל דאָ בלויז איין שוהל, מיט איין „ברודער פּרעזידענט", מיט איין שוחט, וועלכער מיינט אַז ער איז א גאַנצער „האָהן", וויל ער מאַכט דעם טויט אַלע היהנער, זיי ציטערען פאַר איהם ווי פאַר פייער, אפילו זיין אייגען ווייב ציטערט אויך פאַר איהם, כאָטש ער האָט איהר שוין לאַנג אָבגעקוילעט...

יא, דאָס איז דערזעלביגער דערפעל. די מענער־געסט געהען נאָך אַלץ אַרום שטענדיג אָהן רעק, אָהן וועסטען און אָהן היטלען איבער'ן גאַס, און די „ליידיס" מאַכען זיך אויך אַזוי בעקוועם ווי נור מעגליך, זיי טראָגען אויך ניט אויף זיך צופיעל קליידער, כדי עס זאָל זיי זיין לייכטער... דאָ וואַרפט מען אַראָב פון זיך אַלץ מיט אַנאַנדער; אַלץ, וואָס מען קען, אפילו די מענשליכקייט.

דאָס איז דער זעלביגער דערפעל, איך דערקען איהם אָן די געוואַלדיגע אידישע האָטעלען, וואו מען קען דול און משוגע ווערען פון די געוואַלדען און קולות, וואָס גאָט'ס „אויסגעוועהלטע אומה" מאַכט אין די שפּייז־צימערס, אויף די ווערענדאַס און די הויפען, אַז די פּאָר גוים, וואָס זיינען דאָ נאָך איבערגעליעבען, מיינען אַז די וועלט געהט אונטער.

איבערהויפּט אָבער דערקען איך דעם דאָזיגען דערפעל אָן די קאָרטען. אמת, דאָ וואַקסען נאָך דערוויל ניט קיין קאָרטען אויף

די בוימער, דאָ זיינען נאָך ניטאָ קיין קאָרטען־בערג, לויט איך האָב פאָריגעס יאָהר נביאות געזאָגט, — עס האַלטען דאָ אָבער זאַטע אי־דען און אידענעס אין איין בלעטערען די טעשלעך קאָרטען, אין איין פערטיעפען זיך אין דעם דאָזיגען „קליינעם ש״ס“, אין דעם דאָזיגען לימוד („לימיט“). ווען דאָ וואַקסען נאָך ניט קיין פאַרטיגע „אָקשען פינאָקעלס“ און „פּאָוקערס“ אויף די בוימער, איז דאָס ניט די שולד פון די אָבגעפרעסענע זומער־געסט. זיי בעמיהען זיך גענוג אויס־צומיסטיגען מיט קאָרטען פעלד און גאָרטען, לאַנד און לייט, נור עס איז נאָך אַביסעל צו פריה...

אין מיין היימישען שטעדטעל, געדענק איך, איז אמאָל דעם קלוטש־וואָיטס קודלאַטער הונד אַרומגעלאָפען איבער׳ן מאַרק מיט אַ בלאַט „חיי אדם“ אין פּיסק און נאָך איהם האָט זיך נאָכגעיאָגט ברוך מאיר דער שניידער, אַ באָרוועסער מיט אַ יאַרמולקע אויפ׳ן קאָפּ און אַ שטעקען אין האַנד, אַ פערשוויצטער מיט אַ צוואָוואָרפענע באָרד. דאָס „הייליגע“ בלאַט פון „חיי אדם“ וועלכען דער הונד האָט אַרומגעשלעפט איז געווען אַ שניידערשע, ברוך מאיר שניי־דערס „חיי אדם“, און ער האָט דאָס געזוכט צו רעטען פון הינטישע ציינער...

נאַטירליך האָבען מיר אינגלעך אויך ניט געשוויגען: איך וויים ניט געגנוי אויב מיר האָבען געוואָלט „מקדש השם“ זיין און זיך אָננעהמען פאַר׳ן רבונו של עולם און פאַר ברוך מאיר דעם שניידער, אָדער מיר האָבען זיך גלאַט אַזוי געוואָלט נאָכלויפען נאָכ׳ן הונד, איך וויים נור, אַז מיר זיינען נאָכגעלאָפען און געוואָרפען שטיינער און איך בין זיכער, דאָס ווען דער „חיי אדם“ וואָלט געלעבט, וואָלט ער פשוט אָנגעקוואָלען קוקענדיג ווי מיר נעהמען זיך אָן פאַר איהם, ווי מיר שטעלען אַיין דאָס לעבען פון זיינטוועגען און ווי ברוך מאיר דער שניידער איז זיך ממש מוסר נפש צו ראַטעווען אַ שמה פון אַ חצוף אַ הונד...

איך געדענק, ווען עס פלעגט זיין אַ גרויסער ווינד אין

שטעדטעל, און פלעגט אומלויפען איבער די הויפען און פייפען אויף אלעמען, אפילו אויפ'ן רב אויך, פלעגט ער ניט זעלטען מיטטראגען מיט זיך לויזע בלעטער פון פערשיעדענע הייליגע, אידישע ספרים ווי דער „צאינה וראינה", דער „מענה לשון", דער לוח א. ז. וו., וואס פלעגען זיך אומוואלגערען אין פאליש פון דעם „אלטען בית המדרש". קיין נייער בית המדרש איז ביי אונז אין שטעדטעל ניט געווען.

דא אין דערפעל פון די קעטסקילס אבער טאנצט אום דער ווינד מיט „שמות" פון אויסגעדיענטע פעקלעך קארטען.

אין א ווינדיגען טאג טומלען זיך דא אין דער לופטען „קעניגע", „מלכה'ס" און פוערים, און וואלטען געווען פאפיערענע פויערטעס וואלטען זיי זיך אויך מיטגעטומעלט, דען דא טומלען זיך און ראשען, און טאנצען, און דרעהען זיך א סך פויערטעס און פויערען, וואס מיינען אז זיי זיינען קעניגע און קעניגינס...

דערקען איך הייסט דאס אט דעם דערפעל איבערהויפט אן זיינע קארטען און קארטעווניקעס, וועלכע זעהען דא אויס פונקט ווי פאר־א־יאהרען אין דער צייט. עס איז נור קארטען און קארטען, און מיר דאכט אז הימעל און ערד שפיעלען „פאוקער", אז די שטיינער פון גאס שפיעלען אין קארטען, אז די הילצערנע הייזלעך, וואו די זומער־געסט שטעהען, שפיעלען אין קארטען, און איין הייזעל שרייט „טויז צלם" און א צווייטעס שרייט „טויז טראמף", אז איין בארדינג־הויז „פעסט" צו אן אנדערען און אזוי געהט דאס ביז איבער אלע קענטסקיל־בערג פון גרין קאונטי, און האלסטער קאונטי, און סאליווען קאונטי, און קאלאמביא קאונטי, און אזוי „פעסט" מען דאס איבער אלע קאונטים און טראנטעס ביז אין דער העלל אריין... איין אידישער האטעל דאכט מיר האצקעט זיך און פרעהט זיך, און שרייט: „איך האב די גוטע צעהנטעל"! און א צווייטער האטעל שרייט, אז ער האט גוטע אנדערע זאכען, און זיי האבען טאקע...

דאָס קאָרטעוועו האָט שוין דאָ זייט לעצטעס יאהר פיעל פּראָגרעסירט. מאַנכע קליינע קינדער, וואָס זיינען נאָך פאַר־אַ־יאָהרען געלעגען אין די קינדער־וועגעלעך מיט די מילך־פּלעשלעך אין די מײלעכלעך און זיך גאַנץ תמ׳עוואַטע איינגעקוקט ווי זייערע מאַמעס שפּיעלען אין קאָרטען, זיצען שוין היי־יאָהר אויפ׳ן גראָז און שפּיעלען זיך אַליין מיט קאָרטען...

איך אָבער שפּיעל ניט אין קאָרטען און דאַרף אפילו די „גוטע צעהנטעל" אויף צעהן כּפּרות.

ווען איך זעה וועלכע גראָבע יונגאַטשעס און יונגאַטשיכעס עס זיצען אַרום די קאָרטען־טישלעך און שפּיעלען און עס אַרט זיי ווענ־ג אָדער גאָרניט אויב זיי געווינען אָדער פערליערען, ווייל אויסער געלד האָבען זיי שוין אַלעס פערלוירען... און געלד האָבען זיי ווי בלאָטע, יאָ, ווען איך זעה וועלכע פערדאָרבענע און אונוויסענדע עס צייכנען זיך אויס ביי דער דאָזיגער „תורה", שעם איך זיך מיט דיעזען עמי־הארצים־שפּיעל צו אַמוזירען און איך אַנטלויף דערפון ווי פון פייער.

איינמאָל האָט זיך אפילו אַ „פּויער" געפונען שטאַרק בעלייזדיגט, וואָס איך האַלט ניט פון זיינע קאָרטען און מאַך אַש און בלאָטע פון זיינע „קיסרים" און „מלכה׳ס" און האָט זיך דוקא געוואָלט מיט מיר פערהערען...

עס איז מיר עפּעס געווען ניט מיט איהם צו טענה׳ן און ניט איהם צו פערשווייגען. זאָל איך איהם פערשווייגען, קען ער נאָך אַמאָל מיינען, אַז איך האָב מורא צו פערלעגען מיט איהם אַ געשפּרעך, אויף אַ „פּויער" איז קיין קשיא ניט, ער קען דאָס נאָך מיינען; זאָל איך איהם וויעדער געבען אַן אַרגומענט, און אויפווייזען אז איך בין גערעכט, טאָ וואָס וועל איך דערביי געווינען? איך וועל האָבען דעבאַטירט מיט אַ „פּויער", אַ „דזשעק".

דער כּלל, דאָס איז דער זעלביגער דערפעל...

קאָונטרי קאָזינס

אין ערגעץ וועלן מענשען ניט אַזוי גיך בעקאַנט ווי אין די אידישע זומער־פּלעצער אין די בערג. איך זאָג „אין די אידישע“, ווייל אין די גוי׳אישע, איבערהויפּט אין די ענגלישע איז דאָס ניט אַזוי. דאָרט מוז מען וואַרטען אויף אַן „אינטראָדאַקשאַן“, אימיצער זאָל פאָרשטעלען און זאָגען דעם נאָמען און פאַמיליען־נאָמען, זאָנסט קען מען זיצען איינע נעבען די אַנדערע טעג און יאָהרען, ווי שטומע, און ניט אויסריידען אַ וואָרט.

ביי אידען איז ניטאָ קיין צערעמאָניעס. אידען האַלטען פון „אָנשטעלען“, אָבער ניט פון פאָרשטעלען.

איך הײם ליבע קרוג
און געָנוג.

אָט דאָס בין איך טאַקע איך אַליין און פאַרטיג, און „טענה ניט“. מען קומט זיך צוזאַמען, מען רעדט זיך פונאַנדער און מען בעט שוין אַ שמעק טאַבאַק אָדער אַ פּאַפּיראָסעל, מען האַלט שוין איינער דעם אַנדערען אָדער איינער דער אַנדערער פאַר אַ קנעפּעל, מען לאַכט, מען קנייפּט זיך, אָדער מען זידעלט זיך גאָר אָהן אַ פאָרשטעלער, אָהן אַ וויזיטנעם בילעט און גאָר אָהן אַ נאָמען.

מען דערצעהלט, אַז אַן ענגלישמאַן איז אַמאָל געפאָהרען דריי חדשים אויפ׳ן ים און האָט צו קיינעם ניט גערעדט, ווייל ער האָט ניט געהאַט ווער עס זאָל איהם פאָרשטעלען. ענדליך האָט פּאַסירט אַן אונגליק. די שיף, אויף וועלכע ער איז געפאָהרען, איז צובראָכען געוואָרען און אונטערגעגאַנגען. ער האָט געזעהן ווי מאַנכע רעטען זיך אין אַ קליינע שיפעל, און האָט ארויסגעכאַפּט זיין ביזנעס־קאַרטע פון טאַש און האָט געשריען: „ענטשולדיגט, מיינע הערען,

איך מוז זיך אליין פארשטעלען, דאס איז מיין ביזנעס־קארטע, נעהמט מיך מיט מיט אייך"...

אין די אידישע זומער־פלעצער אין די קעטסקילס קען עטוואס עהנליכעס נית פאסירען. דארט קארעספאנדירען זיך די געסט איינע מיט די אנדערע נאך איידער זיי קענען זיך. די מעשה איז איינפאך.

דאס רוב אידישע האטעלניקעס און „פארמערס" הינקען נעבעך אויף עברי און קענען נים אונטערשרייבען זייער נאמען, מוזען די געסט פיהרען פון זייערטוועגען די קארעספאנדענץ: לויבען די האטעלען, מיט די „פארמס", מיט די פליגען, מיט די וואנצען, מיט די „אייגענע גרינסען" פון „אייגענעם פארם" (וואס ווערט געקויפט ביי א דערבייאיגען גוי)....

די אונטערשטע שורה איז, אז אין די בערג איז נים אומעטיג און א איד, וואס איז נים קיין שלים־מזל און ווארט נים מען זאל איהם פארשטעלען, איז דא פונקט ווי אין דער היים צווישען אייגענע. עס פעהלען איהם נים קיין ברידער און קיין שוועסטער, קיין קאזינען און אפילו קיין ווייב אויך נים.

די ווייבער קענען זיך דארט אויך נים בעקלאגען. אמת, די מענער זייערע זיינען אין שטאדט און קומען נור אויף די בערג ווי צדיקים יעדען ערב שבת, דערפאר אבער האבען זייערע פלונית'טעס „לייבליכע קאזינס", וואס גיבען אויף זיי אכטונג, זיי זאלען זיך חלילה נים איבערשרעקען אין די משונה'דיגע קעטסקילס...

איך האב געקענט אין די בערג א ווייבעל, וואס האט בה"ש געהאט מעהר „קאזינס" ווי איך בין אימשטאנד צו געדענקען און מערקווירדיג, אלע איהרע „קאזינס" זיינען געוועזען מענער... עס האט נים פיעל געפעהלט, איך זאל אויך ווערען איהרער א „לייבליכער קאזין". זי האט מיך שוין געהאט פארגעשטעלט אלס אזעלכען. נור אזוי ווי איך האב זיך נים געקענט בעשליסען פון וועלכען צד איך זאל ווערען איהר „קאזין" און אזוי ווי איך האב פיינד א צו גרויסע משפחה, בין איך איהר געבליבען א פרעמדער.

איך געדענק ניט גענוי ווי אזוי איך האָב זיך מיט איהר בעקענט, דאכט זיך, אז קיינער האָט אונז ניט פאָרגעשטעלט, זי האָט זיך אַליין פאָרגעשטעלט פאר מיר. זי האָט געלאכט און איך האָב געשמייכעלט און אזוי זיינען מיר געוואָרען שטיקלעך קנעפּלעך.

איין מאָל האָב איך עפּעס געפיהלט ניט צום בעסטען. איך בין געווען שלעכט געלוינט און אונצופריעדען מיט מיין האָטעלניק, מיט „זיינע" גרינסען, מיט זיינע געסט, וואָס האָבען מיך קראַנק געמאַכט מיט זייער ווילדע, אונגעלומפּערטע בענעהמונג, מיט זייער חוצפּה'דיגע צודרינגליכקייט, מיט זייערע וואולגאַרע קולות און געוואַלטען אין שפּייז-צימער; איך בין עפּעס געווען בייז אויף גאָט און לייט, אויף דער גאַנצער וועלט און בין ארויס אַליין אין פעלד כאַפּען אביסעל פרישע לופט, לעבעדיגער אויפצואָטהעמען. ערשט, איך גיעב אַ קוק, זי איז אויך דאָ, זי געהט אויך.

— ענטשולדיגט, וואָס איך געה מיט אייך ניט געלאַדען. געוועהנליך האַלט מען אין די בערג ניט פון עטיקעט. דאָ דאַרף מען זיין פּראָסט, אָפען, ניט פערשטעלט... עס איז מיר געוואָרען אומעטיג, האָב איך געדעכענט, מען דאַרף געהן מיט אַ בעקאַנטען אין וואַלד...

דערביי האָט זי מיר אריינגעקוקט שעלמיש אין די אויגען און זעהר זיס, כמעט פריקרע געלאַכט...

צייט ווען איך בין איהר אזא „בעקאַנטער" האָב איך אַליין ניט געוואוסט. איך האָב אפילו מיט איהר ביי איין טיש ניט געגעסען. איך האָב איהר אָבער ניט געוואָלט איבערשפּאַרען; זאָל זיין אזוי.

געהענדיג מיט מיר, האָט זי פּלוצלינג בעגעגענט עטליכע פון איהרע ניו יאָרקער בעקאַנטע און האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַר זיי אַלס איהרען אַ „קאָזין"...

ביי איין אידענע, פאַר וועלכע זי האָט מיך פאָרגעשטעלט, איז עפּעס אויסגעקומען ניט גלאַט די קאָזין-געשיכטע און זי האָט זיך געווענדעט צו מיר מיט אַ גנב'ישע בעמערקונג.

— עס פרעהט מיך זעהר צו טרעפען מיין פריינדין'ס א קאַזין...
פון וועלכען צד זייט איהר פערוואַנדעט? — האָט זי מיך געפרעגט און געשמייכעלט.

איך בין געוואָרען צומישט און אויסער זיך פון דער גאַנצער אונגעריכטער, איבערראַשענדער פּאַסירונג און פון דער אידענעם טייוועלשער פראַגע און אַביסעל שטיפעריש, אַביסעל צוטומעלט, האָב איך געענטפערט שטאַמלענדיג:

— פון וועלכען צד איהר ווילט, פון ביידע צדדים.

— סיידען אַזוי — האָט די אידענע איראָניש בעמערקט און איז אוועק.

מיר האָט די גאַנצע זאַך געקרענקט און געעקעלט. איך האָב אויסגעקוקט ביי זיך אַליין אַזוי נאַריש, און ווער האָט מיך אָבגענאַרט, גענומען אויף זיכער און געשטעלט אין אַ לעכערליכע לאַגע? אַ ווייבעל אין די בערג, וואָס איך ווייס אפילו ניט איהר נאָמען!

— קום, לאָמיר געהן! — האָט זי זיך געווענדעט צו מיר, מיך מעהר ניט איהרצענדיג.

אַ ברירה האָב איך געהאַט? איך בין געגאַנגען. זי האָט זיך צוגעטוליעט צו מיר אַזוי נאָהענט, אַז איך האָב געפיהלט איהר הייסען אָטהעם און איהר פולע ברוסט האָט געגליהט מיינע הענד.

— ווי געפעלט איך צו זיין מיינער אַ קאַזין? — האָט זי מיך שמייכלענדיג געפרעגט.

— ווי געפעלט אייך אָבער די איראָניע פון אייער בעקאַנטער פרוי? — האָב איך איהר געפרעגט.

— נאַרעשקייט! איך האָב פאַר איהר קיין מורא ניט — האָט מיר מיין בעגלייטערין געענטפערט — זי האָט מיר פאַרגעשטעלט איהרע „קאַזינס“ אויך... איך קען איהר... מיר קענען זיך...

אַזוי ריידענדיג זיינען מיר אַריין אין וואַלד.

— ווי גוט דאָ איז! — האָט זי געזאָגט.

— ווי געטליך! — האָב איך געענטפערט.

— הערט אויף איצט מיט גאָט ! — האָט זי מיך געשטראָפט — איצט הערשט דער מענש. ער איז אין דיעזער מינוט, אין דיעזער בעהאַלטענער שטילקייט א סך שטאַרקער, מעכטיגער... און ער זאָל טאַקע הערשען, דער מענש, געוועלטיגען זאָל ער, די ערד און אַלץ וואָס אויף איהר איז פאַר איהם, ער זאָל געניסען, ער קען, ער מוז געניסען...

די לעצטע ווערטער האָט זי געזאָגט מיט אַזאַ פייער, מיט אַזאַ ברען, אַז איך האָב זיך פאַר איהר ווי דערשראָקען. אַנשטאָט מיך צו געווינען האָט זי מיך אָבגעשטויסען. דער סוד איז אָן אָפּענער. מיר ליעבען אין אַ פרוי איהר שעהמעוודיגקייט. זי איז אָבער געווען צו אַקטיוו, דאָס האָט געמאַכט אויף מיר אַ שלעכטען איינדרוק.

— זייט איהר אַ מוטער אויך ? — האָב איך איהר געפרעגט, ווי ניט פערשטעהענדיג אַליין פאַרוואָס — האָט איהר קינדער ?

— יאָ, צוויי — האָט זי האַסטיג געענטפערט — אָבער צוואָוואָס טויגען איצט אַזעלכע ערנסטע קשיות ?

— און אייער מאַן שיקט אייך געלד אויך אין די בערג ? — האָב איך איהר ווידער הארט און קאַלט געפרעגט.

— שאַט ! — האָט זי זיך געערגערט — פּלאָגט מיך ניט איצט מיט אַזעלכע שאלות ! זעהט ווי שעהן דאָ איז, די ליעבע רעדט פון אַלע בלעטלעך, די פויגעל זינגען ליעבע, דער גאַנצער וואַלד איז פול מיט ליעבע, — מענש, מאַן זיי שטאַרק, ליעב, געניס, איך בין דיינע !

— אָבער אייער מאַן מיינט, אַז איהר זייט ז י י נ ע, אַז איהר ליעבט נור איהם אַליין — האָב איך שטרענג בעמערקט.

— ער איז אַ נאַר אויב ער מיינט דאָס — האָט זי געזאָגט — איך ליעב איהם אויך. פון וואַנען ווייס איך, אַז ער ליעבט נור מיך ?

זי האָט אין גאַנצען געציטערט, אָבער איך בין נאָך בייזער געוואָרען אויף דער וועלט ווי פריהער.

— מאַדאַם, מיר מוזען אַרוים אויף דער ליכטיגער וועלט — האָב איך געזאָגט — עס ווערט שפּעט.

— געליעבטער! — האָט זי מיך געדריקט צו זיך.

— דער וואַלד איז ענג, איך ווער דערשטיקט — האָב איך געשריען מיט פּיין — אַרוים, אַרוים אין דער ליכטיגען!...

— גזלן!

— קומט אַהיים, מאַדאַם, צוריק אַהיים...

— איהר זייט אַ פּייגלינג!

— איהר זייט אַ פרוי...

ימים טובים

משה

דער נילוס האָט זיין וויעג געוויעגט,
זיין ליולו־ליעד געזונגען.
רחמנות האָט זיין גייסט ענטציקט,
זיין בוזים דורכגעדרונגען.

ער האָט צום ערשטען מאָל דערקענט
זיין פאָלק אין פייער־דאָרען:
דאָס ברענט און ווערט אַלץ ניט פערברענט,
און ווערט אַלץ ניט פערלאָרען...

ער האָט געהערט דעם הימעלס שטים
פול לעבען און בענייאונג:
„דער קנעכט איז עלענד, געה צו איהם,
דערצעהל איהם פון בעפרייאונג!“

ער פאָלגט אויף גיך, ער וואַרט ניט לאַנג,
ער געהט דעם מענש ערוועקען...
ער מאַכט דעם שטעקען פאַר אַ שלאַנג,
די שלאַנג צוריק אַ שטעקען.

ער פיהרט די קינדער פון זיין שטאַם
פון קנעכטשאַפט'ס פינסט'רע דירה,
ער שפאַלט פאַר זיי דעם רויטען ים...
און טרילערט פרייהייטס שירה.

ער פיהרט זיי פון דער לאַנגער נאַכט
דורך מדבר און דורך יאָהרען,
און האָט צו סיני זיי געבראַכט,
דאָרט ווערן זיי גיי געבאָרען...

דער סיני ברענט, דער „דאָרען" ברענט,
אַ ציטערניס, אַ מורא, —
ער האָט זיי דאָרט מיט גאָט בעקענט,
בעקענט זיי מיט זיין תורה.

דער סיני רויבערט זיך און פלאַמט,
דער שטן האָט קיין תקומה —
עס ווערט די שקלאַווערייַ פערדאַמט,
עס לעבט אַ פרייע אומה.

דאָס איז דער קנעכט פון „אלהים",
דער איד, דער מענש דער נייער —
מיר זעהען אין דעם וואַסער איהם,
מיר זעהען איהם אין פייער...

איך וויים ניט אויב משה האָט געהאַט הערנער, ווי מיכאל אַנזשעלאָ שטעלט איהם פאָר, אָדער אויב ער איז געבאָרען געוואָרען אין תפלין ווי מיין רבי פלעגט זיך איהם פאָרשטעלען. איך וויים ניט אויב ער איז איבערהויפּט געבאָרען געוואָרען אין בלוט און פלייש. ער איז אפשר גאָר — ווי מאַנכע ווילען האָבען — די ריעזיגע פיגור פון אן אונבעגרענצטע פאַנטאַזיע.

איך וויים ניט, מיך אַארט ניט.

איך קען דעם משה'ן פון דער ביבעל, און אַלס פאַר אַזעלכען בוק איך זיך אין עהרפורכט פאַר זיין מאַיעסטעט.

איך ווייס ניט אויב משה איז אַרויף אויפ'ן הימעל, איך ווייס אָבער, אַז ער האָט אַראָבגעבראַכט דעם הימעל אויף דר'ערד.

איך ווייס ניט אויב ער האָט גערעדט מיט גאָט, איך ווייס נור, אַז ער האָט אויפגעטהאָן געטליכע ארבייט. ער האָט געמאַכט פון שקלאַווען מענשען, פון קנעכט — פרייע וועלט־בירגער און איך וואַג ניט צו דערמאָנען זיין נאָמען אונגעוואַשען.

ווען איך טראַכט און פערטראַכט זיך אויף דער געשיכטע פון יציאת מצרים בלייבען מיר אין זכרון בלויז דריי הויפט־כחות פון דער פּאַסירונג: גאָט, משה און דער שטעקען און פון די דריי צייכענט זיך מיר אין געדאַנק צום שטאַרקסטען די געשטאַלט פון משה'ן.

כאָטש די גאַנצע געשיכטע דרעהט זיך ארום די קינדער ישראל, אַרום די אידען, דאָך זיינען נאָך דעמאָלט קיין אידען ניט געווען, שקלאַווען זיינען קיין אידען ניט, פונקט ווי זיי זיינען קיין מענשען ניט; פּאַר אידען האָט זיי ערשט משה געמאַכט.

קיין גאָט איז נאָך אויך ניט געווען. אַ געץ איז קיין גאָט ניט. אַ גאָט אין דעם זין ווי אברהם האָט דאָס פערשטאַנען האָט מען אין מצרים ניט געקענט. אברהם'ס אייניקלעך האָבען דאָס אין שקלאַווערייַ אין גאַנצען פערגעסען. משה האָט איהם ערשט געמוזט פאָרשטעלען גאָר פון דאָס ניי.

אַ „שטעקען" האָט שוין אפילו די וועלט יאָ געהאַט. פויסט־קראַפט, די קראַפט פון געוואַלט, פון שלאָגען האָט שוין עקזיסטירט פון לאַנג, פון אייביג. אָבער דער שטעקען איז ניט געווען קיין געטליכער שטעקען, ער איז ניט אויסגעוואַקסען צווישען די עדעלע בוימער... זאָנדערן אין די פּראָסטע וועלדער פון איינפאַכע הייץ־מאַטעריאַל...

משה'ס שטעקען איז געווען גאָט'ס שטעקען, וואָס ער האָט בעשאַפען צווישען די צעהן ספּעציעלע זאַכען פרייטאַג צו ליכט־בענשען... משה'ס שטעקען איז דער שטעקען, וואָס וואַקסט אויס

אין גן־עדן פון הימעלשע אידעאלען אלס א מיטעל אָנצואווייזען די שטערבליכע אויף דער אַלמאַכט, דעם אמת און די אייביגע גערעכ־טיגקייט, דאָס איז דער שטעקען, וואָס קען ווייזען וואונדער, ווייל ער קומט אים נאָמען פון אבזאָלוטער וואַרהייט און ריינע ליעבע.

אזוי ווי איך קען מיר ניט פאָרשטעלען א גאָט אָהן א משה'ן, אזוי קען איך מיר ניט פאָרשטעלען א משה'ן אָהן א שטעקען... א שטעקען אין די הענד פון אן אַנדערען וואָלט געווען געפעהרליך פאַר דער בעפרייאונג. דער ריכטיגער שטעקען מוז האָבען דעם ריכטיגען מאַן און צוזאַמען מיט „גאָט", מיט דעם אידעאַל, קען ער ווייזען וואונדער איבער וואונדער, שפּאַלטען דעם רויטען ים און פיהרען צו דער גאולה...

ווי שעהן די גאַנצע מעשה מיט משה'ן קלינגט! ווי רייך זי איז אין פּאָעזיע און געדאַנקען!

מען דערצעהלט אונז עפּעס פון נאָך אן „ערלייזער", פון א גייסטיגען גואל, וואָס האָט זיך ניט געקימערט פאַר פיזישע שקלאַ־ווערייַ, וואָס פערקנעכטיגט דעם קערפּער, זאָנדערן וואָס די נשמה איז פערשקלאַפט ביים טייפעל... דיעזער נייער „ערלייזער" האָט געמיינט, אז שווערע, קערפּערליכע פערקנעכטונג האָט אויף'ן גייסט ניט קיין ווירקונג. ער האָט משה'ס תורה ניט פערשטאַנען. ער איז געקומען אויסלייזען די זעעלע, ברענגען אן ערלייזונג פאַר דער נשמה, לאָזענדיג דעם גוף אין קייטען. ער האָט ניט געוואוסט, אז בויענדיג „פּתם און רעמסס" פאַר פרעמדע, ווערט דער אייגענער גייסט צושטערט, קען מען די אייגענע נשמה ניט רעטען...

דיעזער ערלייזער — דערצעהלט מען — איז געבאָרען געוואָרען אין א שטאַל...

פוי! דורך דער גאַנצער מעשה טראָגט זיך דער גערוך פון מיסט, אפילו הייליגע מיסט, הימעלשע מיסט... אָבער עס שמעקט דאָך ניט... א שטאַל בלייבט א שטאַל, ווען דאָרט זאָל אויך געבאָרען ווערען א משיח... אָדער אפילו א גאָט...

משה'ן דערזעהען מיר צום ערשטען מאָל — אזוי ווי גאָט — אויפ'ן וואסער... אויפ'ן פרישען, לעבעדיגען פלוס, וועלכער איז די ריינקייט, די טהרה, די קלאָרקייט אליין. און נאָך אויף וועלכען וואסער! אויפ'ן נילוס, וועלכער טרינקט אָן און בעזאפטיגט די פערשמאַכטע ערד פון א גאַנצע מדינה און צויבערט ארויס פון איהר אַלטען בוזים יונגעס גרין, נייע שפּראָצונגען, נייעס לעבען!

זייער „ערלייזער" האָט מען ערשט געדאַרפט טבל'ען אין ירדן... אָבשווענקען דעם שטאָל, די מיסט, דעם עזעל-גרוך, וואָס האָט איהם ארומגענומען...

דער אידישער ערלייזער אָבער איז געבאָרען געוואָרען ריין. זיין מאַמע איז געגאַנגען טבילה... זיין וויעג האָבען געשאָקעלט די בלויע וועלען פון דעם גרייז-גרויען זיידען דעם ניל אין דעם פרוכט-באַרסטען טהאָל פון עגיפּטען, און פרייע, אָפענע הימלען האָבען איהם גאָלדענע מעשיות דערצעהלט.

זייער „נשמה-ערלייזער" איז — דערצעהלט מען אונז — ענדליך געשטאָרבען מיט א מיתה-משונה, מיט אַן אבשטויסענדען טויט פון א פערברעכער, משה אָבער איז געשטאָרבען מיט א קוש, גאָט האָט זיין כשר'ע נשמה אויסגעקושט און וועט איהר ווידער אמאָל אריינהויכען אין א נאָבעלען גוף, צו בעשאַפען א נייעם משה די וועלט צו בעפרייען...

ער איז נאָכ'ן טויט ניט אריין אין הימעל, דער גרויסער, עדעלער ערלייזער. ער איז געבליבען אויף דר'ערד צווישען אונז, צווישען די מענשען, פאר וועלכע ער האָט געשטריטען. זיין קבר איז אויף א באַרג. ער איז געוועזען דער העכסטער ביים לעבען, ער האָט געדיענט דעם לעבען מיט דאָס העכסטע און איז אין דער הויך פערבליעבען, אָבער אַלץ אויף דר'ערד.

און ווי רייך דער געדאַנק פון דער שריפט איז אז משה איז בלויז געוועזען גאָט'ס א ק נ ע כ ט. יא, א ק נ ע כ ט, אָבער נ י ט קיין ז ו ה ן, ווי זייער „ערלייזער" האָט פּרעטענדירט צו זיין.

גאָט האָט ניט קיין פּריוואַטע פאַמיליע. אַלע גלייך זיינען זיינע קינדער.

עס זיינען קיין יחסנים איבערהויפּט ניט פאַראַן. אָט ווי גרויס משה איז געווען, איז אַלץ דאָס פאָלק גרעסער פון איהם. אין דער תורה שטעהט דאָס פאָלק שטענדיג העכער ווי זיין בעפרייער.

די פערגרעבטע, אונוויסענדע שקלאַווען, פערזונקען אין כשוף, געצענדיענסט און אונמענשליכע פּראַצע, וועלכע ווייסען ניט וואָס עס טהוט זיך מיט זיי, וואו זיי זיינען אין דער וועלט, זיי, יאָ, זיי זיינען גאָט'ס קינדער און משה דער גייסטיגער ריעז, דער ליכטיגער, דער ערהאַבענער, ער איז בלויז גאָט'ס משרת, אַ קנעכט געשיקט פון טאַטען צו די קינדער, אַ בעגלויבטער, אַ טהייערער משרת, אָבער דאָך אַ משרת און ניט קיין „זוהן"...

און טאָמער האָט משה — רעדענדיג שטענדיג מיט גאָט, זייענ־דיג אָנפערטרויט מיט געטליכע סודות און שליחות — פערגעסען זיין ריכטיגען שטאַנד און האָט אַ געשריי געטהאָן צום עולם: „הערט מיך אויס, איהר יונגאַטשעס!" איז גאָט בעז געוואָרען און האָט בעשלאָסען, משה זאָל שטאַרבען אין דער מדבר און זאָל ניט האָבען די זכיה אריינצופיהרען די אידען אין ארץ ישראל. גאָט האָט איהם געגעבען צו פערשטעהן, אַז ער איז בלויז דעם קעניג'ס פליעגעל־אדיוטאַנט און דאַרף ניט וואַגען צו בעליידיגען די פּרינצען.

דו ביזט טאַקע מיין „מענש", מיין פערטרויטעסטער, ביזט אַן „אַגיטאַטאָר", אַ „פּרינציפּיעלער" מאַן, אַן „אידעאַליסט", אָבער דאָס פאָלק איז גרעסער און הייליגער פאַר דיר. דו וועסט שטאַרבען, אָבער דאָס פאָלק וועט בלייבען, זיי זיינען די וועלט, די אייביגקייט און דו מוזט האָבען דרך־ארץ.

עס איז קיין וואונדער וואָס דער שפּעטערדיגער אזוי גערופענער נשמה־ערלייזער, דער שטאָל־משיח, האָט געמוזט — אויפטרעטענ־דיג געגען משה'ס לעהרע — זאָגען, אַז ער איז גאָט'ס זוהן, דען נור

גאָט'ס אַ זוהן האָט געקענט וואַגען אויפצוטרעטן געגען אַזאַ מאַן ווי משה, וועלכער איז געווען דער „פאָטער פון די נביאים", דער גרעסטער, וואָס קיין גרעסערער וועט ניט מעהר געבאָרען ווערען.

די גלויביגע פון דעם אָבגעשווענקטען גלויבען, אַז ער איז אויפ־געשטאַנען פון די טויטע און איז אַרויף אין הימעל. דאָס איז גוט. מיר האָבען דאָ פאַר אַזעלכע העלדען קיין אָרט ניט. איינער, וואָס קומט נור ראַטעווען אונזערע נשמות איז ניט אונזער „משיח".

מיר דאַרפען אַ משה !...

פסח'דיגע חלומות

חלומות, פסח'דיגע ליעבע,
חלומות פון אמאל און היינט,
ווי ליעב איהר זיינט!
ווי העל איהר שיינט!
חלומות טרויעריגע, טריבע;
ווי טיעף איהר שרעקט,
ווי ווילד איהר מעקט
פון הארץ די שיין
און לאזט נאר פיין!

בדיקת חמץ.

פאר יעדען אידישען יום־טוב פלאגען מיך די חלומות. פערשיעדענע חלומות, אלטע און נייע. מאנכע זיינען אזוי שעהן, אזוי כישוף'דיג, אזוי ערמוטהיגענד, אזוי ליכטיג, אז איך וואלט אייביג, אייביג אין זייערע שאטען־ארעמס געלעגען, זיך געלאזט פון זייערע ווייסע, ווייכע פליעגעל גלעטען. און מאנכע זיינען אזוי פינסטער, אזוי אומעטיג, אזוי פערווירענד, אז עס נעהמט אן א מורא.

עס איז פאר פסח און דער בעל חלום טרעט ניט אב פון מיר. בייטאג, ביינאכט, עס האלט מיר אין איין חלום'ען און פרעגט וואס און ווען! גאט ווייס, עס קומט ניט איינס צום צעהנטען...

אט איז איינער פון מיינע חלומות:

מיר דאכט, עס איז דער אבענד פאר ערב פסח: איך ליעג און שלאף, און עפעס א שטימע וועקט מיך:

— שטעה אויף! געה, זיי בודק חמץ אין אידישען קווארטאל! איך בין האסטיג אויפגעשפרונגען.

געבען מיר איז אויסגעוואקסען א אונבעקאנטער מענש מיט א גרויסען, ברענענדיגען שטורקאץ אין האנד און האט געזאגט:

— קום! איך וועל דיר צולייכטען...

איך האב גענומען, ווי דער שטייגער איז, א הילצערנע לעפעל מיט א פעדער, אריינצושארען דעם חמץ, האב זיך פארטיג געמאכט צו מיין פפליכט און האב געוואלט געהן.

— וואו געהסטו? — האט מיך דער אונבעקאנטער פערוואונ־דערט און איראָניש געפרעגט.

— אויסראמען דעם חמץ. — האב איך געזאגט.

ער האט מיך מאָדנע אנגעקוקט און האט א שמייכעל געטהאָן.

איך האב זיין שמייכעל ניט פערשטאנען, האב גענומען די הגדה, אויפגעמישט די ברכה פון „ביעור חמץ" און זיך געווענדעט צו דעם אונבעקאנטען און געזאגט:

— קום מיט דיין פייער און לייכט מיר צו!

ער האט וויעדער געשמייכעלט. דאס מאל עפעס אזוי לצנות־דיג, שטעכעדיג, זיין שפיציגער שמייכעל האט מיך דורכגעדרונגען ביז אין צעהנטען ריפ. ענדליך האט ער אויפגעהויבען זיין העלען פאקעל און מיר אריינגעקוקט מיט א שפאט אין פנים אריין און האט איבערגעפרעגט זיין פריהעריגע קשיא:

— וואו געהסטו?

— —אויסראמען דעם חמץ פון אידישען קווארטאל. — האב איך בעז און ביטער געענטפערט — מען האט מיך אויפגעוועקט, געהייסען געהן, געה איך...

דער אונבעקאנטער האט אויסגעשאסען אין א מערקווירדיגען געלעכטער און סארקאסטיש א פרעג געטהאָן:

— מיט א לעפעל?...

פון דעם ווינד וואס זיין ארויסגעפלאצטער געלעכטער האט געמאכט, האט זיך דער שטורקאץ פערלאָשען. מיר איז געווארען פינסטער אין די אויגען... איך האב געפיהלט ווי מיין פנים ברענט

פאר חרפה... איך האָב אַזש אַליין אַ שמייכעל געטהאָן פון מיין נאַרישקייט... שווארץ... איך האָב מעהר קיינעם ניט געזעהן, נור ערגעץ פון דערווייטענס האָט דאָס געקיכערט און געלאַכט, און געפּליעסקעט מיט די צינגער און איך האָב געהערט אָט די דאָזיגע ווערטער:

איהר זייט גוט און איהר זייט פרום,
חמץ, חמץ אומעטום...
אייער שוהל און אייער קלויז,
זיינען „חמץ׳דיג" דורכאויס.
וואו מען גיט זיך נור אַ נייג
זייט איהר פול מיט „זויער־טייג"....
אַלע איי׳רע פרומע שטיק,
זויער, זויער, חמץ׳דיג....
ניט מיט לעפעל,
נור מיט שעפעל
דאַרף מען ראַמען אייער שאַנד,
אייער „חמץ" דאָ אין לאַנד...

אויסוואַנדערונג.

איך האָב ווידער איינגעשלאָפען...

מיר חלום׳ט איך געה צו ראַטגערס סקווער פאַנטאַן טובל׳ען די פסח׳דיגע כלים, די כוסות און געפין איהם טרוקען ווי ביין... „אַ אידישער פאַנטאַן" — טראַכט איך — „וויל ער ניט נאָכטהון די גוי׳שע, ווען אַלע שטאדט־פאַנטאַנען שיסען זייערע קלאָרע וואַסערען און שטויבען בריליאַנטען, איז דער אידישער וואַסער־העלד דוקא טרוקען ווי אַ היץ־קריינק... ער אַסימילירט זיך ניט..."

ווען איך האָב אָבער אָנגעהויבען געהן צוריק, בין איך פּלוצלונג

איבערראשט געוואָרען פון דעם גרויסען המון, וואָס איז געגאַנגען און געלאָפען פון אַלע זייטען. גוואַלדיגע כוואַליעס מיט מענשען, מענער, פרויען און קינדער, אַלטע און יונגע מיט שטעקענס אין די הענד און פעקלעך אויף די פּלייצעס האָבען זיך געלאָזען פון אַלע עקען און זייטען. איבער דעם ברוקלין בריק און פייק סטריט בריק און וויליאַמסבורג בריק האָבען זיי זיך געגאָסען ווי ווילדע וועללען.

„ א לויה,“ טראַכט איך, „געווים א לויה... אודאי עפּעס א פערגעסענער אידישער שרייבער געשטאָרבען... א צדיק — טראַכט איך — בעשערט געוועזען איהם צו שטאַרבען אין ניסן...“

איך בין ערשטוינט און פערוואונדערט.

פּאַראוים געהט א הויכער מאַן, א ריעז, זיין לאַנגע באָרד פּער־לעגט אין לאָקען, צוגעגאַרטעלט מיט א זיידענעם שאַל ארום זיינע מאַסיווע לענדען. זיין יעדער טריט האָט פּערנומען א קוואַרטער גאַס.

— וואו איז דאָ ערגעץ דער וועג צום ים־סוף ? — האָט ער מיך פּלוצלונג אָבגעשטעלט און געפרעגט. זיין אָטהעם האָט מיך שיער פערברענט, ליכט און בשמים זיינען פון זיין מויל געפאַלען און זיינע אויגען האָבען געלויכטען ווי שטערען...

— צום ים־סוף ? — האָב איך צושראָקען און פערוואונדערט איבערגעפרעגט — איך וויים ניט... פרעגט א פּאָליסמאַן...

— איך קען ניט קיין ענגליש. — האָט ער מיר ערקלערט — איך בין ניט קיין היגער.

— ווער זייט איהר דען ? — האָב איך איהם געפרעגט, מורא־האָבענדיג ער זאָל מיך ניט פערברענען מיט זיין קוק — יא, ווער זייט איהר ?

— משה בן עמרם ! — האָט ער מיר שטאָלץ געענטפערט — מען קען מיך אונטער דעם נאָמען משה רבינו...

— גאָט !... און וואו פיהרסטו די אידען פון ניו יאָרק ? — האָב איך איהם מיט עהרפורכט געפרעגט און זיך איינגעבויגען א קוש טהון די ערד, וואו ער איז געשטאַנען.

— צוריק נאָך מצרים. — האָט ער מיר געזאָגט — דאָרט איז כאָטש קיין אידישע ליטעראַטור ניטאָ... קיין קהלה, קיין כשר'ע חזיר-וואורשט, קיין „שומרי שבת", קיין כלל-טהוער.

באַלד איז דאָס גאַנצע בילד פערשוואונדען פון מיינע אויגען, נור דער ראָטגערס סקוועך פאַנטאַן האָט געזונגען און זיינע אַנ-געוואָרפענע לאַבעדריקעס, בלעכענע קענדלעך, בעזימס, יארמולקעס, ווייבערשע טשעפּקעס, פסול'ע רצועות, אויסגעדיענטע „לעקטשורס", צוגעלעגענע אידען און פרומע צייטונגען האָבען איהם אונטער-געהאַלטען אין כאָר, מיינע אייגענע כוסות האָבען אויך צוגעזונגען.

כשר'ע בלעטער,
אידישע געטער,
זאָגער און בעטער,
העלפער און רעטער,
טהוען אַ פּולע
פאַר דער גאולה.
לעקטשורער, קלייבער,
עהרליכע שרייבער....
פּויקען און דרוקען,
שונדיש און טרוקען,
ווילד און מסוכן.
נאַרען די פרומע,
גלויביגע, דומע,
מאַטערען „משה'ן"
אין אונזער גושן...
הייליגע שפּרינגער
דרייען די מחות,
זויגען די כחות,
מיינען די קלינגער.

קוים האָט דער כאָר פערשטומט, האָט זיך דערהערט אַ געזאַנג פון דעם אויבערשטען בעקען פון פאַנטאַן. אַ מאַטראַץ האָט געעפענט דאָס מויל און אַ פּאָר תחתונים האָבען געפּלאַצט פאַר געלעכטער, אַ רעפאָרמירטער סידור האָט זיי געהאָלפען זינגען און לאַכען.

פאַנטאַן און „קהלה",
טבילה און תפלה,
שבת און מילה,
הייליגע זאַכען
גליקליך צו מאַכען
אָרימע אידען,
שטיל און צופריעדען,
בוקענד צו לויבען
אונטען און אויבען,
צאָהלען די טראָסטען
פיעל עס זאָל קאָסטען...
גוט זיין און פרום זיין,
פאָלגען און שטום זיין,
היטען די דינים,
לעקען די קצינים
עקודים וברודים
פון די „יאַהודים".

אַ פייג.

פונקט ווי מעפיסטאָפעלעס האָט איינגעשלעפערט פאַוסט'ען, אַזוי האָט מיך דער פרומער ראָטגערס סקווער פאַנטאַן איינגעשלעפערט מיט זיין מוזיק. עס האָט אין גאַנצען גענומען אַ מינוט און איך האָב ווידער גע'חלום'ט.

אַ לאַנגער, ברייטער וועג. פון ביידע זייטען שטעהען נייע, נור־וואָס אויפגעבויטע פּיראַמידען. זייערע הויכע שפּיצען גליהען אין צושמאָלצענעם גאָלד פון דער עגיפּטישער מאָרגען־זון. דער פלאַקערדיגער מזרח האָט אָנגעצונדען די קעפּ פון די בערג. די פלאַמען האָבען אויסגעזעהן ווי ברענענדע ריעזען־ליכט.

אַ שוואַרצע מאַסע בעוועגט זיך און אײַלט זיך פּונקט אַנטקעגען ים־סוף. אָט, אָט און דער רויטער ים שלינגט זיי איין...

פון הינטען יאָגען פוסגעהער און רייטער; אַ שרעקליכע מחנה באָרוועס און אין סאַנדעל־שיך; שוואַרצע, האַלב־נאַקעטע גבורים מיט שפּיעזען און פּיילענבויגענס אין די הענד און זייערע קולות פערטומלען די פעלזען־בערג. אַ ריעזיגער שטעקען בעווייזט זיך אין דער לופטען... דער ים ווערט ווילד, בייזערט זיך; בריה'ט זיך; קאָכט זיך און רוקט זיך אַלץ אָב פון ברעג. ער אַנטלויפט... הינטערווערלעך אַנטלויפט ער... דער שטעקען דערגרייכט איהם, דערלאַנגט איהם אַ קלאַפּ, עס גיט אַ דונער. די פּיראַמידען ציטערען; די בערג שפּרינגען ווי בעק; די הימלען קלינגען פון אויבען ווי צובראָכענע גלאָז... אָט, אָט פאַלען זיי אַרונטער גלייך אין ים אַריין...

עס איז אָבער ניטאָ מעהר קיין ים, ער איז טרוקען. אין צוועלף בעזונדערע שימער־וועגען איז ער געשפּאָלטען, פאַר די צוועלף שבטים... פאַר יעדען שבט אַ בעזונדער וועג. און אַלבאַס־טער־ווענד טהיילען די וועגען פאַנאַנדער. דורכזיכטיג, קלאָר זיינען די צווישען־ווענד; די שבטים קוקען דורך זיי ווי דורך פענסטער... זיי זעהען איינע די אַנדערע, שטוינען, פרעהען זיך, בעגריסען זיך און האָבען מורא...

— בלומען!... פּירות!... — שרייט די מחנה מיט איבער־ראַשונג.

די צוועלף וועגען זיינען צוועלף לוסט־גערטנער, גן־עדן אַלעען מיט אַלערליי שמעקעדיגע פלאַנצען און פרוכטען. עס מישען

זיך ווי אין צויבער פרויען און בלומען, און קינדער, און מיידלעך, און רויזען, און בחורים, און פּאַלמען, און זקנים, און צעדערן... עס ברעכט אויס אַ שטורם־כּאַר. עס זינגען מענשען און פויגעל, און מלאכים, און בערג, און טהאָלען, עס זינגען די וואָלקען אין דער לופטען און דער באָדען אונטער די פיס, עס זינגען די פרויען, די קינדער און די קנאָספּען, און די אַלבאַסטער־ווענד ציטערן צו צום טאַקט.

איך זעה אַלע געהען, טהו איך אויס די קאַלאָשען און געה אויך... אַלע זינגען, זינג איך אויך מיט... איך זעה ווייטער: פּאַראויס געהט אַן עלטערע בתולה, מיט קורצע האָאר און שפּאַקולען אויפ׳ן פּלאַטשיגען נעזעל, אַ אינטעליגענטקע, רעדט רוסיש ווי אַ וואַסער... מרים הנביא, „משה׳ס“ שוועסטער... זי טאַנצט און זינגט די מאַרסעליעזע...

אין מיטען־דערינען ווערט אַ געשריי, אַ געשלעג, די ערב־רב זיינען אונצופריעדען, זיי ווילען זיך דוקא אומקעהרען אין מצרים... זיי זייבען אין כעס, ווייל, וועלכע פרי זיי רייסען אָב, ווערט ביי זיי אין די הענד פערוואַנדעלט אין אַ פייג... אויף אַלע בוימער וואַקסען פייגען. אויף יעדער צווייג — אַ פייג... אַן עפּעל פון עץ הדעת — אַ פייג... פון עץ החיים — אַ פייג...

גלויבט..האָט אמונה! — האָט משה געשריען — האָט אמונה וועט איהר הנאה האָבען...

— אַ פייג וועלען מיר גלויבען!... — האָבען זיי געשריען.

פון גאַנץ יציאת מצרים איז מיר געוואָרען אַ גרויסע פייג, און איך האָב זיך אויפגעכאַפּט...

צווישען פושקאַרטס

עס איז ערב שבועות.

איך געה ארום אין מארק זעהען ווי אידען זיינען זיך מכין לכבוד דעם הייליגען יום טוב פון מתן תורה.

איך ווייס וואו זיי האלטען מיט דער אמונה, בין איך ארום זעהען וואו זיי האלטען מיט'ן עסען...

איך געה דורך קאנעל סטריט, דיוויזשאן סטריט, איסט בראָדוויי און אומעטום זעה איך שטופ־וועגעלעך, „פוש־קארטס", פוש־קארטס און פוש־קאַרטס.

פוש־קארטס מיט עפעל, מיט בארנעס, מיט קארשען, מיט אפעלסינען, מיט בייגעל, מיט פוטער־קוכען, מיט חלה, מיט לעקעך און אידישע ביכלעך: ראָמאנען, טהעאַטער־ליעדלעך, דראמען, פאָעזיע א. ז. וו.

און מערקווירדיג! ביי קיינע פון די פוש־קאַרטס איז ניט אזא שטופעניש און שפארענים ווי ביי די פוש־קארטס מיט ביכלעך. יונגע לייט טומלען זיך ארום די דאָזיגע „קארטס" ווי ביענען ארום האָניג. זיי ראַיען זיך מיט די הענד אין די ביכלעך, קלייבען, בעקוקען און קויפען. יעדער קויפט לויט זיין גוסט און פערמעגען. די קונים קענען זיך עפעס גאָר ניט גענוג אָנקויפען, ווילען זיך מיט די ספרים ניט שיידען, יעדער איינער וואָלט אויסגעקויפט דעם גאַנצען „סטאָק".

זיך אָנגעגעסען.

איך שטעה און קוק זיך איין. א בלייכער יונגערמאַן, אָרעם געקליידט און אָרעם בעשוכט, זיין גאַנץ אויסזעהן פער'מסר'ט א

„סלעק"־ארבייטער, אדער א סטרייקער, ער געהט אפשר ארום ניט קיין געגעסענער. ער קוקט אויף דער פוש־קארט מיט בייגעל, אויף די פרוכט, ער בעלעקט זיך קוקענדיג. דערביי שטעהט אויך א פוש־קארט מיט ליטעראטור, אויף וועלכער ער קוקט מיט זשעדנע בליקען. אט דאכט זיך קויפט ער א בייגעל, אט א פרי. ער נעהמט ארוים פון דער הויזען־קעשענע אן אלטען, שווינדזיכטיגען טייסטעריל, עפענט איהם און פערטראכט זיך א ווייל. די פער־צווייפעלטע בליקען וואנדלען צווישען טייסטעריל און די פוש־קארטס.

אמת, דער מאגען מאהנט; דער הונגער שווייגט ניט, **אבער** די נשמה מאהנט אויך. עס חלש'ט דאס הארץ און עס חלש'ט דער מח, דאך ביידען קען דאס בייטעלע ניט צופריעדענשטעלען.

„אונגליקליכער!" — טראכט איך — „פארוואס קויפסטו ניט עפעס צום עסען?"

און ער האט געקויפט — א ביכעל!

מיט די אויגען האט ער דאס געגעסען; מיט זיין גאנצען הונגעריגען „איך" האט ער דאס געשלונגען...

א דינער ביכעל פאר א „ניקעל", 5 סענט, קוים גענוג אויף איין צאהן... ער האט שוין פאנאנדערגעשניטען די בלעטלעך, ארוים־געגעסען פון זיי די שווארצע פינטלעך. ווי שווארצע פרישע יאגדעס האט ער זיי געגעסען און זיך געקוויקט.

זיינע בלייכע באקען רויטלען זיך. ארום זיין שטערען קלייבען זיך די געדאנקען, די מידע, קוים בעדעקטע פיס הויבען זיך גרינגער, דער גייסט טראגט דעם קערפער, ער שפייזט איהם... דער יונגער־מאן שמייכעלט, ער לאכט, גאר אן אנדער מענש, ער איז צופריעדען — ער איז זאט...

„אמעריקאניזירט“.

איך געה ווייטער.

דער ערב יום טוב קאכט און רעש'ט ,מען קויפט, מען טראגט פערשיעדענע זאכען. איבערהויפט מילכיגס. שבועות איז א מילכיגער יום־טוב. די תורה ווייזט די „בהמות“, אז זי איז ניט בלוטיג...

דאך אין מיטען פון מיין געהן האט מען מיך אבגעשטעלט.

— די שאנדע! — האט פלוצום צו מיר געזאגט א האלב־אמעריקאניזירטער אידעל מיט א פאנאמא הוט — זעהט נור ווי די „גרינהארנס“ האבען זיך דא ארומגעשטעלט ארום דער פוש־קארט מיט זשארגאן־ביכלעך!... זעהט נור, ווי זיי ראיען זיך, פונקט ווי ארום א ביענשטאק.

— האט איהר שוין ווען־עס־איז געזעהן אזא זאך אויף א גוי'שען מארק פון פרוכט און געבעקס? — האב איך דעם „קאלוואריער דאטש“ געפרעגט — וועלען אירלענדער, סלאוואקען אדער איטאליענער טהאן אזא זאך? — האב איך דעם דזשענטעלמאן אונטערגעגעבען חשק.

— איך מיין אויך אז ניט. — האט ער שנעל געענטפערט — די פערדאמטע גרינע!

— איך מיין צוויי מאל, אז ניט, — האב איך איהם געזאגט — איהר פערדאמטער עם הארץ!

א אידענע.

איך געה ווייטער.

פוש־קארטס, פוש־קארטס און פוש־קארטס.

דא פעדעלט מען שוין מעהר מיט גרינוואַרג, מיט קאך־זאכען: קארטאפעל, קרויט, בוראקעס, ציבעלע, א. ז. וו. א גאנצע שורה

מיט גרינוואַרג און מאַנכע אַנדערע זאַכען. אין מיטען שטעהט אַ פּוש־קאַרט מיט אידישע ליטעראַטור.

אַ אידענע מיט אַ לעדערנע איינקויפס־טאַש, אַ „שאַפּינג־בעג" אין האַנד. זי קויפט ציבעלע, זי קויפט מערען, זי קויפט געטריקענטע פלוימען, זי קויפט אַ פּאָר פונט ראָזעוואַנעס ברויט, זי קויפט באָטשווינא, זי קויפט הערינג און געהט צו צו דעם פּוש־קאַרט מיט ביכלעך. זוכט, מישט, קלייבט, קויפט צוויי ביכלעך, לעגט זיי אַריין אין „שאַפּינג־בעג" און געהט אהיים, — דער יום־טוב איז פערזאָרגט.

„מואוו אָן!"

איך געה צווישען די אידישע פּעדלער און וועה זעהר שטאָלץ ביי זיך: אונזער מאַרק איז אַן אַנדערער, אונזער פאָלק איז אַנדערש ווי אַלע פעלקער. אונזער הויז האָט צוויי קיכען: איינע אַ אידישע און איינע אַ הימלישע; צוויי שפּייז־ציעמרס: איינע פאַר׳ן גוף און איינע פאַר דער נשמה. אונזער מאָהלצייט איז ניט פאַרטיג אָהן אַ גייסטיגען צושפּייז, אָהן אַ ביכעל; אָהן אַ ספר... אונזער מאַרק האָט פּוש־קאַרטס מיט תורה.

איך פערטראַכט זיך און מיר דאַכט, אַז דער אַלטער ישראל איז אַ פּעדלער, וואָס שטופּט זיין וועגעלע, יאַ, וואָס „פּושט" זיין „קאַרט" אַזש פון מדבר סיני. מיט הימעלשע „לייסענס" אין קעשענע שטופּט ער זיין וועגעלע דורך דער וועלט. ניטאָ קיין מאַרק, וואו ער האָט זיין סחורה ניט פערקויפט; ניטאָ איין פאָלק, וואָס האָט מיט איהם ניט געהאַנדעלט... דאָך כאָטש ער האָט הימעלשע וועלט־לייסענס אין בוזים; כאָטש די וועלט קען זיך אָהן זיין וואַארע ניט בעגעהן, — טאָר ער דאָך לאַנג אויף אַן אָרט ניט בלייבען און מוז אַלץ זיין וועגעלע וויטער שטופּען... אַלץ נייע ערטער מוז ער

זוכען, אלץ נייע קונים, און אלץ אויף עטליכע מינוט, אלץ די הענד אויף דער פּוש־קאַרט איהר ווייטער צו שטופּען אָדער אַרעסטירט צו ווערען פאַר'ן שטעהן צו לאַנג אויף אַן אָרט...

איך קוק און זעה.

אַט שטעהט רוים ביי זיין פּוש־קאַרט און האַנדעלט איין; אַט שטעהט נאַפּאָלעאָן דער ערשטער און קויפט... אַט שטעהט ענגלאַנד און קלייבט זיך אויס, וואָס איהר געפעלט... די יונגע אַמעריקאַ האָט איינגעהאַנדעלט אַ פּסוק פאַר איהר „ליבערטי בעל", איהר פרייהייט גלאָק און נאָך קאָכט דאָס אַרום דער אייביגער פּוש־קאַרט, נאָך טאַפּט מען דאָרט און מען זוכט...

„מואוו אָן!" — הער איך פּלוצלינג ווי אַ פּאָלי־ציסט שרייט צו דעם פּעדלער מיט אידישע ביכלעך. ער טרייבט איהם אַוועק, שוין צו לאַנג געשטאַנען אויף אַן אָרט... די „לייסענס" ערלויבען נור צו בלייבען צעהן מינוט אויף איין פּלאַץ, ניט לענגער...

דער פּעדלער שטופּט זיין פּוש־קאַרט אין מיטען פערקויף, אין מיטען פון זיין „מאַכען אַ לעבען". ער בעט זיך ביי דעם פּאָליציסט, עס העלפט ניט. ער וויינט, ער קרעכצט, ער דאַרף פערדיענען אויף יום טוב, דאָך זיין געבעט איז אַרויסגעוואָרפען. ער געהט מיט זיין וועגעלע, די קונים געהען איהם נאָך און דער פּאָליציסט היט פון ווייטען וואו ער שטעלט זיך אָב, אין צעהן מינוט אַרום וועט ער איהם ווידער טרייבען...

איך קוק אויף דער גלות־פּוש־קאַרט מיט די אידישע ביכלעך, אויף די אידישע לעזער, וואָס געהען איהר נאָך, איבערהויפּט אויף די אידישע יוגענד און קלעהר: נישקשה, אידען מעגען נאָך פייערען זייער שבועות, זיי היטען נאָך די תורה...

עלענד, קראַנק און אָרעם
דורך דער וועלט'ס געטומעל —
געהט דער מוכר ספרים
מיט זיין ביסעל רומעל.

„גיבער! — שרייט ער — גיבער,
האַנדעלט פערגעניגען;
קויפט די בעסטע ביכער,
קויפט! איהר וועט זיך קליגען"....

„ביכער אייביג נייע,
פריש ווי קלאָהרער וואַסער.
משה און ישעיה
זיינען די פערפאַסער."

„הייליגע חבורים,
הימעלשע פּאָטרעטען,
גייסטיגע ציורים
פון דער וועלט'ס פּראָפעטען."

„ספרים וואונדער־פיינע,
פּאָעזיע און פּראָזאַ.
מענדעלזאָהן און היינע,
מאַרקס, לאַססאַל, שפּינאָזאַ."

ס'קויפען רייך און אָרעם,
שלינגען יעדער וואָרט,
נור דעם מוכר ספרים
טרייבט מען ווייטער פאָרט....

דעם מענשען׳ס שונאים

געדאַנקען וועגען ראש השנה.

אויף פיער זאַכען בין איך בייז: אויפ'ן לוח, אויפ'ן זייגער, אויפ'ן שפּיעגעל און אויף אַריפמעטיקע. אַלע פיער עסען זיי מיר אָב דאָס הארץ און זאָגען מיר, אַז עס איז שוין „ניט דאָס", זיי דערצעהלען מיר זאַכען, וואָס איך וויל ניט וויסען.

דער לוח קומט יעדען ראש השנה און גיט מיר צו פערשטעהן שוואַרץ אויף ווייס, אַז איך בין מיט אַ יאָהר עלטער, אַז איך האָב אַ יאָהר קנאַפּער צום לעבען.

דער זייגער הערט ניט אויף אַוועק צו „טיק־טאַק'ען" די שטונדען און ווייזען מיט „וואָרט" און טהאַט, אַז איך פערליער זיך מינוטענווייז. ער איז נאָך ערגער ווי דער לוח, וועלכער גיט מיר כאָטש אַ גאַנצען יאָהר צייט זיך צו פערגעסען; דער זייגער ווייזט מיר ווי איך פערגעה מיט יעדען אויגענבליק; ער לאָזט מיר גאָר ניט אָב — דער ווילדער אונרוה, דער גיהנום־שטראָף! ער הענגט מיר שטענדיג פאַר די אויגען. אויפ'ן וואַנד פון מיין צימער הענגט ער מיר; ער ליעגט מיר אין טאַש; ער „געהט" מיט מיר מיט; פערפאָלגט מיך ווי מיין שאָטען, — דער שונא פון די מענשען!

אין די גאַסען, אין די מאַרקען, אין די פאָלקס־געביידען און קירכען; אויף די וואקזאַלען פון די שיפען און אייזענבאַהנען; אין די שיינקען, און קאַפעעס, און רעסטאָראַנען גלאָצט ער מיר גלייך אין פנים אַריין...

אַ מענש וואָלט אַמאָל וועלען אַריין אין אַ שיינק מאַכען אַ שנאַפּס, אום זיך צו פערטומלען, פערגעסען און דער שרעקליכער זייגער האַלט אין איין דערמאָנען, אין איין הייסען „מאַכען אַ סוף",

אין איין הייסען זיך איילען, און איינער מוז שטארק פערגיסען די אויגען אום ניט צו זעהן דאָס פערשאָלטענע ציפערבלאַט...

דער שפּיעגעל, דער קאַלטער גזלן, ווייזט מיר אויך צו יעדער געלעגענהייט, אַז איך בין שוין ניט דער וואָס געוועזן.

איך וועל איהם קיינמאָל ניט מוחל זיין, דעם גלעזערנעם רשע, יענע מינוט, ווען ער האָט מיר געוויזען מיין ערשטען גרויען האָר. מיר דאַכט, אַז איך בין נאָך דאַן אין גאַנצען יונג געוועזן, יונג אין גוף און נשמה, אָבער ער האָט מיר גאַנץ קאַלטבלוטיג געוויזען, אַז עס קומט; עס געהט; עס איז דאָ — די צייט פון ענטזאַגונג!

פון דעמאָלט אָן האָט ער מיך ניט אויפגעהערט צו פערפאָלגען.

יעדע קורצע ווײַלע האָט ער ענטדעקט ביי מיר אַ נייע קברים־בלום. און טאָמער האָב איך פאַר שמערץ און פּחד איין בית־עולם־בלום, איין ווייסען האָר אויסגעריסען, האָט ער, דער הארצלאָזער שפּיעגעל, גלייך געוויזען אַ צווייטען, אַ דריטען, אַ פערטען און אַזוי אַלץ בסדר, ביז ער האָט מיך איינמאָל — נאָכדעם ווי איך האָב אין איהם אַ קוק געטהאָן, קומענדיג פון אַ ווייטע, מיהזאַמע רייזע און אַ פּאָר לויות — פּלוצלינג איבעראַשט מיט אַ גרייז־גרויען מאָן...

קוים האָב איך נאָר אַ קוק געטהאָן אין שפּיעגעל, האָב איך גלייך דערזעהן דעם אַלטען.

האָב איך זיך געפּוצט געגען שפּיעגעל, האָט זיך דאָרט געפּוצט דער אַלטער מאָן; האָב איך זיך געקאַמט, האָט זיך געקאַמט דער זקן, וואָס איז געשטאַנען געגען מיר פערוועלקט און פערלאָרען...

איך בין שיער משוגע געוואָרען פאַר פערצווייפלונג. שפּעטער האָב איך מיך איינגעוועהנט דערצו, איך האָב געוואוסט בעשטימט, אַז איך קען מעהר דעם אַלטען מאָן פון שפּיעגעל ניט מיידען, אַז איך וועל א י ה ם זעהן אַזוי לאַנג ווי א י ך וועל זעהן, ווייל דער אַלטער, געבראָכענער, האַלב־פערלאָרענער מענש איז געוועזן קיין אנדערער ווי איך אַליין!

דער טייפעלס־אינסטרומענט האָט מיך אויסגעלערנט קוקען

גלייכגילטיג אויף מיין פערניכטונג, ווי די תפיסות פון סיביר לערנען ביסלעכווייז אוים זייערע געפאנגענע זיך איינצוגעוועהנען צו זייער יאמערדיגען שיקזאל. נאך מעהר, דערזעהענדיג, אז דער אלטער בין איך, האב איך נאך גאר אנגעהויבען צו ווערען שטאלץ אויף מיין עלטער און צו פוצען מיינע ווייסע האר, זיי זיינען מיר גאר געווארען א ציערונג...יא, איך האב זיי געפוצט און פוץ זיי מיט א שרעקליך־געמישטען געפיהל, פון וועלכען איך האב אמאל קיין בעגריף ניט געהאט.

איך האס דעם שפיגעל!

ניט ווניגער פיינד האב איך די קאלטע, ענגהערציגע, איינגע־עקשנ'טע אריפמעטיקע, ביי וועלכע מען קען קיין איינציגען ציפער ניט אבדינגען, 49 איז ביי איהר 49, ניט מעהר און ניט וועניגער... זי לאזט ניט מאכען פון קיין 4 קיין 3 אדער 2, ווען די וועלט זאל זיך אפילו איבערקעהרען.

איך האס זיי, אלע פיער האס איך זיי.

א, גליקליכע פערגעסענהייט! נאך דיר, נאך דיין פערמעקט־קייט גאר איך. צייט איך האב אין א זינדיגען מאמענט פון עץ הדעת פערזוכט, האב איך פערלארען מיין גן־עדן.

מען דערמאנט מיך אלץ זאכען, וואס מאכען מיך ציטערען, ווייל איך קען מיך ניט העלפען.

מיט תקיעות גדולות און שברים תרועות דערמאנען זיי מיר, אז עס איז ראש השנה און יום כפור; מיט רעש און מיט געפילדער דערלאנגען זיי מיר דעם נייעם לוח, וואס ווייזט מיר א שטיק פון מיין געשטארבענעם לעבען.

וואס נוצט דאס מיר?

איך וויל ניט אליין נאכגעהן נאך מיין לויה בעוואוסטערהייט.

דער מענש בעשאפט זיך אליין די טרויעריגע בשורות־ברענגער פון זיין ניט־ווערען.

איז ניט בעסער דער בהמה, וואס וויים ניט „ווי שפעט דאס

איז" ; ווי אַלט זי איז ; ווי זי זעהט אויס, און קען נישט אויסרעכענען איהר געבורטס־טאָג ?

דער אָקס ווייס ניט וויפיעל קארבען די צייט האט אויסגע־קריצט אויף זיינע הערנער, ער איז שטאָלץ אויף זיי, פערטהיידיגט זיך מיט זיי כל זמן ער לעבט און איז צופריעדען מעלה גרה ביז דעם שוחט'ס קלינג בליצט איהם ניט איבער'ן גאָרגעל.

דער מענש אָבער האט זיך געמאכט א שפּיעגעל, וואו צו זעהן זיין צורונצעלטען שטערען, וואָס ער קען ניט מעהר גלאט מאכען, און די טיעפע גראָבענס פון זיין פּנים, וואו עס ליעגען בעהאַלטען די גנבים פון די יאָהרען...

ערפינדונגען אויף צו דערמאָנען האבען זיך די מענשען בעשאַ־פען, זאָלען זיי ווייזען א קונץ און בעשאפען א מאשין אויף צו פערגעסען !

זיי בלאָזען שופר אום צו ערוועקען, זאָלען זיי מאכען א שופר אויף אַרויסצובלאָזען פון דעם שטערבליכען זיין זיסע עראינערונג אַן זיין יוגענד ; אַן זיין ערשטע, ריינע ליעבע. יא, זאָלען זיי מאכען אַן אינסטרומענט, וואָס זאָל אויסמעקען פון דעם פערגענגליבען'ס געדעכטניס די בייגקעניס אַן דעם גליהענדען „אמאָל" און די שרעק פאר'ן קבר !

זאָלען זיי בעשאפען א מיטעל אויף צו פערגעסען, א מאגישען געטראַנק, פון וועלכען מען זאָל זיך קיינמאָל ניט אויסניכטערען. מען זאָל פערגעסען און ניט אהנען !

זאָלען זיי דעם ציוויליזירטען בינטעל צוריסענע נערווען זוכען איינצושטילען און ניט צורייצען.

זאָלען זיי פערוואַנדלען די פריידענס און ליידענס געשיכטע פון דער זעעלע אין אַן אָבגעריבענעם עגיפּטישען פּאפּירוס, וואו די אַלטע צויבערשריפט איז אונלעזבאר.

אָט דאָס וואָלט זיין אַן אויפטהו ! דאַן וועלען זיי פערדיענען א דאנק.

עס איז ראש השנה! יום כפור!

דער לוח, דער זייגער, דער שפיגעל און די אריפמעטיקע, אלע פיער שרעקען מיך, סטראשען מיך. דער מחזור מיט'ן שופר הייסען מיר פאלען אויף די קניע און יאמערען, בעטען לעבען. וועל איך אייביג לעבען? וועל איך אם ווענינגסטענס לעבען אזוי לאנג, ביז איך וועל פארטיג מאכען מיין גאנצע ארבייט און דערגרייכען מיין אינגסטען פערלאנג? וועל איך בעקומען א גאראנטיע, אז איך האב עפעס אויסגעבעטען, אדער שווארצע אונגעווישהייט וועט מיך האלטען אין איין נאגען און פלאגען ווי פריהער?

דער לעצטער ראש השנה און יום כפור וועלען דאך מוזען קומען. דאן וועט דאך געוויס זיין אומזיסט מיין בעטען און וויינען.

מיט מיין ארבייט וועל איך דאך אודאי קיינמאל ניט פארטיג ווערען, ווייל קיינער איז נאך קיינמאל מיט זיין ארבייט ניט פארטיג געווארען ביים לעבען, אפילו ניט משה רבינו, אפילו גאט אליין אויך ניט. ער האט געמאכט און איבערגעמאכט זיינע וועלטען און האלט נאך אלץ אין בענייען זיינע „מעשי בראשית"...

און מיין אויפגאבע, מיין ארבייט איז א גרויסע, א געטליכע, מיט וועלכע איך קען ניט פארטיג ווערען, ווען איך זאל אפילו איבער־לעבען די ערד... און מיין אינגסטען פערלאנג וועל איך אויך ניט דערגרייכען, דען יעדע רגע ווערט געבארען מיט א ים יונגע פער־לאנגענס.

איך וויים ניט וועלכער עס איז דער אינגסטער...

די סוכה

סוכות, דער יום־טוב פון גרונד־אייגענטהום, „ריעל עסטייט“.

יעדער איד, אפילו דער אָרעמסטער, ווערט א בעל הבית פון א הייזעל.

פרעמדער גרונד, א פרעמדער באָדען, אָבער וואָס מאכט דאָס אוים? — דער איד בויט דאָרט...

אָט אזוי איז דאָס מיט איהם, ער איז אומעטום א שכן און א בעל־הבית צוזאמען, א פּאָאר מיט זיין עלטער־זיידען אברהם'עלען: „גר ותושב אנכי עמכם“, איך בין ביי אייך א „גר“ און א „תושב“, א פרעמדער און אן אייגענער...

א קליין הייזעל, א שוואך הייזעל, אָבער עס שאדט ניט. לאנג וועט ער דאָרט ניט וואָהנען סאי ווי סאי... דאָס איז נור אלץ אויף דערוויילע, א „דירת ערעא“, א אידישע וואָהנונג אויף קאטאָוועס, אויף איבער נאכט...

דערפאַר טאַקע איז זיך דער איד אזוי שטארק מדקדק מיט'ן פּלאץ, מיט'ן מאטעריאל און מיט דעם וועטער. ער וועט דאָרט לאנג ניט זיצען...

פערפוילטע האָלץ, פעררֹאָסטע נעגעל, „נעוועד מאינד“, עס וועט האַלטען...

אָט שלאָגט ער צו אן אלטע ברעט און אָט רייסט איהר דער ווינד ארונטער און ער שלאָגט צו א צווייטע...

די זייטען אונטערגעשפּארט מיט א שטיין, א ביגעל־אייזען, א דרייפוס; אבי דערווייל; אבי עס האַלט זיך; אבי איבער סוכות...

די ווענט, די פענסטער — א קלייניגקייט! מען דארף נור זעהן דער שטורם זאָל ניט אויסלעשען די בענש־ליכט און דורכ'ן דאך זאָלען זיך זעהען די שטערן...

יעדער אָרט, יעדער ווינקעל איז גוט געגונג. אַט וואו מען דערמאָהנט גאָט'ס נאָמען קומט ער און בענשט...

א בנין אויף היהנערשע פיסלעך, אינווענינ א טישעל מיט א ביינקעל און גאָט'ס קינד האָט א דירה, א היים — א סוכה!

אבי עס איז דאָ וואו צו מאכען קידוש און צו זאָגען „אושפיזין".

דער איד איז א מכנים אורח. אַט ווי אונבעקוועם ער זיצט אין זיין אָרעמע סוכה לאדט ער נאָך איין אויף כיבוד דעם גאַנצען עולם: משה'ן, אהרן'ען, דוד'ן, שלמה'ן, מיט איין וואָרט אלעמען. זייענדיג אין זיין סוכה אליין א גאַסט, נור אויף א ווייל'ע, נעהמט ער דאָרט באַלד אריינטער זיין גאַנצע משפחה...

אמת־פרומע זיינען זיך אפילו נוהג אין סוכה צו שלאָפען, און זיי שלאָפען דאָרט גאַנץ געשמאַק... זיי ליגען אין זייערע סוכות אריבערגעדעקט איבער'ן קאָפּ און כראָפּען ביז אין גרויסען טאָג אריין...

דער רעגען גיסט דורכ'ן דאַך און דער שטורם טרייסעלט די צופראַכנעטע ברעטער און שאָקעלט די אָרעמע סוכה ווי א לולב, אָבער דעם שטן אויף להכעים ליעגט דאָרט דער גלויביגער מיט'ן בטחון אין הארצען און שלאָפט א זיסען שלאָף און חלום'ט די שעהנסטע חלומות... ער האָט געלייענט קריאת שמע, עס וועט קיין בעז ניט געשעהן...

און די סוכה איז א כשר'ע ארום און ארום.

זי איז ניט דוקא שטרענג יוניאָן־מעסיג. זי איז מעהר א פּראָדוקט פון דער אלטער צייט, ווען דער בעל הבית איז אליין געווען דער ארבייטער און האָט ניט בעשעפטיגט קיין פרעמדע געזעלען.

דער איד איז אליין דער בעל־הבית, דער ארכיטעקט און דער מאכער פון זיין סוכה. עס העלפען איהם אוים אביסעל דאָס ווייב מיט די קינדער. קיין סקעבס אָבער בעשעפטיגט ער ניט דערביי.

דאָרט קען קיינמאָל ניט זיין קיין סטרייק פון מויערער, ציעגעל־טרעגער, ליים־מישער, מאָלערס אדער גלעזערס. עס איז ניטאָ קיין

יוניאָן פון סוכות־מאַכער, סכך־לעגער אָדער ווענט־בינדער, וואָס זאָלען צוזאַמענבינדען די סוכה־ווענט מיט שטריק, אַלטע שלייקעס, פּסול'ע רצועות און אויסגעקושטע ציצית — דאָס טהוט דער „ריעל־עסטייטניק" אַליין און ער מאַכט דאָס אויסגעצייכענט. די שכינה קוועלט אָן קוקענדיג...

און דאָך איז די סוכה יוניאָן־אַרבייט.

זי טראָגט אויף זיך דעם „יוניאָן לייבעל" פון דער גרויסער, אַלטער אידישער יוניאָן — דאָס „בית ישראל", די ערשטע, מעכטיגע יוניאָן פון דער וועלט־געשיכטע, וואָס האָט דעם סקעב־באָס פּרעה'ן אָנגעלערענט דרך־ארץ פאַר עהרליכע אַרבייט.... און די סוכה איז טאַקע דאָס ערשטע שטיקעל יוניאָן־אַרבייט, וואָס די מוטהיגע סטרייקער האָבען געמאַכט ווען זיי זיינען אַרויס פון מצרים.

די סוכה איז אַ פּראָטעסט געגען סקעבעריי, געגען סטרייק־ברעכעריי.

אַ סקעב־באָס און אַ סטרייק־ברעכער האָבען קיין רעכט צו זיצען אין סוכה.

פאַר זיי איז דאָרט פּשוט אַ סכנה, זיי זאָלען זיך ניט דער־ווערגען מיט דער יום־טוב־קיטקע, וואָס זיי זיינען מחלל מיט זייער טרפה המוציא, און זאָלען זיך ניט אָבבריהען מיט די הייסע, פעטע לאָקשען, וואָס קוקען אַרויס פון טעלער מיט טויזענד גרויסע אויגען ווי דער מלאך המות...

מיך אַרט ניט וואָס די רבנים, מגידים און מטיפים דרש'ענען וועגען דער סוכה. ביי מיר איז זי דער סימבאָל פון פרייהייט. ווי דער פּסוק זאָגט: „כי בסכות הושבתי את בני ישראל בהוציאי אותם מארץ מצרים". דען אין סכות האָב איך בעזעצט די קינדער ישראל ווען איך האָב זיי אַרויסגעצויגען פון דעם לאַנד מצרים.

זיי מעגען מיר אַנגראַמען און אָנ'דרש'ענען אין די סכות'דיגע יוצרות וואָס זיי ווילען; זיי מעגען דאָרט צונויפמישען קאַשע מיט

באַטשווינאַ, זיי וועלן מיר אָבער פון דער סוכה ניט מאַכען קיין אַנדער זאַך ווי די „העדקוואָדערס“; די הויפּט־קוואַרטיר פון דער גרויסער, ערשטער אידישער „יוניאָן“, דער הויפּט־לאַגער פון די ערשטע פּריוויהייטס־קעמפּפער פון דער מענשהייט.

דער וואָס זיצט מיט אַ אַנדער כונה אין סוכה איז אַן עם הארץ, אַ סקעב, און האָט דאָרט קיין אָרט ניט.

אָבער די איצטיגע סוכה אונזערע, אָבוואָהל זי איז כשר און הייליג, און נאָך ניט אין גאַנצען דאָס, וואָס די חכמים ווילען זי זאָל זיין, און וואָס פרומע אידען ווינשען זיך זיצענדיג אין סוכה, ניט פערשטעהענדיג וואָס זיי זאָגען.

כל־זמן די סוכה וועט זיין אַ צופּליימען־סוכה, יאָ, כל זמן זי וועט זיין צונויפגעקלעבט מיט „ניכטערע שפּייעכץ“, כל זמן זי וועט בעשטעהן פון אַלטע טהירען און לאָקשען־ברעטער, וועט דאָס ניט זיין די ריכטיגע, די אמת׳ע, די לעצטע, גרויסע, פרעהליכע סוכה, מיט וועלכע מען זאָל זיך פרעהען מיט׳ן גאַנצען הארצען און מאַכען דעם גרויסען אַלוועלטליכען קדוש, דעם קדוש הגדול, אויף וועלכען הימעל און ערד זאָלען ענטפערן „אמן“.

אין דעם גרויסען, געזאַלצענעם ים איז פאַראַן אַ שרעקליכע, משונה׳דיגע בעשעפעניס — אַ „לויתן“. ער ליעגט אַרומגעוויקעלט אַרום דער וועלט און פערשלינגט אַלץ, וואָס קומט איהם אין וועג... קיין בריאה אין דעם ים הגדול איז ניט זיכער פאַר דעם דאָזיגען אומגעלומפּערטען מאָנסטער, וואָס שפּיעלט זיך מיט די כוואַליעס ווי מיט שערבלעך; וואָס פערדעקט מיט זיין עק דעם תהום און האַלט אין מויל די אינזלען... ער איז די סכנה פון די טיעפעניסען.

כל זמן אָט דער מחבל, דער „לויתן“ וועט לעבען; כל זמן ער וועט בעהערשען דעם ים און וועט זיך דאָרט פלושקענען לויט וואונש און ווילען, וועט משיח ניט קומען; וועט ער ניט לאָזען געהן די שיף פון ערלייזונג און וועט איהר אַלע מאָל זוכען צו זינקען צום גרונד... עס וועט אויך ניט מעגליך זיין אויפצושטעלען די גרויסע,

ליכטיגע סוכה, די ענדליכע, אמת'ע סוכה, אין וועלכע די גאַנצע מענשהייט וועט זיצען בעלויכטען פון דעם היילינען פייער פון די בענש־ליכט, צו וועלכע די געשיכטע דרעהט איצט דעם קנויט...

אום דאָס זאָל געשעהן, טאָר דער געפעהרליכער, דער וועלט־פערשלינגענדער לויתן ניט לעבען, ער מוז גע'שחט'ען ווערען אלס אַ מאָהלצייט פאַר די צדיקים פון די קומענדע דורות, פון לעתיד לבוא...

אָט דאָס איז דער איבערגעדאַנק פון דער סוכה, וואָס אידען ווינשען זיך, אַז „מיר זאָלען דערלעבען זיצען אין אַ סוכה געמאַכט פון די הויט פון לויתן"...

אַזוי לאַנג ווי דער לויתן וועט ניט ליעגען אַן אָבגעשונדענער, וועט קיין ריכטיגע סוכה ניט זיין... זיין הויט מוז מען האָבען דערצו...

און אָט דער מאַוים'דיגער לויתן האָט אַ ברודער, אויך אַזאַ מאָנסטער, אַ זולל וסובא — אַ „שור הבור" אויף דער יבשה. די נייע מפרשים און בעלי קבלה ווילען האָבען, אַז דאָס איז דער זעלביגער און דער אייגענער מאָנסטער. אין ים איז ער אַ לויתן און אויף דער יבשה איז ער אַ שור הבר, אַ וועלטען־גרויסער, שטאַרקער אָקס, וואָס עסט אויף טויזענד בערג אַ טאָג און ווערט קיינמאָל ניט זאַט, און ריטשעט אלץ „הב, הב", „גיעב, גיעב", ווי דער גיהנום...

אָט דער דאָזיגער ווילדער אָקס טאָר אויך ניט בלייבען לעבען... כל זמן ער וועט ארומגעהן פריי און פרעסען בערג און פערשלינגען גאַנצע פעלדער און וועלדער און לענדער וועט אויך די שמחה מיט משיח'ן ניט זיין פאַרפול...

אום די סוכה פון דער צוקונפט, פון „לעתיד לבוא" זאָל זיין פערזאָרגט מיט כל טוב און די סעודה פאַר די צדיקים זאָל זיין ווי גאָט האָט געבאָטען, מוז דער שור הבור ליעגען אַ געקוילעטער... אַן אָבגעקאָכטער... אַ פאַרטיגער... די צדיקים פון די צוקונפט וועלען ניט הונגערן, ווי די צדיקים פון היינט... ווען דער שור הבור וועט

געקוילעט ווערען און אויפהערען צו פערשלינגען די ערד, וועט קיינער ניט הונגערן...

פון לויתן'ס הויט מוז ווערען א סוכה, פון שור הבר'ס קערפער — א „ביפסטייק" און פון זייער פעטס צושמאלצענע חלב אנצוגיסען די מנורה מיט די זיעבען רעהרען, מען זאל בענשען ליכט, עס זאל העל ווערען אין אלע עקען פון דער וועלט...

דאן וועלען זיך די געבענשטע ליכט פון אונטען צוזאמענגיסען מיט די שטערען־ליכט פון אויבען און מענש און גאט, און משיח וועלען זיצען צוזאמען אין איין סוכה אונטער איין גרינע, שמעקע־דיגע, סכך'יגע חופה מיט דער שעהנער פרי אין די הענד און בענשען אתרוג. און די „אושפיזין" און די מלאכי השרת וועלען שטעהען דערביי און זינגען דאס אייביגע ליעד פון די דורות.

סצענעס

דער באַנקראָט פון צדקה

(אַ סצענע)

כאַראַקטערע:

צדקה: אַ פערפּודערטע, בעיאָהרענטע דאַמע, מיט אַ זיס־זויערע מינע.

שטיין: צדקה'ס לייב־אַדיוטאַנט. אַ גלאַט ראַזירטער רונדער דזשענטעלמאַן, שטרענג און קאַלט.

דלות: אַ הויכער, דאַרער מאַנסביל, מיט אַ מרה־שחורה געזיכט.

שווינדזוכט: דעם דלות' אַ שוועסטער. טויט־בלייך און מאוים'דיג.

פילאַנטראָפּ: אַ מיטעל־יעהריגער מאַן, לייבליך און גוטמוטהיג. גייסט.

קראַה: אָנזאָגערין פון שלעכטע בשורות.

(אָרימע לייט, אַלטע און יונגע, קראַנקע און געזונדע, אָבגעריסענע פרויען און קינדער, מוטערס מיט עופה'לעך ביי דער ברוסט. גייסטער, פּיגמעען און סקעלעטען. די האַנדלונג קומט פאָר אין אונזער צייט אין ניו יאָרק.)

ערשטער אויפטריט.

(צדקה און שטיין אין אַ גרויסען זאַל אין הינטערגרונד פון דער ביהנע. ביי אַ גרויסען שרייב־טיש מיט ביכער זיצט צדקה. שטיין שטעהט נעבען איהר גרייט צו טהאָן איהרע בעפעהלען.)

צדקה: לאָז קיינעם פון די שנאָרער ניט מעהר אריין! דו הערסט? קיינעם ניט! די מחנה איז צו גרויס און איך קען זיי

אַלעמען ניט אָנשטאָפּען. שלעכטע צייטען, איך קען זיך ניט צוריי־
סען געבענדיג, איך קען ניט...

(עס הערט זיך אַ געשריי און אַ געוויין הינטער די קוליסען.)

שטיין (צוגעהענדיג צום טהיר): אַוועק פון דאַנען! מען קען אייך מעהר ניט העלפען. געהט צו אייערע לייט אין דער גהעטאָ... געהט!....

(געשרייען הינטער׳ן טהיר.)

שטיין (זיך ווענדענדיג צו צדקה): זיי ווילען ניט אָבטרעטען. די טהיר ווילען זיי איינברעכען, די וואַנד צושפּאַרען, אַ מיאוס׳ע באַנדע, גרינגע אַ סך... גרינהאָרנס, האָבען קיין ברעקעל דרך ארץ....

צדקה (גיט אַ קנייטש דעם שטערען): קיין פּאָליסמאַן ניטאָ דאָרטען?

שטיין: איך וועל זיי הייסען אַלע אַרויסוואַרפען. (וויל געהן.)

צדקה (אַ מאַך געבענדיג מיט דער האַנד): וואַרט אַ ווײַלע...
(זי זיפצט.) דאָס האַרץ ברעכט אין מיר הערענדיג דעם יאָמער....
(ווישט זיך די אויגען.) אָבער זיי מוזען דאָך אַוועקגעהן פון דאַנען...
צדקה האָט איהר גרענעץ...

(געשריי הינטער די קוליסען. אַ פרוי מיט אַ קינד אויפ׳ן האַנד רייסט זיך אַרויף אויף דער ביהנע.)

צווייטער אויפטריט.

פרוי: פּאָגראָמסטשיקעס! אין קישינעוו האָבען זיי צובראָכען מיינע מעבעל, מיינע צוויי קינדער צושניטען פאַר מיינע אויגען; דאָ ליעגט מיין ביסעל אָרעמקייט אין גאַס, פאַר דירה־געלד ליעגט דאָס... מיין קינד, מיין איינציג קינד איז קראַנק, מיין מאַן אָהן אַרבייט...

שטיין (באַפּט איהר פּאַר'ן פּאַטשיילע און וויל איהר אַרויס־וואַרפען).

צדקה: טשעפּע איהר ניט! (צו דער פרוי) שווייגט, אידענע! זאָגט, וואו וואוינט איהר, וועט מען שיקען נאָכזעהן...

פרוי: אין גאַס וואוין איך, אין דער נאַקעטער גאַס... קוקט אויף מיר און איהר האָט שוין אַלעס נאָכגעזעהן...

צדקה: דיינע לאַנדסלייט זיינען רייך, אין דער גהעטאָ האָבען זיי עשירות... באַנקירען, גרונט־אייגענטהימער, גרויסע געשעפטס־לייט, ארבייט־געבער, אַדוואָקאַטען און דאָקטוירים. מאַנכע פון זיי האָב איך אַמאָל געהאָלפען... יעצט קענען זיי מיך ניט...

(די געשרייען ווערען שטאַרקער און ווילדער, אַ גאַנצע מחנה אָרעמע לייט רייסען זיך אַרויף אויף דער ביהנע, אַ פּאָליציסט וויל זיי אַרויס־שלעפּען, אָבער ער קען ניט. ער בלייבט טיעף אין הינטער־גרונד, די פרוי מיט'ן קינד צומישט זיך מיט דער מאַסע, צדקה טרעט אין פאָדער־גרונד): וואָס ווילט איהר אַלע?

דריטער אויפטריט.

אלע: העלף! שטיץ! גיעב!

שטיין: שטיל זאָל זיין, איך אָרעסטיר אייך!

צדקה: אָרדנונג! שנאָרערס!

ערשטער אָרעמאַן: פערשלים דיינע טהירען, צדקה, שלים זיי צו אין גאַנצען, ווען דו ווילסט אונז ניט זעהן. וואָס לאָזטו זיי נאָך אָפען אַלס אַ תירוץ פאַר אַזאַ שטיין (ער ווייזט אויף שטיין) און אַנדערע צו נעהמען שכירות... ערקלעהר זיך באַנקראָט! ווער דאַרף דיך? ווּעמען העלפסטו סיי ווי סיי? דו בלוטצאַפּערקע, וואָס באָדט זיך אין דער שאַנדע פון אביונים.

צ ד ק ה : פון דיין שפראך לערען איך, אז דו ביזט א גרינ־האָרן, א רעוואָלוציאָנער, אפשר א בונדיסט...

ע ר ש ט ע ר אָ ר ע מ אַ ן (שטאָלץ) : און אז יאָ?

צ ד ק ה : איהר שלעפט דאָ אריבער דעם רויטען גייסט פון אונצופריעדענהייט און רעוואָלט... קומט דאָ מעהר ניט!

צ ו ו י י ט ע ר אָ ר ע מ אַ ן : און אז מיר האָבען זיך געווענ־דעט צו דיינע מקורבים, די מיליאָנערען, זיי זאָלען העלפען שאפען אַן אייגען שטיקעל היים פאר אידען, זיי זאָלען זיך ניט דארפען דריקען אין די פעסט־גאסען פון דער גהעטאָ, האָבען זיי אונז אויס־געלאכט... אויף ד י ר האָבען זיי אונז אָנגעוויזען, אז דו וועסט אונז העלפען, שטיצען אין נויט, נו, זיינען מיר געקומען...

א ל ע : שטיץ! העלף! גיעב!

צ ד ק ה : איהר זייט צופיעל, איך בין מיעד...

ד ר י ט ע ר אָ ר ע מ אַ ן : צופיעל זאָגסטו, הא? דאך לייקע־נען דיינע פריינד, אז די מאסען זיינען אָרעם, איינשמועסען ווילט איהר די אונגעדולד, אז זי דארף זיך ניט היצען... בעטען מיר ארבייט קריגען מיר ניט, און גיט מען אונז בעשעפטיגונג איז דאָס אונמענשליך און דער לוין איז הונגער־נויט. יעצט פערשליסט איהר די גוטהערציגקייט פאר די בעדערפטיגע, אָבער אָפיציעל בלייבט זי אָפען צו נארען דעם אמת און בעשעפטיגען דעם שקר... (ווייזט אויף שטיין).

ש ט י י ן : אָט אזעלכע רייד הערט מען די לעצטע פאָר יאָהר פון די רוסישע בעטלער. זייער חוצפה גרייכט די וואָלקען. און דעם נאָמען איד פערשוועכען זיי... זייערע פרויען און טעכטער זיינען „סינאָנימס" צו זנות און געזונקענהייט... פול איז די לופט מיט זייער צייהן־קריצעניש אויף די, וואָס מאכען אַן אנשטענדיגען לעבען... אימפאָרטירט האָבען זיי זייער אונצופריעדענהייט און עקשנות פון דער אנדער זייט אטלאַנטיק.

דריטער אָרעמאַן: מען דאַרף זיי דאָ פּונקט ווי דאָרטען...

צדקה (צו שטיין): רוף אַריין פּאָליציי!

(שטיין וויל זיך לאָזען געהן צו דער טהיר נאָך פּאָליציי, אָבער אַנטקעגען איהם ערשיינט דער גייסט. שטיין בלייבט פּערציטערט און געהט ניט ווייטער. דער גייסט שוועבט אַלץ נעהנטער צום פאָדערגרונד און בלייבט שטעהן געגען דער צדקה, וועלכע פלאָטערט פאַר מורא.)

פיערטער אויפטריט.

צדקה: גייסט, ווער ביזטו?

גייסט: דיין געוועזענער געליעבטער. די וועלט האָב איך אויפגעריהרט מיט מיין ליעבע צו דיר... און אמת, און אויפריכטיג האָט מיין הארץ פאַר דיר געקלאַפּט. אַלע מיינע נערוועןהאָבען געציטערט פאַר ליעבשאַפט. די וועלט האָב איך אומארעמט, האָב איהר קושען געוואָלט פאַר התפעלות. מיינע מיליאָנען האָב איך דיר אַנגעטרויט, אַוועקגעשאַנקען, דורך דיר האָב איך געוואָלט אויפבויען מיין פאָלק, ברענגען די גאולה פאַר'ן נע־ונד'ניק — און האָב געבראַכט ענטטוישונג און חורבן...

צדקה (פלאַטערענדיג): ווי רופט מען דיך?

גייסט: מאָריץ הירש...

צדקה (פּרובירענדיג פאַסען מוטה): האָב איך קנאַפּ געהאָלפען?

גייסט (ווייזט אויף שטיין'ען): אָט אַזעלכע ווי איהם!... זיי ניצען אויס מיין גרויס פערמעגען, וואָס האָט געזאָלט ראַטעווען אַ אומה.

צדקה: און וואָס ביזטו געקומען?

גייסט: דיר הייסען פערשווינדען, געהן פון דער וועלט, דו בייזער גייסט אין געשטאַלט פון אונשולד, אויפלייזען זאָלסטו

זיך! ניט ווערען! אָבגעבען דיינע פאַלשע פּרעטענזיעס... קום מיט מיר אויפ׳ן עולם האמת! קום! וועסט זעהן דיינע קרבנות, וועלכע לאָזען מיך ניט רוהען... (ער וויל איהר אָנגרייפען, אָבער פּלוצלינג ערשיינט פילאַנטראָפּ.)

פינפטער אויפטריט.

פ י ל אַ נ ט ר אָ פּ (זיך שטעלענדיג צווישען גייסט און צדקה): אים נאָמען פון דעם אידישען גאָט, פערשווינד, ג י י ס ט! לאָז צ ד ק ה מיט אונז! איך וועל איהר בעשיצען... און העלפט זי ניט אַלעמען, איז זי דאָך ניט גרעסער פון גאָט, וואָס גיט זיין גליק נור צו איינצעלנע, און בין איך איינער פון די גליקליכע, גיעב איך מיין חלק די צ ד ק ה אין די הענד, זי זאָל עס פערטהיילען... און איז זי בעשרענקט אין געבען, איז די בעשרענקטקייט איהר טוגענד, דען אַלעמען העלפען קען מען ניט... איז איהר פערטרעטער שלעכט און אונבאַרמהערציג, האָט אויך גאָט זיין מידת הדין, זיין שטן מקטרג... לאָז איהר! לאָז איהר העלפען פיעל זי קען!...

(עס ווערט אַ גערויש אין זאַל, דער גייסט רוקט זיך אָב אַביסעל, שטיין שטעהט און ציטערט, צדקה פאַלט ביי׳ם פילאַנטראָפּ אין די אָרעמס, וועלכער פיהרט איהר אָב פון דער ביהנע רעכטס. די מתנה אָרעמע לייט נאָך זיי, שרייענדיג: „העלפט“! „שטיצט“! אַלע אָב.)

זעקסטער אויפטריט.

(דלות, שווינדזוכט, קראַה, סקעלעטען פון מענשען, פיגמעען און פערשיעדענע פערזעהעניסען שטעלען זיך אויס אין אַ האַלבען צירקעל.)

ש ו ו י נ ד ז ו כ ט: קומט, פריינד! דאָס איז אַ גרויסער טאָג. צ ד ק ה איז אויסגעשפּיעלט, די קבצנים בלייבען אין אונזער גוואַלד. אָברעכענען וועלען מיר זיך מיט זיי.

ד ל ו ת: און וואָס האָט אונז פריהער געפעהלט? זיינען מיר ניט הערשער אין די טענעמענטס און סוועט שאָפּס? צ ד ק ה פלעגט אונז כלומרשט איבערשרעקען, אָבער מיר האָבען איהר פער־שטאַנען...

ש ו ו י נ ד ז ו כ ט (זיך ווענדענדיג צו דער סוויטע): ברעכט אויס אין טענער! זינגט, אז די וועלט זאָל ציטערען, זאָל דער בית עולם קייכען פאַר געלעכטער, חברה קדישא שכור'ען, די מצבה־קריצער טאַנצען, און דער גיהנום גענעצען... זינגט!....

ק ר אָ ה: קראַ, קראַ, קראַ, ניט געאיילט זיך... ווען צ ד ק ה האָט געגלאַנצט איז אונז בעסער געווען... קראַ, קראַ, זי האָט פער־בלענדט דעם עולם, געקעמפּפט געגען אונז נאָר לפנים, קראַ, קראַ, קראַ... יעצט, ווען צ ד ק ה גיט אָב די געוועהר, די אָרעמקייט דער־גרייכט איהר העכסטען גראַד, וועלען זיך די מענשען אליין העלפען און מען וועט אונז אַלע אויסראָטען, קראַ, קראַ, קראַ....

ש ו ו י נ ד ז ו כ ט: ניט אַזוי גיך.

ד ל ו ת: ניט אַזוי לייכט.

ק ר אָ ה: קראַ, קראַ, די יעצטיגע אָרדנונג וועט שטירצען, קראַ, קראַ, די חכמת הרפואה זיך גרויסען...

ד ל ו ת: די מענשען זיינען צו דום.

ש ו ו י נ ד ז ו כ ט: מעדיצין איז אַ שווינדעל.

(די גאַנצע סוויטע לאַכט זיך פונאַנדער מיט אַ ווילד געלעכטער, דלות און שווינדזוכט נעהמען זיך פאַר די הענד.)

פ אָ ר ה אַ נ ג.

רענט סטרייק

(אַ לעבענס־בילד אין סצענעס)

כאַראַקטערע:

יאַנקעל שוואַרץ: אַ דיק־בייכיגער לענדלאָרד (רייכער בעזיצער פון הייזער), אַלט אַ יאָהר 40. טראָגט אַ רונדע בערדעל און האָט זעהר אַ וואָכעדיגע צורה. אין ריידען פערבייט ער שטענדיג אַ „שין“ אויף אַ „סין“.

שרה לעמפעל: יאַנקעל שוואַרץ'ס שוועסטער, אַ אָרעמע אלמנה, ערנעהרט זיך פון איהר אייגענע אַרבייט און איז ראַדיקאַל געזאָנען.

באָבע גיטעלע: יאַנקעל'ס און שרה'ס מוטער. אַלט, קראַנק און אָרעם, אָבער ביי אַלעמען בעליעבט. שוין אַביסעל טויבלער.

לייבע גאַיץ: אַ לאַנגער, דאַרער איד פון אַ יאָהר 35, אַ „ליסער“ (איינער וואָס דינגט אָב הייזער און פערדינגט זיי מיט העכערע פּרייזען), ער טראָגט אַ מין קאָמיש־לאַנגען שלוס־ראָק און איז שטאַרק נערוועז.

מאַדאַם טשאַטשקע: אַ מיטעליעהריגע אלמנה, וואָס האָט אַ גאַנצען „בלאָק“ (קווער גאַס) מיט הייזער. טראָגט אַ קלייד מיט אַ לאַנגע שלעפּע און אַ משונה־גרויסע הוט מיט אַ סך געגרייזעלטע שטרויס־פעדערען. האָט אַ סך דימענטען אָנגעטשעפּעט וואו עס פּאַסט און וואו עס פּאַסט ניט.

פּרוי קנופּ: אַ דזשעניטרעס (הויז אויפזעהערין) ביי מאַדאַם טשאַטשקע.

ריכטער בודעל: אַ ריכטער, אַ דורכגעריבענער פּאָליטיקער פון ניעדריגסטען מין, וועלכער לאָזט זיך לייכט אונטערקויפען.

אַ סטרייקער.

פאָלק, פּאָליציי, קעלנער, געפּאַלענע פרויען, קעשענע גנבים און שכורים. די האַנדלונג קומט פאָר אין אַ ניו יאָרקער אידישען קוואַרטאַל, אין אונזער צייט.

ערשטע סצענע.

(אַ לאָקאַל איבער אַ ביער־שענק, וואו לענדלאָרדס און לענד־ליידיעס זיינען פערזאַמעלט. קעלנער לויפען אַרום הין און צוריק ווי פער'סמ'טע בעדיענענדיג די פערזאַמעלטע. יאַנקעל שוואַרץ קומט אַריין אין אַ הויכע זיידענע הוט און אַ ציגאַר אין מויל, טראָגט אַ שטעקען מיט אַ גאָלדענעם קאָפּ, קייקעלט זיך צו גלייך צום אויבען־אָן.)

שוואַרץ (נעהמט אַרויס דעם ציגאַר פון מויל און קלאַפּט אָן מיט אַ האַמער אויף אַ מאַרמאָר־טישעל): מיינע דאַמען און העררען, איך ערקלער דעם געסעפּט זשיצונג אַלש אויפגעעפּענט. מיר מוזשען טשוטרעטען משו ביזשנעזש מוזשען מיר. עש איזש זשעהער אַ גרוישער געסעפּט איזש עש.

גאַיץ (אויפשפּרינגענדיג פון זיין שטוהל): אונטערשטיצט!

שוואַרץ (קלאַפּענדיג מיט'ן האַמער): שעט דאָון! זשעצט זשיך! יאו נאָו, שעט דאָון! לייבע גאַיטש דאַרף באַלד זשיין דער ראַם (ראש) וראסון (וראשון), דו ביזשט דאָך אַ לישער ביזשטו דאָך, זשאָלען די לענדלאָרדש און לענד־ליידיש ריידען.

אלע: מר. שוואַרץ איז גערעכט, (צו גאַיץ'ן) סעט דאָון!

גאַיץ (זיך זעצענדיג): אונטערשטיצט.

שוואַרץ: סוועשטערן און ברידערן, איהר ווייסט דאָך דעם טשוועק פון דער פערזשאַמלונג ווייסט איהר דאָך, יאו נאָו. איהר ווייסט וואָש'ר קאָסע די טשענטשעלישטען ימח שמם האָבען אונזש פערקאָכט מיט די סכנים, די טענערש (טענענטס) יאו נאָו; ווי זשיי זשיינען אַלע אַרויש אין שטרייק פאַר ביליגע דירה־געלד,

זשיינען זשיי. טויזשענדע שטרייקען סוים און נאָך מעהר וועלען שטרייקען, וואָש איזש טשו טון ?

ע ר ש ט ע ר ל ע נ ד ל אָ ר ד : ברודער טשערמאַן, ליידיעס און טשענטעלמען, און מיינע ברידער, מיין עצה איז, מען זאָל זיך זוכען מיט זיי אויסצוגלייכען, מען זאָל זיי צוזאָגען אַ חודש רענט אומזיסט אויב זיי וועלען וואוינען צוויי יאָהר אין די זעלביגע רומס....

ג אַ י ץ : אונטערשטיצט !

ש ו ו אַ ר ץ (אַ קלאַפּ געבענדיג מיט'ן האַמער) : שעט דאַון ! (גאַיץ זעצט זיך אַוועק ערנסט, ווי ניט איהם מיינט מען.)

צ ו ו י י ט ע ר ל ע נ ד ל אָ ר ד : ברידער טשערמאַן, לאַידיעס און דזשענטעלמען אין מאַנע ברידער, יאַך וואָלט זוגען מען זאָל גוניש נוכגייבען אין אַראָם שלאַדרען זאַי אין גאַס.

ד ר י ט ע ר ל ע נ ד ל אָ ר ד : ברודער טשערמאַן, ליידיעס און דזשענטעלמען און מ י י נ ע ברידער, דער מאַן, וואָס הייסט ניט נאָכגעבען מוז האָבען ליידיגע הייזער, ווייל ער מען זאָל אַרויס־ווארפען די שכנים כדי ער זאָל זיי קענען אַריינגעהמען. איך פּראָטעסטיר !

ג אַ י ץ (זיך שטעלענדיג) : אונטערשטיצט, די ליסטערס אונ־טערשטיצען !

ש ו ו אַ ר ץ : סוים וויעדער לישטערש, שעט דאַון ! (גאַיץ זעצט זיך.) איך זשאָג אויך מיר זשאָלען זשיך אַזשוי לייכט ניט אונטערגעבען. און איהר ווייסט, כמעט אַלע ווייסט איהר, אַז איך האָב ניט קיין ליידיגע הייזשער אין ערגעטש ניט האָב איך ניט. ניסט קסה, אַלע טענענש וועלען ניט מופען.

ג אַ י ץ (זיצענדיג) : אונטערשטיצט.

(עס הערען זיך די טענער פון אַן אָרקעסטער, עס ווערט געשפּיעלט די מאַרסעליעזע; באַלד הערען זיך הוראַ געשרייען און די גוואַלדען „ניעדער מיט די בלוט־זויגער". די פערזאַמלטע בלייבען ווי צומישט.)

ד ר י ט ע ר ל ע נ ד ל א ר ד: ברודער טשערמאן, לידיעס און דזשענטעלמען און מ י י נ ע ברידער. איהר הערט וואס דרוי־סען טהוט זיך? זייט פארזיכטיג מיט די צאנצאליצטען, זיי וועלען זיך ניט אונטערגעבען.

מ ר ס. ט ש א ט ש ק ע: לידיעס און דזשענטעלמען און מיינע ברידער און שוועסטער. איך בין אלל־רייט, זאל אייך מיין הויז־קיפערקע מרס. קנופ זאגען...

מ ר ס. ק נ ו פ: זאל מיר אזוי דער כ׳טאר ניט הערען און געדענקען העלפען.

ג א י ץ (זיך שטעלענדיג): אונטערשטיצט.

ש ו ו א ר ץ: שעט דאון!

מ א ד א ם ט ש א ט ש ק ע (א ווארף געבענדיג איהר שלעפע אן א זייט): מיינער, א ליכטיגען גן אייוועז (עדן) זאל ער מיר האבען, האט מיך איבערגעלאזט גוט געפיקסט, מיט א גאנצען בלאק א פערשמירטען פון פארענט און פון הינטען מיט הייזער. איך האב, געלויבט דעם כ׳טאר ניט געדענקען, צימערען ניט צו פערזיינדיגען, שטענדיג זיינען זיי מיר פערנומען. די שכנים בריקען זיך אפילו איצט, אבער זאלען זיי זיך בריקען. ווי פלעגט מיינער זאגען, ליכטיג זאל איהם זיין, „זארג נישט יאכנע עס וועט זיך איבערדרעהען“... ער איז געוועזען א שטריק־מאכער פון דער היים, ער האט געוואוסט ניש־קשה וואס ער רעדט... מיינע צימערען זיינען שעהנע, פרעגט מיין דזשעניטערעס, פרוי קנופ, זי וועט אייך זאגען.

פ ר ו י ק נ ו פ: אזא יאהר אויף אונז אלעמען, וועלכע מחיה׳דיגע צימערען מיין מאדאם האט, אוי, צימערען! דער קיסר מעג דארט ארייזיהען...

ש ו ו א ר ץ: מיין אייטשע (עצה) איזש מיר זשאלען זשעהן די ריכטער פ ו ד ע ל און ב ו ד ע ל, זשיי וועלען סוים אלטש פיקשען... זשיי זשיינען אונזשערע זשיינען זשיי... ניסט קסה! די פאליש האבען קלאבש און ניו יארק — פריזשענס. ביי מיר איזש די

גאַנצע אויפטהוערקע אַ אידענע... זשי האָט אויפגערייטשט אַלע טענערש האָט זשי. אַזשוי זשאָגט מיר מיין איידזשענט, זשאָגט מיר. איך קען ניט קיין איינטשיגען פון מיינע טענערש קען איך ניט, און ווייש ניט ווי מען רופט זשיי, אָבער מאָרגען פריה בין איך אין געריכט און וועל זשיך מיט זשיי אָברעכענען, וועל איך זשיך... די ריכטער דאַרף מען נור גוט אַ סמיר טהאָן.

ג אַ י ץ: אונטערשטיצט. די ליסטערס דאַרפען געבען צושטייער.

ש וו אַ ר ץ: שעט דאָן! סוים ווידער לישטערש. זשאָלען די לענדלאָרדש ריידען...

ע ר ש ט ע ר ל ע נ ד ל אָ ר ד: איך האָב צרות מיט אַ 2טען מאָרטגיידזש.

צ וו י י ט ע ר ל ע נ ד ל אָ ר ד: יאָך מיט אַ 3טען.

ד ר י ט ע ר ל ע נ ד ל אָ ר ד: איך מיט אַ 4טען.

פ ע ר ט ע ר ל ע נ ד ל אָ ר ד: איך מיט אַ 5טען.

אַ ל ע נ ד ל אָ ר ד: ברודער טשערמאַן, ליידיעס און דזשענטעלמען און מיינע ברידער. לאָמיר דערווייל נאָכגעבען די לומפען, די בונטאָוושטשיקעס, שפּעטער אביסעל, ווען ס'וועט זיך אָנהויבען די אַרבייטס-צייט, וועלען מיר זיי נעהמען די גערערים.

ג אַ י ץ: אונטערשטיצט. די ליסטערס זיינען צופריעדען...

ש וו אַ ר ץ: אַלע רייעט, זשאָל מען דאָש נעהמען אָבסטימען.

ד ר י ט ע ר ל ע נ ד ל אָ ר ד: יאָך מאַך אַ פורשלאָג, אַז די וואוס הובען לאַידיגע האַוזער זאָלען ניט טורען שטימען.

(עס ווערט אַ טומעל מיט פּראָטעסטען. מען פאַנגט אָן וואַרפען איינע די אַנדערע ביער-גלעזער מיט סענדוויטשעס. מרס. טשאַטשקע פערליערט אין טומעל איהר הוט. פון דרויסען הערט זיך שפּיעלען די מאַרסאַליעזע.)

גאַ י ץ: איך אונטערשטיץ.

(אַ פאָרהאַנג לאָזט זיך אַרונטער און עס ווערט אויף אַ ווײַלע פינסטער און דאַן ווידער ליכטיג.)

צווייטע סצענע.

(די ביהנע שטעלט פֿאָר אַ גערילכטס־הויז אין די איסט־סייד. עס דרעהען זיך אַרום האַלבע גראָשענע אַדוואָקאַטלעך, פּאָליטישענס, פּאָליטישע נאָכשלעפּער, גנבים, אַלפאָנזען, געפאַלענע פרויען, שווינדלער, פּראָפעסיאָנעלע עדות, שלעגער, רויבער, איינברעכער, לענדלאָרדס, ליסערס, דזשעניטאָרס, צושלאָגענע און צובלוטיגטע רענט־סטרייקער, ריעל־עסטייט אַגענטען, רענט קאָלעקטאָרס, פּאָליסלייט און סתם נייגעריגע מענשען. ריכטער בודעל זיצט אויבען־אָן.)

ב ו ד ע ל (צו אַ צושלאָגענעם סטרייקער, וועלכער איז פערבלוטיגט פון קאָפּ ביז די פיס און קען קוים שטעהן. נעבען דעם צומערדעטען שטעהט אַ פּאָליציאַנט, וועלכער האַלט איהם צו): ביזט אַ רענט־סטרייקער, האַ? אַ מיאַטעזשניק? מיט פויסט־גוואלד ווילט איהר נעהמען דאָס רעכט דאָ אין לאַנד. סימפּאַטהי זוכט איהר נאָך, רעוואָלוציאָנערען!

ס ט ר י י ק ע ר: אָט דער פּאָליציאַנט (ווייזענדיג אויף דעם וואָס האַלט איהם צו): האָט מיך שיער געמערדערט גאַנץ אומזיסט, כ'האָב קיין פערברעך ניט בעגאַנגען.

ב ו ד ע ל: וואָס דען מיינסטו? שווייגען וועט מען אייך, ראַיאָטניקעס? איהר ווילט פערסאָציאַליסטעווען אַמעריקאַ: אומזיסט וואוינען ווילט זיך אייך, פלאַטערען לאָזט איהר רויטע פאָהנעס, איהר שלאָגט די פּאָליציי.

פּ אָ ל י ס מ אַ ן: יור האָנאָר, ער האָט מיר אויסגעריסען אַ קנעפּעל פון ראָק...

ס ט ר י י ק ע ר: ווי אַ מערדער איז ער מיר בעפאַלען מיט זיין קלאָב.

ב ו ד ע ל: צו־וואָס סטרייקט איהר? ציהט, ווען די רענט איז אייך צו־הויך!

ס ט ר י י ק ע ר (זיך אָנשטרענגענדיג): געווים, אַ יקרות אויף

עסענוואַרג — זאָלען מיר פאַסטען, טהייער געז — זאָלען מיר זיצען אין דער פינסטער, טהייער קויהלען — זאָלען מיר פריהרען, ביליג דער ארבייטס-לוין — זאָלען מיר ניט ארבייטען, און הויך די רענט — זאָלען מיר ליעגען אין גאַס. וואו איז געזעץ און גערעכ־טיגקייט, וואָס זאָלען בעשיצען די בירגער, וואָס האלטען אויף דאָס לאַנד? ווארום האָט זיך אמעריקא בעפרייט פון ענגלאַנד? פאַר וואָס האָט זי ענגלאַנד ניט אָבגעטרעטען? פאַרוואָס.... פאַרוואָס....

בודעל: ביזט אַן אנארכיסט. אוועק מיט איהם! צוויי מעת לעת פריזאָן. (ער ווערט אָבגעפיהרט.)

בודעל: שוואַרץ געגען לעמפּעל. (עס טרעטען פאָר מרס. לעמפּעל און באָבע גיטעלע. די אַלטע איז זעהר אָרעם אָנגעטהאָן, זי איז זעהר שוואַך און קראַנק, און קען קוים שטעהן אויף די פיס. געגען זיי טרעט פאָר שוואַרץ, ער ווערט בלייך און פאַנגט אָן ציטערען דער־זעהענדיג זיין אָרעמע שוועסטער מיט זיין אַלטע, פערלאָזענע מוטער, נור ער מאַכט זיך ניט זעהענדיג.)

שוואַרץ: יור... האָנאָר...

באָבע גיטעלע (דערזעהענדיג איהר זוהן): מערדער! (זי חלש'ט, מען מינטערט איהר קוים אָב. עפענענדיג די אויגען וויל זי לויפען צו איהם און ציטערט פאַר אַלטקייט, כעס און עלענד.) יאַנקעלע... מיין קינד... לאָזט מיך צו איהם... צום....

בודעל (צו שוואַרץ'ן): ווער איז די אַלטע?

שוואַרץ: זשי... זשי... איזש... כ'ווייש ניסט...

מרס. לעמפּעל: אַ ליגען, יור האָנאָר, ער ווייס, ער ווייס, אַז די אַלטעטשקע, קראַנקע, פערלאָזענע פרוי איז זיין מוטער, אונזער מוטער, וועמען ער לאָזט אויס'ן שוועל ניט ארויף און שטיצט ניט מיט קיין איינציגען סענט. מיט מיר איז זי, מיט מיר, די אָרעמע, שוואַכע אלמנה, זיין ליבליכע שוועסטער. איך גנעה אַרבייטען און ערנעהר מיינע קינדער און מיין מוטער.

בודעל (צו שוואַרץ'ן): איז דאָס אמת?

ש ו ו א ר ץ: אזשוי... זשאָגט זשי...

ב ו ד ע ל: און דו?

ש ו ו א ר ץ: איך... איך... ניסט...

ב ו ד ע ל (צו שווארץ'ן): וואָס איז אַלזאָ דיין קלאָגע?

ש ו ו א ר ץ: אָט די פרוי, יור האָנאָר (ער ווייזט אויף זיין שוועסטער), איזש מיינע אַ טענערקע, זשי האָט אויפגערייטשט אַלע מיינע טענערש טשו אַ שטרייק, זשי האָט זשיי אויפגערייטשט מיט גוואַלד און האָט זשיך געבאַפּט סלאָגען טשו מיין הויזשקיפּערקע.

ב אָ ב ע ג י ט ע ל ע: ווער איז מיר, וואָס זאָגט ער?

מ ר ס. ל ע מ פּ ע ל: אַ ליגען, מאַמע, ער איז מגזם.

ב אָ ב ע ג י ט ע ל ע: וועה איז מיר...

ב ו ד ע ל: אַלזאָ, העצעריי צו גוואַלד און מאָרד־אַנגריף....

ש ו ו א ר ץ: איך סיינק איהר אָבער, זשי איזש אַן אָרעמע פרוי... איך לאָזש איהר אַרונטער אַ דאָלאַר אַ מאָנאַט, אָבער די אַנדערע שטרייקער וויל איך מאַכען טשו טשיען.

מ ר ס. ל ע מ פּ ע ל (אויפגערעגט): זאָל ער מיך אַרויסוואַרפען, יור האָנאָר, מיך מיט זיין אַלטע, קראַנקע מוטער, דער מערדער, ער האָט מיך שוין אַ פּאָר מאָל געלאָזט אַרויסוואַרפען פון זיין הויז, ווען איך בין געקומען בעטען הילף פאַר דער קראַנקער מאַמען. צוויי־שען די מיליאָנערען האָט ער זיך פעררוקט, דער אַמאָליגער בלעך־פּעדלער, און האָט זיך ענטזאַגט אפילו פון זיין אַלטע מוטער. פלוך אויף איהם און זיינע חברים און זייערע שמוציגע, דומפּפּע לעבער, וואָס זיי רופען הייזער.

(עס הערט זיך אַ שטילער ברומען צווישען די מענשען אין געריכט. פרויען ווישען זיך די אויגען מיט זייערע טאַשען טיכער.)

ש ו ו א ר ץ: דער סוואַרץ יאָהר ווייש וואָש זשי וויל פון מיר!

פ אָ ר ה אַ נ ג.

טרויעריגע זאַכען

(אַ סצענע אין אַ דעפּאַרטמענט סטאָר, ביי דער אַבטהיילונג פון טרויער־זאַכען)

(פריי בעאַרבייט אויס דעם ענגלישען נאָך טהאָמאָס הוד.)

כאַראַקטערע:

אלמנה.	ערשטער פערקויפער.
איהר בעגלייטער.	צווייטער פערקויפער.

ערשטער פערקויפער: קען איך האָבען דעם מעלאַנכאָלישען פערגעניגען, מאַדאַם, אייך צו דינען?

אלמנה: איך וואָלט וועלען זעהן עפּעס טרויער־זאַכען...

ערשטער פערקויפער: (עס פערשטעהט זיך. וואָס פאַר אַ טרויערניס ווילט איהר, מאַדאַם? אַ שווערען טרויער אָדער אַ לייכטען? מיר האָבען אויף אויסצוקלייבען. ווילט איהר טרויער בלויז פאַר דעם סיזאָן, אָדער טרויערניס פאַר אַ גאַנץ יאָהר?

אלמנה: געוויס, די לעצטע מאָדע. מיין מאַן האָט דאָס ביי מיר פערדיענט. איך בין, ניט דאָ גערעכט, געוואָרען אַ קלאָגעדיגע אלמנה (ווישט זיך די אויגען מיט אַ טרויער־טיכעל). פריהער ווייזט מיר אַ טרויער־היטעל.

ערשטער פערקויפער: עס פערשטעהט זיך. איהר ווילט, הייסט דאָס, אַן אלמנה־היטעל. מיט איין שטרויס־פעדער אָדער מיט צוויי?

אלמנה: ניט מיט דריי, אויב איהר האָט. איך האָב געהאַט אַ גוטען מאַן, הלואי אויף אַלע ווייבער געזאָגט! איך מעג זיך אויס־פּוצען פון זיינטוועגען... פרעגט ביי איהם (ווייזט אויף דעם בעגליי־

טער) ער האָט איהם געקענט. (ווענדעט זיך צום בעגלייטער) איז וואַהר, יאַנקעל? איהר זייט דאָך געווען גוטע פריינד...

בעגלייטער: אוי, אַ מאַן! דאָס האַרץ רייסט מיר...

ערשטער פערקויפער: עס פערשטעהט זיך, געוויס מעג מען נאָך אַזאַ מאַן טרויערן... אַז יאָ טראָגען אַ טרויער־היטעל, טאָ זאָל זי טאַקע טויגען אויף קלאָגען... מיר האָבען זיי גענוג, ערשט איצט אַריינגעקראָגען אַ גרויסען אויסקלייב פון פאַריז. דער לעצטער שניט, איבערהויפט אלמנה־היטלען, וואָס אַ סך פרויען מעגען זיי אָנקוקען...

אלמנה: איך וואָלט זיי וועלען זעהן.

ערשטער פערקויפער: עס פערשטעהט זיך. אָט איז איינע, מאַדאַם, איצט אימפּאָרטירט. איך פערזיכער אייך, אַז זי טויג אויף צרות... דער ריכטיגער נאָמען פון די דאָזיגע סחורה אויף פראַנצויזיש איז „אונטרייסטליכקייט" און איז זעהר שטאַרק אין דער מאָדע אין פאַריז אויף לויה׳ס פון געשטאָרבענע מענער. ניש־קשה, די פאַריזער פרויען ווייסען וואָס גוט איז.

בעגלייטער: אַזאַ יאָהר אויף זיין טאַטען! (בעטאַפּט דעם שוואַרצען טול פון דעם היטעל) זעהר אַ שוואַכער און אַ דינער טול, ווי שפּינוועבס... ס׳שיינט צו זיין ניט דויערהאַפט, ווי מיינט איהר?

ערשטער פערקויפער: ס׳פערשטעהט זיך. אַביסעל שוואַכלעך, מיט אַ כיון געמאַכט. מען קען ניט לייקענען, אַ דעלי־קאַטנע וואַרע. טרויער, מיין הערר, דאַרף ניט האַלטען אייביג.

בעגלייטער: איך מאַך אַ וועט, אַז עס האַלט ניט אייביג, איבערהויפּט אַ טרויער, וואָס האַלט פון דער מאָדע...

אלמנה: שוויַג, יאַנקעל! רייד ניט אַזוי פיעל! וואָס ווייסטו פון מאָדעס פאַר צובראָכענע הערצער? אַבי דו פּלוידערסט סתם אין דער וועלט אַריין. (צום פערקויפער) הערט זיך ניט איין וואָס ער רעדט, ער האָט זיך ליעב אַריינצומישען אין אַ פרעמדען עסק.

ערשטער פערקויפער: עס פערשטעהט זיך. וואס טרויער אנבעטרעפט, מאדאם, איז דאס פערשיעדען, זעהר פערשיעדען. איבערהויפט איז געווען זעהר פיעל היינטיגען סיזאן, יא, עטליכע זארטען סחורות זיינען שוין אריין אין גאנג און עטליכע קומען ערשט אן צו בעפריעדיגען די יסורים פון דער מאדע.

אלמנה: און אלע זיינען פון פראנצויזישען פאסאן?

ערשטער פערקויפער: עס פערשטעהט זיך, מאדאם. די פראנצויזישע טרויער־מאדע איז אזוי צוגעפאסט צו טויטע, צו געשטארבענע, אז זי טויג אין דר'ערד...

אלמנה: איבערהויפט וואלט איך וועלען עפעס אן אומע־טיגע מאטעריע אויף א יאמער־קלייד און א טרויער שאל.

ערשטער פערקויפער: עס פערשטעהט זיך, דאס איז טאקע די הויפט טרויערקייט פון אונזער געשעפט. מיר האבען ערשט היינט אריינגעקראגען עטליכע צעהנדליגע שטיק פון דעם דאזיגען מין אומעטיגע צייג. אט איז א שטיק דערפון, דאס איז אזוי אומעטיג, אזוי צרה'דיג, אז עס פערקוועטשט דאס הארץ — מען קען חלש'ן, קוקענדיג אויף דעם! אט איז למשל א שטיק פאריזער לויה־געוואנט, בעטראכט דאס נור, מאדאם — אן אמת'ע שטיק מעלאנ־כאליע, א נישט־גוטקייט...

אלמנה: יא, אן אמת'ע הארץ־קלעמענים. — מיין טהייע־רער מאן!... און דאס איז די לעצטע מאדע, זאגט איהר?

ערשטער פערקויפער: עס פערשטעהט זיך, די לעצטע פון די לעצטע. א סך פרויען קוקען אויס די אויגען נאך דעם. זיי פרעהען זיך ווען זיי קריגען דאס... נו, מאדאם, וואס זאגט איהר, זאל איך אבשניידען?

בעגלייטער: כאפט ניט! מיט איהר שניידט מען ניט אב אזוי גיך...

ערשטער פערקויפער: עס פערשטעהט זיך, מיין הערר. אפשר ווילט איהר גאר א שווארצען סאמעט, מאדאם?

אלמנה: פאסט דאָס אָבער צו קלאָגען אין סאַמעט?

ערשטער פערקויפע.ר: יעס פערשטעהט זיך, אונזער סאַמעט טויג אויף קלאָגען. ערשט היינט אריינגעקראָגען. אַט איז אַ זעהר טהייערע שטיק, די אמת'ע סחורה און אַ פּרעכטיגע שוואַרצ־קייט, מיר רופען דאָס „דער לוקסוס פון וועהטאָגען".

אלמנה: דאָס מוז געוויס זיין זעהר טהייער.

ערשטער פערקויפער: עס פערשטעהט זיך. גוטע זאַכען קאָסטען טהייער, נור ביי אונז קענט איהר דאָס קריגען פאַר דריי טאָלער אַן אייל. אַ געהויבענע מאַטעריאַל, דער געהויבענסטער פאַסאָן, וואָס פּאַסט פאַר אַלע פאַמיליען־טראַבעלס און היימישע ליידען.

בעגלייטער: משמעות, אַז דער פּרייז שטייגט מיט די צרות, וואָס גרעסער דער בראָך, אַלץ טהייערער די וואַארע.

ערשטער פערקויפער: עס פערשטעהט זיך, מיין העררר, געוויס, אַלץ פיינער די פאַרב. דער טרויער פון אָרעמע לייט איז זעהר פּראָסט. קבצנים טרויערען איינפאַך, יאָ, ניט דער ערך איינפאַכער. דאָרט ליעגט מען אין דר'ערד און גאָר ניט... אַ צוגליי־בענים לייוועגט צו סאַמעט, מיין העררר...

אלמנה: נאַטירליך איז דאָס אַ גרויסער אונטערשיעד. איבערהויפּט די פערשיעדענאַרטיגקייט אין דער קליידונג. איך גלויב איהר מוזט אויך האָבען אַן אויסוואַהל פון האַלב־טרויער.

ערשטער פערקויפער: עס פערשטעהט זיך, אַן אויסוואַהל איינער פון די גרעסטע אין ניו יאָרק. מיר האָבען גאַנץ־טרויער, האַלב־טרויער און דריטעל־טרויער, מיט איין וואָרט סחורה, וואָס פאַסט פון גרעסטען אונגליק ביז צום קלענסטען שיברת הלב.

אלמנה: אויב אַזוי, טאַ זייט מוחל און ווייזט מיר טאַקע אייער האַלב־טרויער.

ב ע ג ל י י ט ע ר: נאַטירליך, אַ מענש דאַרף זיך ניט איינ־טונקען אין שוואַרצקייט ווי אַ זשוק און זיך ניט דערטרינקען אין אלמנה'שאַפט ווי אין אַ גרוב טינט.

א ל מ נ ה: האַלט דאָס מויל, יאַנקעל. רייד נישט אַזוי געדיכט. דו ווייסט גאָר נישט וואָס דו רעדסט... (צום פערקויפער) זייט אַזוי גוט און ווייזט מיר די האַלב־טרויער.

ע ר ש ט ע ר פ ע ר ק ו י פ ע ר (ווייזענדיג מיט דער האַנד): פון דער אַנדער זייט קראָם, אין דעם דעפּאַרטמענט פון לייכטע צרות.

ב ע ג ל י י ט ע ר: אָן דאָרטען מיינט איהר, ביי דעם חברה־מאַן, וואָס געהט אָנגעטהאָן אין פעפער מיט זאַלץ?

ע ר ש ט ע ר פ ע ר ק ו י פ ע ר: עס פערשטעהט זיך, מיין הערר, ביי יענעם, וואָס טראָגט דעם גראָהען אָנצוג. (צו יענעם פער־קויפער) היי, חיים, וויז דער דאַמע די גלייכגילטיגסטע פאַרבען. (ער אָטהעמט אויף זיפצענדיג און נעהמט זיך צונויפלעגען די אָנגעוואָר־פענע וואַארע פון פאָר־באַנק.)

צ ו ו י י ט ע ר פ ע ר ק ו י פ ע ר: קען איך האָבען די האַרץ־וועהטאָג אייך צו דיענען מאַדאַם?

ב ע ג ל י י ט ע ר: איך מאַך אַ וועט. יענער דאָרטען (ווייזט אויפ'ן ערשטען פערקויפער) האָט שוין געקראָגען פון איהר האַרץ־וועהטאָג, מיר דאַכט, אַז די שווינדזוכט אויך..

א ל מ נ ה: יאַנקעל! וואָס רעדט ער דאָרטען? — ווייזט מיר האַלב־טרויער, אָבער פון דער נייעסטער מאָדע.

צ ו ו י י ט ע ר פ ע ר ק ו י פ ע ר: זעלבסט פערשטענדליך, אין דער צווייטער מדרגה פון ברעכענים, אַלס אַזעלכע ערלויבט מיר אייך צו ווייזען די דאָזיגע אַטלעס, בעשטימט פאַר עגמת נפש, וואָס האַלט זיך אין אָבקיהלען... פערשטעהט איהר מיך, מאַדאַם, דאָס איז דער איבערגאַנג פון אַ שוואַרצער טויטען־פאַרב צו אַ גראָהען בלייקאָליר.

בעגלייטער: מען קען פון אזא איבערגאנג אויך ניט לאנג ציהען.

צווייטער פערקויפער: זעלבסט פערשטענדליך. דאָס איז אַ פּאַריזער נייאיגקייט, מאַדאַם, וואָס ווערט גערופען „יאַלעווע זאַרגען" און ווערט זעהר פיעל געטראָגען פון פרויען פון אַ געווייסען עלטער, וואָס דענקען זיך ניט מעהר צו פערליעבען.

בעגלייטער: פוי! מיר איז די פאַרב ניט געפעלען, האָט איהר ניט אַ סחורה... יאַ, ווי רופט מען דאָס... עפּעס אַזוי... אַ פערטעל, אַ פינפטעל, אָדער אַ זעקסטעל טרויער; צי גאָר אַ זיעבעטעל, צי אַן אַכטעל... עפּעס אַזוי, איהר פערשטעהט דאָך, וואָס איך מיין.

צווייטער פערקויפער: זעלבסט פערשטענדליך, מיין העדר, מיר קענען אייך בעקליידען אין יעדער טרויערקייט פון דער וועלט, דערפאַר איז דאָס אַ דעפּאַרטמענט סטאָר, ביי יעדער פאָרבאַנק איז אַן אַנדער טרויער.

אלמנה: יאַנקעל! זעהט נור ווי ער מישט זיך דאָס אריין, פונקט ווי ער וואָלט דאַרפען טראָגען די טרויער.

בעגלייטער: איך מאַך אַ וועט... ווען דו וועסט „טראָגען" וועט מיר אויך זיין טרויעריג גענוג... (צום פערקויפער) גיט עפּעס אַ מין פערדרעהעניס, וואָס זאָל זיין ניט אַהין און ניט אַהער... אַ מין „פערגעסענע צרות" אָדער „צוקונפטס נחת"... עפּעס אַזוינס... יאַ, אַזוינס.... (ער גיט אַ קנאַק מיט די פינגער) עפּעס אַ לעבעדיגס...

אלמנה: יאַנקעל! (ווישט זיך מיט'ן טרויער־טיכעל.)

צווייטער פערקויפער: זעלבסט פערשטענדליך, פאַר וואָס האָט איהר דאָס פריהער ניט געזאָגט? דאָס איז דאָרט אין יענעם עק קראָם, אין דעם דעפּאַרטמענט פון די חתונה־בגדים, נעבען דעם פאָר־באַנק מיט צאַצקעס... געדאַרפט באַלד זאָגען.

בעגלייטער: מיר האָבען אייך געוואָלט געבען דעם פערגעניגען צו האָבען האַרץ־וועהטאָג. (זיי פאַנגען אָן געהן.)

צווייטער פערקויפער: אין יענעם עק, נעבען די צאַצקעס! (די אלמנה מיט איהר בעגלייטער לאָזען זיך געהן צו די חתונה־קליידער, אַ פּיאַנאָלאַ שפּיעלט דאָרט מענדעלסאָן'ס חתונה־מאַרש, די אלמנה ווישט זיך די אויגען מיט'ן טרויער־טיכעל.)

פּ אָ ר ה אַ נ ג.

לעבענס-וויסענשאַפט

גערדאַנקען איבער אַלץ און אַלעמען

די מאסע, דאָס מיינט גאָר און גאָר ניט.

* * *

קענען איין מענשען מיינט ניט קענען אלע.

* * *

מיט א גאָלדענע קייט איז אויך ניט גוט צו זיין געבונדען.

* * *

אויסמיידען עולות איז אָפט מעהר גבורה ווי זיי צו בעזיעגען.

* * *

ניט יעדערער וואָס האנדעלט מיט צוקער האָט א זים לעבען.

* * *

דער גאָט פון ליעבע איז א בלינדער, ניט לייג איהם קיין שטיינער אין וועג !

* * *

דעם פערד איז קיין אונטערשיעד ווער עס טרייבט איהם, כל זמן הער בייטש איז דער זעלביגער.

* * *

א גוטער זייגער מוז ניט דוקא שלאָגען, אום צו ווייזען די ריכטיגע צייט.

* * *

וואָס עס איז א לוקסוס פאר איינעם איז אָפטמאָל א ביטערע נויטווענדיגקייט פאר א צווייטען.

דער וואונש נאָך דער זאַך איז צייטענווייז מעהר געגום ווי די זאַך אַליין.

* * *

דער קלוגער מענש לעגט זיך בעסער אַליין אוועק, כדי ער זאָל ניט דארפען פאַלען.

* * *

מען דארף ניט דוקא זעהן דעם זונען־אויפגאַנג, אום צו וויסען, אַז עס איז טאָג.

* * *

בעסער טרוקענע ברויט אויף אַ ריינעם טישטוך איידער געבראָ־טענע טויבען אויף אַ שמוציגען.

* * *

ווען דו קלעהרסט אַלץ פאַר וואָס די וועלט איז שלעכט, האָסטו קיין צייט צו זעהן פאַרוואָס זי איז גוט.

* * *

ווען דו פאָדערסט פון לעבען צופיעל וועסטו קיינמאָל ניט האָבען גענוג.

* * *

ווען אַ גרויסער מאַן מאַכט צו ז י י נ ע אויגען, הויבט ערשט אָן די וועלט עפענען א י ה ר ע. דען זיין אָפענער בליק איז ווי די ליכטיגע זון, אין וועלכער עס איז שווער אריינצוקוקען.

* * *

דער נאַר זאָרגט וועגען יעדע קליינינקייט ב ע ז ו נ ד ע ר, דעם חכם אַרט די ג אַ נ צ ע זאַך.

* * *

איין איבעריגער ביסען מאַכט אויסקרענקען דעם גאַנצען מאָהלצייט, גענים מיט אַ מאָס.

כל זמן דו פיהלסט, אז דו ביזט ניט ניכטער, ביזטו נאָך אלץ ניט שכור.

* * *

דאָס ווענדט זיך אין גאַנצען אָן פ ל י ה ע ן, דען פליעגעל האָט די גאַנז אַזוי גוט ווי דער אָדלער.

* * *

דער מענש קען קיינמאָל ניט לאַכען און ניט וויינען גענוג, דען דאָס לעבען האָט יעדע מינוט נייע קאָמעדיעס און נייע טראַגעדיעס.

* * *

די מאַסע פערשטעלט זיך דעם וועג מיט איהר אייגענעם שאָטען, און האָט מורא צו געהן פאָראויס.

* * *

זוך ניט צו לערנען פון ביכער דאָס, וואָס די נאַטור האָט דיר געלערנט אויף אויסענוויינינג.

* * *

דער חכם זוכט די סבה פון זיין טעות, דער נאַר אָבער האָט קיינמאָל קיין טעות ניט.

* * *

מיט פרעטענזיעס אויף גרויסקייט איז מען ניט גרויס. דערצעהל ניט וואָס דו ביזט; ו ו י י ז דאָס!

* * *

דער מענש איז גרויס, ווייל ער קען זאָגען בעשטימט וואָס ער וויל. דעקאַדענטען מעגען דאָס וויסען.

* * *

די שיפען, וואָס געהען איבער'ן ים פון געדאַנקען, זיינען אויך אין סכנה פאַר פיראַטען.

דער איז אָבגענאַרט אם מעהרסטען, וועך עס איז גענאַרט אין זיך אַליין.

* * *

ביי דער פרוי איז טרעהרען אויף א מאָדע. זיי זעהען אוים אין איהר אויג ווי פערל.

* * *

מאַנכע פרויען פערגעסען גאָר, אַז די מאָדע איז געמאַכט פאַר זיי און מיינען, אַז זיי זיינען געמאַכט פאַר דער מאָדע.

* * *

דעם גרעסטען קאָפּ פּאַסען אויך ניט קיין „גרויסע אויגען".

* * *

דאַנקבאַרקייט איז די פרוכט פון א ריינעם געוויסען, וואָס וואַקסט נור אין איידעלע הערצער.

* * *

מ א כ ע ן איז א גרויסקייט, א י ב ע ר מ א כ ע ן — א געשמאַק און נ אָ כ מ א כ ע ן — א שוואַכקייט.

* * *

א שמייכעל איז א ברכה, א שמייכלער — א פלוך.

* * *

באַנקראָט איז דער, וואָס זיין טוירדט קען ניט בעצאָהלען זיינע לעבענס וועקסלען.

* * *

הומאָר איז די ניכטערע פילאָזאָפיע פון לעבען, סאַטירע — די בעטרונקענע, — מיט ביטערקייט.

* * *

פאַלשע קאָמפּלימענטען זיינען פיעל שעדליכער, ווי אמת'ער טאַדעל.

ווען דו ווילסט אויפהויבען א געפאלענעם, מוזטו זיך איינבויגען און ווען דו ווילסט איינעם ווארפען, מוזטו שטעהן שטייף.

* * *

ווען די מאסע קושט דיך, האסטו נאכדעם ניט קיין פנים.

* * *

עס איז ניט אזוי וויכטיג וואס דו דענקסט וועגען דער וועלט, נור, וואס די וועלט דענקט וועגען דיר.

* * *

א ליגנער מוז זאגען, אז ער האט ענטדעקט דעם נארד-פאל אום צו קריגען א וועלט-נאמען אלס אזעלכער.

* * *

מאנכע מענשען מאכען זיך נאריש כדי מען זאל מיינען, אז זיי זיינען קלוג.

* * *

אויב דו האסט א צו-גרויסע נאפפאלגערשאפט, טא לאז זיך אונטערזוכען דעם מוח.

* * *

צו פערענטפערען טאגעס פראגען, מיינט צו פערענטפערען זיך אליין.

* * *

דער וויץ, פון וועלכען מענשען לאכען און ער לאכט ניט פון מענשען, איז קיין וויץ ניט.

* * *

ווען דו ווילסט וויסען אויב דו האסט ריכטיג גערופען, טא הער ווער עס ענטפערט.

* * *

די הייראטה האט „שבעה ברכות“, זיעבען ברכות. מענשען זאגען, אז „זיעבען איז א ליגען“.

חבר זיך מיט העכערע פון דיר, דען ארויפקוקענדיג צו זיי וועט דאס ערהויבען דיין בליק.

* * *

קינדער זיינען דער צוועק, עלטערען — דער מיטעל.

* * *

ווען די וועלט לויבט דיך, טא זעה פאר וואס זי שענדט דיך ניט.

* * *

ווען דער נאר קוועלט פון דיינע א חכמה, האסטו געזאגט א נארישקייט.

* * *

פרעג א פרוי ווי יונג זי איז, דען זי ליעבט ניט צו זאגען איהר עלטער.

* * *

מאנכע מענשען פרעהען זיך אזוי מיט זיך, אז זיי לאכען אזש פון זיך.

* * *

הארטקייט איז אפט א מעלה, א דימענט איז אויך הארט און איז טהייער, דאך איז הארטקייט אליין ניט די גאנצע מעלה.

* * *

עס איז ניט די הארטקייט אליין
אין דימענט טהייער,
ער וואלט געווען א פראסטער שטיין,
ווען ניט זיין פייער.

* * *

ווען העברעאיש און אידיש וואלטען געקענט פערקלאגען דעם אידישען פאלק פאר „בינאמי“, וואלט ער זיי אפשר געמוזט ביידע אויסהאלטען.

א מענש ווערט דיר מאנכעס מאָל א שונא דערפאר, וואָס דו טשעפּעסט איהם ניט.

* * *

פּאָעזיע איז די קונסט צו זאָגען דעם אמת אזוי שעהן, אז די וועלט זאָל מיינען דאָס איז א ליגען, און זאָל זיך איינהערען.

* * *

עס איז מעהר קונסט אָנצוהאַלטען פריינד אלס זיי צו געווינען.

* * *

בעליידיג זיך ניט פון יעדער קליינינגקייט, קום בעסער ניט צווישען קליינע מענשען, וועסטו ניט דארפען ליידען.

* * *

מען מוז זיין שטארק צו קענען טראָגען די שווערע משא פון א גרויסען נאָמען, שוואכע מענשען קענען דאָס ניט איינהאַלטען.

* * *

צום וויטסטען וואָס די וועלט קען געהן מיט דיר איז ביז צו ד ע ם ז י י ט קבר. אָבער דאָס איז זעהר וויט.

* * *

ניט יעדערען בעגלייט די וועלט,
זי טהוט דאָס נור ווי איהר געפעלט.
א סך פערגעהען פון דער ערד,
און ניט מען זעהט און ניט מען הערט.
עס שלעפּט זיך דורכ'ן גאַס א פערד,
וואָס ניט ער ווייס און ניט ער שפּיערט
אוואו ער געהט און וואָס ער פיהרט.

* * *

דער נגיד עסט פרעמדע, דער אָרעמאַן עסט זיך אליין. ביידע טארען נאָך אזא עסען ניט „בענשען“.

דאָס בעסטע וואָס דער נאַר קען טהאָן, איז ווערען דיין פיינד און דאָס ערגסטע, וואָס דער חכם קען טהאָן, איז דיך איגנאָרירען.

* * *

עס לוינט זיך בעסער צו וויסען פאַר וואָס א פריינד איז דיר געוואָרען א פיינד, איידער צו וויסען פאַר וואָס א פיינד איז דיר געוואָרען א פריינד, דער לעצטער האָט געווים א פאַלשע כונה.

* * *

די ערשטע עברה איז די שווערסטע און די גרינגסטע.

* * *

די ערשטע ליעבע ווערט געבאָרען אין הארצען, די צווייטע — אין מח, די דריטע — אין ארבעל, די פערטע — אין גיהנום. דען וועה די ליעבע וואָס געהט אויף אַלע פיער!

* * *

א העלד איז דער, וואָס קען בעהערשען זיין ליידענשאַפט אין דער יוגענד און דער, וואָס האָט מורא פאַר איהר אויף דער עלטער, איז א טרוס.

* * *

ווען די, וועלכע מאַכען דיר נאָך, מאַכען דיר נאָך שלעכט, איז דאָס אפילו פאַר דיר קיין קאָמפּלימענט אויך ניט.

* * *

די הסכמה פון אן עם הארץ איז די ערגסטע קריטיק און דער אפּלאָוז פון לצים — א פערניכטונג.

* * *

דער דונקעלסטער טאָג איז דאָך ניט קיין נאַכט.

* * *

ליעבע מ א כ ט די וועלט און האס מאַכט איהר א י ב ע ר.

אַפּט טרעפט דאָס, אַז פּ א ר דער חתונה ש פּ י ע ל ט מען אַ ליעבע, און א ו י ף דער חתונה פ ע ר ש פּ י ע ל ט מען איהר.

* * *

דער לענגסטער שטריק איז אָפט צו קורץ.

* * *

ניט אַלע, וואָס „קריכען אויף די גלייכע ווענט" זיינען אינזעק־טען, אָפט זיינען דאָס געפעהרליכע מענשען.

* * *

אַ ווייב איז קרן, קינדער — פּראָצענט. מאַנכעסמאָל בעקומסטו אַ גרויסען פּראָצענט און ביזט ניט זיכער מיט דעם „קרן".

* * *

מאַנכע פרויען קוקען ניט ווען מען קוקט אויף זיי, און מאַנכע קוקען פאַר וואָס מען קוקט ניט אויף זיי.

* * *

דאָס רוב מענשען פערליערען זיך ווען זיי געפינען עפּעס און געפינען זיך זעלטען ווען זיי פערליערען עפּעס.

* * *

ווען איין נאַר ליובט, לאַכט מען זיך אויס, ווען צעהן טויזענד נאַרען ליובען, ווערט מען שטאַלץ.

* * *

אַז די מאַסע איז דום און אונוויסענד, טאָ וואָס פאַר אַ בעטרעף האָט איהר אַפּלאָדיסמענט.

* * *

כבוד איז צדקה. מאַנכע מענשען ווילען דאָס ניט געבען און מאַנכע ווילען דאָס ניט נעהמען.

* * *

דאָס רוב רעדנער פון דער אָרעמער גאַס זיינען בויך רעדנער.

דריי זאכען ברענגען ניט קיין נחת: לאנגע הענד, א לאנגע צונג און לאנגע אויערען.

* * *

דער גאנצער מענש איז זעלטען זאט. דען דאס, וואס שפייזט דעם גוף שפייזט ניט שטענדיג די נשמה.

* * *

דריי זארטען מענשען אונטערשיידען זיך שטארק, כאטש זייער בערוף שיינט צו זיין עהנליך, נעמליך: רעדנער, בערײידער און בערעדעוודיגע.

* * *

א פרוי קען האסען מיט איהר גאנצע ליעבשאפט און ליעבען מיט איהר גאנצען האס.

* * *

א מיאוס'ע פרוי האט מען פיינד אומזיסט און ליעבען א שעהנע קאסט טהייער.

* * *

ווען הינט בילען איז דאס אדער אויף אימיצען אדער אויף עפּעס, אבער מענשען קענען אמאל מאכען א גוואלד איבער גאר ניט.

* * *

ניט יעדער גאס-מענש איז א מענש אין גאס.

* * *

מיידלעך שרעקען זיך צו הייראטהען א בחור, וואס לויפט נאך נאך זיי.

* * *

ביכער געשריעבען אהן אן איינהאלט האבען ניט קיין אינהאלט.

* * *

דאס פאלק איז ווי א קינד: עס כאפּט דאס, וואס עס טויג ניט פאר איהם.

דער אַרבייטער קלעהרט, פאַר וואָס מען קלעהרט איהם ניט אויף גוט געגנוג און ער קלעהרט ניט, ווען מען קלעהרט איהם אויף שלעכט.

* * *

אַ אידעע, ווי אַ מיהל, גיט אַרויס זעמעל־מעהל און פסולת. באַק ניט פון די פסולת קיין קדוש־חלה.

* * *

ווען די מילך פון לעבען ווערט זויער, טויג דאָס אפילו פאַר קיין גאָמעלקעס אויך ניט.

* * *

די שטימע פון פאָלק איז די שטימע פון גאָט, אָבער די שטימע פון גאָט איז ניט די שטימע פון פאָלק, ווייל דאָס פאָלק הערט בעסער דעם טייפעל.

* * *

צעהל ניט די אייער וואָס די היהנער האָבען נאָך ניט געלעגט.

* * *

זיך דערטרינקען באַלד ביים ברעג איז אַן אונגליק און אַ חרפּה דערצו.

* * *

אַן אָבגעקאָכטע ציבעלע קען ניט בליהען.

* * *

עס איז ניט פיעל יאָהרען דו האָסטע געלעבט, נור וואָס דו האָסט אין זיי דערלעבט.

* * *

שוין ניט איין מענש האָט זיך דערטרונקען אין אַ טיעפע קעשענע.

* * *

די רייננסטע פּאָליטיק איז דאָך ניט דער רייננסטער אמת.

דער מענש האָט ניט בעשאַפען די קונסט אַליין, אַ סך געטער האָבען דאָס איהם געהאָלפען, דאָס איז געווען אין דער געטער־צייט פון דער געשיכטע; איצט אָבער מוז די קונסט זיין אין גאַנצען מענשליך.

* * *

דער קרומער מח בעגרייפט ניט פאַר וואָס מען קען איהם גלייך ניט פערשטעהן.

* * *

כל זמן דו האָסט דעם ליידיגען נום ניט צוקנאַקט, איז ער דער זעלביגער יחסן ווי דער פולער.

* * *

יעדער שטעקען האָט צוויי עקען, אָבער ניט אַלע צוויי עקען זיינען אַ שטעקען.

* * *

מעקענע איז אויך אַ נויטיגע זאַך, נור ניט פאַר פוטער־קוכען.

* * *

אויב דו האָסט ניט גאָט אין הארצען איז אומזיסט וואָס דו זוכסט איהם אין הימעל.

* * *

מיט'ן פערוואַסערען יענעמ'ס הייוועז קען מען אַליין ניט אויפגעהן.

* * *

עס איז בעסער פ אַ ר ' ן פאָלק צו שפיעלען איידער זיך צו שפיעלען מ י ט איהם.

* * *

מיר האָבען די ווערטער פון די נביאים, אָבער ניט די מעלאָ־דיע פון די לוים, דאָס ווייזט, אַז די פּאָעזיע לעבט לענגער ווי די מוזיק.

דער יענקי איז אַ מערקווירדיגע בעשעפענים, ער האַלט אין איין קייען טאַבאַק און ווערט קיינמאָל ניט ערביטערט.

* * *

דער אמת ערשיינט אַ נאַקעטער אין מיטען שבט און דער ליגען זוכט זיך צו פערדעקען אפילו אין תמוז. דער ערשטער לאַכט פון גרעסטען פראָסט, דער צווייטער האָט מורא פאַר'ן קלענסטען צוק.

* * *

די חופה איז אַ לעערער הימעל, די זון, לבנה און שטערען דאַרף דאָרט ערשט דער מזל אריינשטעלען. וועה ווען ער פערציהט דעם הימעל מיט וואָלקען!

* * *

אויב דו ווילסט כאַפּען אַ פיש אום איהם אויסצולערנען לעבען אויף דער יבשה, טאָ לעג בעסער אוועק די ווענטקע, דען עס איז אַ רחמנות אויפ'ן וואָרים און אַ שאָד דיין צייט.

* * *

דעם טעפּער אַרט ניט ווער עס וועט ניצען זיין טאָפּ און וואָס מען וועט אין איהם קאָכען, ער זעהט נור די כלי זאָל פון זיינע הענד ארויסגעהן גאַנץ.

* * *

ווען דו טרויסט ניט קיינעם איז קיין בעוויז, אז מען מעג טרויען דיר, און ווען דו טרויסט אַלעמען איז אַ מורא דיר צו טרויען, מען מוז אמאָל טרויען אימיצען.

* * *

„נויט ברעכט אייזען" — ניט אימער; אָפט פוילט זי זיך איבערצורייסען אַ שטרוי.

* * *

צום ערשטען קריגט דער מענש אַ נאָמען אומזיסט, שפּעטער מוז ער איהם פערדיענען.

געה ניט צופיעל לינקס און ניט צופיעל רעכטס, וועהל דעם גאָלדענעם מיטעל־וועג און געה! יא, געה, דען געהן איז די הויפּט־זאַך, קוים בלייבסטו שטעהן, דערגעהסטו ניט.

* * *

רייד קיינמאָל ניט אויף יענעם אין יענעם'ס אבוועזענהייט, ווייל דו זעהסט ניט ווער עס שטעהט דיר הינטער'ן רוקען. זאָג שטענדיג דעם אמת יענעם אין פּנים, דאַן וועט איהר זיך ביידע קענען.

* * *

דער גאָט פון ליעבע איז אָנפאַנגס אַן אונשולדיג קינד, אביסעל שפּעטער ווערט ער אַ שטיפער; גאָר שפּעטער ווערט ער אַ יונגאטש און ווען מען לאָזט איהם צופיעל פריי, ווערט ער אַ פערברעכער.

* * *

דאָס פאָלק איז פונקט ווי גאָט. צום פאָלק רעדט מען אומזיסט און ביי גאָט בעט מען אומזיסט. ניט דאָס פאָלק העלפט זיך אַליין. ניט גאָט העלפט אַנדערע, דאַך האָט מען אמונה אין ביידען.

* * *

די גרעסטע נארישקייט פון אַ חכם איז דאָס, וואָס ער וואונ־דערט זיך פאַר וואָס דער נאַר האָט מעהר פריינד פאַר איהם, און די גרעסטע חכמה פון דעם נאַר איז דאָס, וואָס ער וואונדערט זיך ניט פאַר וואָס ער האָט ניט קיין שונאים.

* * *

וועהל דיינע פריינד, דאַן וועהל זיי ווידער און ווידער, און ווידער, און דאַן — וועהל אויס פון די אויסגעוועהלטע איינעם, אויב דו קענסט; און אויב דו קענסט ניט, טאָ זעה כאָטש וואו דו האָלסט מיט דיין אייגענע פריינדשאַפט, דען דער גרעסטער שונא איז אָפט דער מענש זיך אַליין.

די הויפּט אינסטיטוציעס פון אַ מדינה זיינען איהרע שפּייכ־לערס, ניט איהרע אוניווערזיטעטען, און איהרע בעסטע ארגומענטען — איהרע זאַטע קינדער.

* * *

זאָג וואָס די וועלט זאָגט, און זי וועט זאָגען וואָס דו זאָגסט. וועה, ווען דו לערענסט איהר אַ נייעם וואָרט!

* * *

ווען אַ צווייטער טהוט דיר וועה
איז כאָטש פּאַסיג דיין געשריי,
דאָך ווען דו אַליין שאַד'סט זיך
איז דיין שרייען לעכערליך.
אַלע שפּאָטען פון דיין צער
און דו בלייבסט אַ בייזער נאַר.

* * *

עס מאַכט ניט אויס וואָס ביי דיר הייסט „גאָטהייט", אַזוי לאַנג ווי דו פערגעטערסט דאָס ניט, דען עס איז ניטאָ אַזאַ זאַך אויף דער וועלט פאַר וועלכע דו דאַרפסט זיך ערניעדריגען. אפילו דעם אמת אַליין טאָר מען אויך ניט ליבען ווי אַ געצען־דיענער. קענסט איהם פיעל בעסער דיענען מיט אַ געהויבענעם קאָפּ ווי מיט געבוי־גענע קניע. „גאָט פאַנגט זיך אָן דאָרט, וואו דער מענש הערט אויף", אָבער דער מענש קען קיינמאָל און אין ערגעץ ניט אויפהערען, זיך ניט אויסשעפּען און ניט בטל ווערען, וואו זיין פאַנטאַזיע איז דאָ, איז ער אויך דאָ. ער מוז אומעטום בלייבען שטאַנדהאַפט און פעסט ביי דאָס מענשליכע, ווייל דאָס איז דאָס געטליכע אין מענשען און דאָס מענשליכע אין דער גאָטהייט, וואו דאָס הערט אויף, הערט אַלעס אויף, — זיי אַ מענש!

שלאָג זיך דאָס ארויס פון זינען,
און ניט ניץ אומזיסט די שעה! —
קענסט אין גאַנצן קיין זאך געפינען
וואָס אין מענשען איז ניטאָ.

* * *

— דו זעהסט, — האָבען געזאָגט עטליכע צום ריכטער. איהם טרעפענדיג אין גאַס — דו האָסט אַמאָל יענעם גנב פעראורטהיילט און ער געהט נאָך אַלץ ארום און גנב'עט.

— איך קען ניט העלפען, — האָט דער ריכטער געענטפערט — איך האָב געטהאָן מיין פפליכט, דאָס איבריגע ווענדט זיך אָן אייך: לאָזט זיך ניט בע׳גנב׳ענען!...

* * *

עס איז ניט די פראגע אין וואָס דו גלויבסט ניט, נור אין וואָס דו גלויבסט יא. דען אויב דו גלויבסט אין גאָר ניט, קענסטו גאָר ניט אויפטהאָן און האָסט גאָר ניט צו ערוואַרטען. דאָס ערגסטע איז דאָס, ווען דו גלויבסט אין גאָרניט, גלויבט דער „גאָר־ניט" אין דיר און דו פּלאָנטערסט זיך דאָ נור אומזיסט אונטער די פיס.

* * *

— דאָס איז גאָלד, — האָט געזאָגט איינער ווייזענדיג אויף א פּראָסטען שטיין.

— דאָס איז גאָר ניט, — האָט געזאָגט אַן אַנדערער מיט כעס.

זיי זיינען ביידע געווען אונגערעכט. מען מוז אָנרופען די זאַך מיט איהר ריכטיגען נאָמען.

* * *

עס האָט נאָך קיין רעכטער „זשאַרגאָן"־שרייבער ניט אַגיטירט פאַר העברעאיש.

אָן אַלטער בעטלער האָט זיך בעריהמט, אַז דעם קעניג'ס יונגע טאָכטער האָט זיך אין איהם שטערבליך פערליעבט.

— דו ביזט אַ געמיינער ליגנער! — האָט איינער פון די צוהערער פּראָטעסטירט.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דער אַלטער בעטלער איז גאָר געווען אַ יונגער פּרינץ, ער האָט זיך בלויז פערשטעלט.

—איך זיך קיינמאָל ניט צו מאַכען יענעם פאַר אַ ליגנער!

* * *

דאָס רוב בעצאָהלבאַרע טהעאַטער־שטיקער בעשטעהען פון שטיקלעך.

* * *

בטלנים האָבען געמאַכט פון כותל מערבי דאָס זעלביגע וואָס פון גאַנצען יודענטהום.

* * *

אַ גאַנץ יאהר זיינען די אַמעריקאַנער אידישע שוהלען (סינאַגאָגען) קנאַפּע יחסנים, ימים נוראים קריעגען זיי „הערנער“... (שופרות).

* * *

רעפאָרמירטע אידישע געמיינדען קלייבען זיך אַרויסצוּוואַרפען פון זייערע טעמפּלען דעם כל־נדרי־נגון. מערקווירדיג! די רעפאָרמער האָבען שוין דאַכט זיך אַרויסגעוואָרפען דאָס גאַנצע אידישקייט און געפינען נאָך אַלץ וואָס אַרויסצוּוואַרפען. ווען װעלען זיי ענדליך זיך אַליין אַרויסוואַרפען פון טעמפּעל און זיך אַריינוואַרפען אין קירך און אויפהערען שפּיעלען מיט גאָט און ווערפלעך?

* * *

לאָז זיך ניט צו ניעדריג אַרונטער, עס וועט דיר שפּעטער זיין צו שווער זיך אַרויפצוהויבען.

פרייהייט איז א שעהנע מיידעל, אבער ניט אזוי נאאיוו ווי זי שיינט.

* * *

ניט אלץ, וואס דער מענש פערליערט, איז כדאי צו זוכען, און ניט אלץ, וואס ער זוכט, איז כדאי צו געפינען, און ניט אלץ וואס ער געפינט איז כדאי אויפצוהויבען.

* * *

מאנכע מענשען ווערען מיעד זוכענדיג און נעהמען ענדליך אלץ, וואס זיי קענען נור געפינען.

* * *

זוכען איז דער גרויסער צוועק,
גליקליך ביסטו ווען דו זוכסט,
ווען דו גריבעלסט, קרעכצסט און פלוכסט,
און בעגעגענסט זיך מיט שרעק.
דאך ניט מיין, אז דו געווינסט
ווען דו נעהמסט וואס דו געפינסט!

* * *

די לעבעדיגסטע צייט פון מענשענס לעבען איז דאן, ווען ער האט קיין צייט ניט.

* * *

דיין קלינגסטער ווארט קען זיין דער, וואס דו האסט נאך ניט געזאגט. בעדענק דיך איידער דו רעדסט איהם ארויס.

* * *

פערשווייגען איז אפטמאל א טוגענד, פערדרעדען אן איינפאל, פערדרייהען א געזונד און פערצייהען א געטליכקייט.

* * *

אום צו קענען בלייבען מוז מען פריהער זיין.

רעגיערונגען געברויכען צופיעל פייער צו בעשיצען זייער וואסער.

* * *

גליקליך איז דער, וואס ווייס ניט ווי אונגליקליך ער איז.

* * *

דער מענש לעבט נור כל זמן ער ליעבט.

* * *

אפילו די שעהנסטע פרוי קען אויך ניט געבען מעהר ווי איהר ליעבע.

* * *

די הייראטה מאכט אפט פון צוויי מענשען, וואס האבען זיך ניט געקענט, זיי זאלען זיך ניט וועלען קענען.

* * *

ליעב דיין שכן און פערליעב זיך ניט אין דיין שכנ'טע.

* * *

ווען דיינע שונאים טאדלען דיך פאר עולות, זעהסטו ערשט ווי גוט דאס איז וואס דו ביזט זיי ניט בעגאנגען.

* * *

קוק נור אויף אקטיארען וואו זיי שפיעלען, אבער ניט וואו זיי שפילענען. דען הינטער די קוליסען זיינען זיי מענשען.

* * *

דער יונגאטש פרעהט זיך, אז ער קען דיך טשעפען און דער ארענטליכער מענש, אז ער דארף דיך ניט בעריהרען.

* * *

ווען באנקען „ברעכען" ווערט דעם עולם ניט גוט קוקענדיג.

* * *

דער אפלאוז פון נארען אין א לויה־קאר.

אמעריקאַ האָט ניט קיין אַנטיסעמיטיזמוס, נור אַנטיסעמיטען, דאָס איז אַ גרויסער אונטערשיעד.

* * *

עס טרעפט אָפט, אַז אין דעם געלד־מענש פעהלט מענש.

* * *

די גרעסטע געשאַנק איז שענקען צוטרויען און די גרעסטע קאַרגשאַפט צו זשאַלעווען אַ גוט וואָרט.

* * *

„אַ פריינד אין נויט איז אַן אמת'ער פריינד". מאַנכע מענשען ליעבען טאַקע נור צו זעהן ווען זייערע פריינד זייַנען אויף צרות.

* * *

דער גרעסטער הערשער אין דער וועלט איז דער, וואָס קען בעהערשען זיך אַליין און דער נידעריגסטער שקלאַוו דער, וואָס דיענט אַ קאַפּריז.

* * *

ווען די מענשען גלויבען נור אַז דו ביזט אַ גאָט, רוקען זיי זיך שוין אָב פון דיר, און דו קענסט ניט בעשטעהן צו בלייבען אַליין. ווייז שטענדיג, אַז דו ביזט אַ מ ע נ ש.

* * *

וועה, וועה דיר ווען דו ביסט אַ גאָט
און האָסט קיין אייגענעם „זבול"!
און זוכסט צו געבען דיין געבאָט
אויף אַ געשענקטען שטוהל.

וועה, וועה דיר ווען דו ביסט אַ גאָט
און מוזט מיט מענשען זיין!
עס ווערען דיינע „לוחות" שפּאָט
און דיינע „וועלטען" פּיין.

דער נאר וויים קיינמאָל ניט וועלכען נומער היטעל ער טראָגט, ער מעסט אָן אַלע און פּרובירט זעהן אויב זיי פּאַסען איהם.

* * *

דער שעהנסטער נגון איז דער, וואָס דו קענסט איבערזיינגען, און די שעהנסטע נייעס — די, וואָס דו קענסט איבערברינגען.

* * *

מאַך דיינע פריינד און דיינע פיינד אַליין! פערלאָז זיך ניט אויף אַנדערע! דען זיי קענען אַמאָל פערבייטען די יוצרות און מאַכען פון דיינע פריינד — פיינד.

* * *

דיין גרעסטער טרייסט אויף דיין שמערץ ווען דו דערוויסט זיך אַז דו וויסט ניט איז דאָס, וואָס דו וויסט דאָן, אַז קיינער וויים ניט.

* * *

ביכער, פונקט ווי מענשען, דאַרפען ניט געאורטהיילט ווערען לויט זייערע דיקע בייכער און גראָבע רוקענס. גאַנץ ישעיה פערנעהמט בלויז 28 בלעטלעך, דער נביא עובדיה איז נור איין איינציג בלעטעל, האמלעט בעשטעהט פון 57 בלעטלעך, דער תהלים — פון 33 בלעטלעך און היינעס „בוך דער ליעדער" פון 100 בלעטלעך. געטהע'ס שעהנסטע לירישע ליעד „איין גלייכעס" בעשטעהט פון אַכט שורות. דאָס מיינט נאַטירליך ניט, אַז אַ „שיר המעלות" און אַ לוח זיינען דערפאַר אונשטערבליכע ווערק ווייל זיי זיינען קליין און דין. אַ ווילנער אַלטער ש"ס איז דאַגעגען אַזוי דיק און פול, אַז ער וואָלט קוים אַריין אין אַ „פראָנט רום" פון אַ ניו יאָרקער טענעמענט־הויז און די „ענציקלאָפּעדיא בריטאַניקאַ" קענען זיך טויזענד מענשען ניט אויסלערנען אויף אויסווענינ ווען יעדער איינער פון זיי זאָל אפילו קענען אַ גאַנצע בלאַט אויף אויסווענינ. קונסט־ווערק ווערען אַנדערש בעטראַכט ווי תורה־ביכער.

זיי ניט מקנא די, וואָס לאַכען שטענדיג, ווייל זיי וועט דאָס וויינען אָנקומען שווערער.

* * *

לאַך, אָבער זיי ניט לעכערליך!

* * *

גרויסע פריידען און גרויסע ליידען קענען ניט ריידען.

* * *

א „פיינער מאַן", פונקט ווי אַ גרויסער מאַן, איז ניט שטענדיג א גוטער מאַן.

* * *

דער נאַר זוכט צו מאַכען אונוויכטיג יענעם, דער חכם צו מאַכען וויכטיג זיך.

* * *

גוט הערען איז אַ גוטע זאַך, אבער בעריהמען זיך מיט אויערען איז אומזין.

* * *

אויף די מוזיק פון קעשענע איז דער גרעסטער עם הארץ א מבין.

* * *

מאַנכע מענשען מיינען אז עס איז אַזוי שווער צו זיין עהרליך, אז זיי ווילען דאָס גאָר ניט פּראָבירען.

* * *

מענשען דאַרפען ווער עס זאָל זיי פאַרשטעלען, זיך אַנשטעלען קענען זיי אַליין.

* * *

געדרונגענע זאַכען און געצוואונגענע זאַכען זיינען ניט שטענדיג געלונגענע זאַכען.

פערצווייפלען איז דיא נארישסטע ראכע, וואס דער מענש קען נעהמען פון לעבען, און קעמפפען — די נאבעלסטע.

* * *

מאנכע מענשען פערגעסען זיך אזוי טראכטענדיג פון גליק, אז זיי מיינען זיי זיינען שוין גליקליך.

* * *

דער חכם דענקט אז מענשען זיינען דאס, וואס זיי זיינען. דער שוטה — אז זיי זיינען ניט וואס זיי זיינען.

* * *

מיין ניט, אז עס איז א חרפה אדער א פערברעכען, דו זאלסט מיינען אנדערש ווי דו האסט געמיינט. דו מוזט אבער דיינע איבערגעמיינטע מיינונגען מיינען.

* * *

עס איז קיין נארישקייט זיך צו האלטען פאר ניט קיין גרויסען חכם, און א ווילדע דומהייט זיך צו האלטען פאר א נאר.

* * *

דאס שעהנסטע אין א שעהנע פרוי איז, אז זי זאל אליין ניט וויסען ווי שעהן זי איז. אבער דאס איז די זעלטענסטע זעלטענהייט, ווארים די מענער דערצעהלען דאס איהר.

* * *

ווען דו טאנצסט אויף אלע חתונות, קענסטו זיך אויף קיין חתונה לאנג ניט פרייען און מען קען זיך ניט לאנג פרייען מיט דיר.

* * *

דו צאהלסט טהייער פאר א נאמען און ווען דו האסט איהם, מוזטו איהם היטען אומזיסט.

* * *

קאנאנען דיקטירען און היסטאריקער שרייבען.

דער, וועלכען דו קענסט כאפּען ביי א ליגען, איז ניט קיין גרויסער ליגנער.

* * *

דאָס רוב „כלל־טהוער" האָבען א כלל צו „טהאָן".

* * *

פוּץ ניט דיין ווייב, וועט זי דיר אליין ניט געפעלען, פוּץ איהר יא, וועט זי געפעלען אנדערע אויך.

* * *

ווען דער לומפּ זאל דיך ניט זידלען, מיינט ער אז ער האָט ניט וואָס צו טהאָן און דער אָרענטליכער מענש זוכט וועמען צו לויבען.

* * *

פאַר מאנכע מענשען איז די וועלט אזוי גרויס, אז זיי פערליערען זיך אין איהר און פאַר מאַנכע אזוי קליין, אז זיי האָבען זיך ניט וואו אהינצוטהאָן.

* * *

ווען די ליעבע פערבלאַנדזשעט, ועסטו איהר אומזיסט זוכען צו געפינען אין תאוה.

* * *

„ניינציג פּראָצענט שרייבער שרייבען נאַרעשקייט און צעהן פּראָצענט קריטיקירען די נאַרעשקייט". די גאַנצע וועלט אָבער לעזט דאָס.

* * *

צרות זיינען די זאַלץ פון לעבען. קיין וואונדער וואָס זיי טרייבען א סך מענשען צום „טרינקען".

* * *

א טראָסט אויף ברויט מיינט ניט קיין טראָסט אויף נויט אָדער טויט, די לעצטע קריגט דער עולם ביליג — אומזיסט.

ביטען א שעהנע פרוי אויף א שעהנערע, איז פונקט ווי בייטען א מיטוואָך אויף א דאָנערשטאג.

* * *

„אז מען לעגט זיך מיט הינד שטעהט מען אויף מיט פליי“, אבער אז מען לעגט זיך מיט פליי שטעהט מען ניט אויף מיט הינד. א סך מענשען פערשטעהען דאָס ניט.

* * *

ווען די מיאוס'ע פרוי זאָל וועלען, קען זי גיכער אָבנאַרען איהר מאַן, ווייל די שעהנע היט ער אַליין און פאַר א מיאוס'ע, גלויבט ער, היטען זיך אַנדערע. ער פערגעסט אָבער, אז אין דער פינסטער זיינען אַלע קעץ גרוי.

* * *

דער דייטשער דיכטער אפרים לעסינג זאָגט: „וואַסער וואַרפט אום די גרעסטע בוימער, שנאַפּס איז שטאַרקער ווי וואַסער, וואָס איז דאַרום דער וואונדער וואָס שנאַפּס וואַרפט מיך אום?“ א סך מענשען אָבער פאַלען גאָר דורך טינט.

* * *

איהר מעגט זינגען העכער
די גבורה פון בעכער!
מיין ליעד איז געזינגדער,
איך זינג פון דעם טינטער.
איין טראָפּען טינט קען,
איין קריץ מיט דער פען —
אי וואַרפען, אי שטעלען,
אי פיעלעס בעפעהלען.
האָך טינט! קראַפט און פייער,
ביסטו פריי, איז פרייער
דעם מענשען'ס געדאַנק....
האָך טינט! גאָט'ס געשאַנק.

דער רייכער פערשטעהט ניט פארוואס די וועלט פרעהט זיך ניט מיט איהם און דער ארעמער — פארוואס זי ווייגט ניט מיט איהם. די וועלט האט אבער קיין צייט ניט. זי קלערט גארניט פון וואנען זיי נעהמען זיך ביידע.

* * *

געווינען א פרוי'ם ליעבע איז ווי איינגעהמען א פעסטונג. דיכטער זיינגען די שפיאנען פון ליעבע, זיי זוכען די „פעסטונג" צו בעשרייבען, אראבנעהמען פון איהר א קאפיע. אבער באמבארדירען זי מוז מען מיט גאלד.

* * *

די בעסטע זאך פאר אן אונריינעם געוויסען איז חרטה.

* * *

א לויזע צונג ברענגט אפט געבונדענע הענד.

* * *

איינע פון די געמיינסטע געמיינהייטען איז שילטען א טויבען און וויזען א בלינדען א פייג.

* * *

בעריידען איז אן עולה, ארייגריידען א חוצפה, איבערריידען אמאל א טוגענד און זיך צוריידען א בטלנות. צו וועכינג ריידען קומט דאס אלץ ניט.

* * *

די וואס „שפיעלען א ליעבע" זיינען נאך צו „גרין" צו וויסען, אז מיט דער ליעבע שפיעלט מען זיך ניט.

* * *

זאג א חכמה לאנגזאם און א נארישקייט אויף גיך.

* * *

פערברען ניט די בריקען הינטער זיך סיידען דו קענסט שווימען.

ניט אַלע וואָס האָבען „תנאים“ מיט'ן גליק האָבען מיט איהם חתונה.

* * *

עשירות איז ניט דאָס, נאָך וואָס דו יאָגסט זיך, נור דאָס, וואָס דו בעזיצסט.

* * *

קענען בעשטעהן איז פיעל בעקוועמער ווי קענען פערשטעהן.

* * *

דער נאַרישסטער אפיקורס איז דער, וואָס גלויבט ניט אין זיין אייגענע פעהיגקייט.

* * *

ניט יעדערער, וואָס האָט געלערענט געאָגראַפיע, ווייס וואו ער איז אין דער וועלט.

* * *

עס איז לייכטער מיט'ן גליק חתונה צו האָבען ווי זיך מיט איהם צו גט'ן.

* * *

די ליעבע קען ניט רעכענען און דער האַס איז צופיעל בעל־חשבון.

* * *

ווען דו היטסט ניט די צונג וועט זי דיר אויך ניט היטען.

* * *

אַ קאַץ לערענט אויס מאַנכע פרויען צו זיין די בעסטע בעל־הבית'טעס.

* * *

זוך ניט קיין „היתר“ אויף אַן עולה, ווייל דאַן בעגעהסטו צוויי עולות.

די מענשען ערניעדריגען דעם אמת און דער אמת דערהויבט די מענשען.

* * *

נאקעטקייט אין קונסט איז קיין זינד, אָבער אין טוגענדען — אַ חרפּה.

* * *

די וואָס פערדיענען ניט פערגינען ניט. פערדיען אַליין און פערגין יענעם און זיי אַ מענש.

* * *

דאָס בעסטע ווען דו טהוסט יענעם אַ טובה, איז דו זאָלסט עס באַלד פערגעסען, דען יענער וועט דאָס אויך ניט געדענקען.

* * *

דערצעהל ניט דאָס, וואָס אַלע ווייסען, סיידען דו קענסט דאָס דערצעהלען שעהנער און בעסער ווי אַנדערע.

* * *

דער חכם גלויבט יעדערען און טרויט ווייניגע, דער נאַר טרויט אַלעמען און גלויבט קיינעם ניט.

* * *

שפּיעלען אַ ראָלע אויף דער ביהנע מיינט ניט שפּיעלען אַ ראָלע אין לעבען; פערגעס קיינמאָל ניט דעם אונטערשייד צווישען דעם אַקטיאָר און דעם מענש.

* * *

זיי פּאָרזיכטיג ווען דו שיקסט אַ שדכן צום גליק, דען זיי קענען נאָךביידע חתונה האָבען און שולדיג וועסטו זיין.

* * *

דער יונגאַטש מיינט, אַז די וועלט האָט מיט אַ כיון אָרענטליכע מענשען, כדי ער זאָל האָבען וועמען צו טשעפּען.

די אומשטענדען זיינען זעהר אָפט ערגער ווי די מענשען.

* * *

מאנכע לייט האסען דיך דערפאר וואָס דו ליעבסט זיי ניט און ליעבען דיך ניט ווען דו האסט זיי ניט.

* * *

„לויב ניט דעם טאָג בעגינען און א פרוי באלד נאָך דער חתונה", און א נייע פיעסע נאָכ'ן ערשטען אקט.

* * *

זוך זיך ניט צו פערהערען מיט'ן „רבונו של עולם", דען יעדערער וועט זאָגען „גאָט איז גערעכט".

* * *

דער וואָס „מאכט" געלד איז א „געמאכטער מענש", אָבער דער וואָס פערדיענט איז אן עהרליכער מענש. דאָס איז א גרויסע נפקא מינה.

* * *

ביי מאנכע מענשען איז א סוד אזא שווערע זאך, אז זיי קענען דאָס ניט איינהאלטען.

* * *

א ווינטער אָהן פרעסט, א לאָזשי אָהן קעסט און א שמחה אָהן געסט זיינען ניט נאטירליך.

* * *

א איד טאָר אפילו קיין לומפ ניט זיין. די גוים מיינען, אז לומפעריי בעלאנגט נור צו זיי אליין.

* * *

דער באנקראָט אין „כבוד אב ואם" איז דער ערגסטער און ברעכען עלטערענס הארץ איז מעהר פערברעכען ווי „ברעכען" באנקען.

דער אונטערשיעד פון היימישע באנקעס און אמעריקאנער באנקען איז דער, וואס די ערשטע ציהען אן און די צווייטע שטויסען אב.

* * *

אמאל פלעגט אן אויסוואורף א איד ווערען א משומד, איצט ווערט ער אן אסימילאטאר. דאס איז פאר אידען א סך ערגער, דען אנשטאט צו ווערען „זייערער“ בלייבט ער אלץ „אונזערער“.

* * *

געהן איז לעבען, דערגעהן איז חכמה, אריינגעהן א נסיון, ארויסגעהן אמאל א קאפריז, אמאל א פרינציפ און אמאל כאראקטער, אבער פערגעהן איז טוידט.

* * *

דער ערפאלגרייכער מענש פערגעסט שטענדיג אן די אומשטענדען, וואס האבען דאס איהם געהאלפען ווערען, און שרייבט אלעס צו צו זיך אליין און דער שלים־מזל'ניק ווארפט אלץ די שולד אויף אנדערע.

* * *

פאראן מענשען, וואס דארפען ארבייט און פאראן ארבייט, וואס דארף מענשען. די הויפטזאך איז דער ריכטיגער מענש אויף דעם ריכטיגען ארט.

* * *

ווען דו האדעוועסט א הונד אין הויז, מעגסטו זיך שטענדיג ריכטען אויף א ביס, דען קיינער וועט דיר גאראנטירען, אז ער וועט ניט משוגע ווערען.

* * *

פערגעס און געדענק! דאס זיינען צוויי גרויסע כללים אין לעבען. פערגעס פערגאנגענע צרות און געדענק, אז עס האט געקענט ערגער זיין און אז עס קען בעסער ווערען.

דאָס רוב מענשען זוכען זיך גיכער צו יענעם צו ג ל י י כ ע ן אַנשטאָט זיך מיט יענעם א ו י ס צ ו ג ל י י כ ע ן.

* * *

מאַנכע מענשען זוכען אַ נאָמען און געפינען אַ „צונעמענים“.

* * *

שטעהסטע א י ב ע ר דער מאַסע קען זי דיך ניט זעהן, ביזטו ג ל י י ך מיט דער מאַסע פערשטעלט זי דיך, און ל ע ג ס ט ו זיך פאַר דער מאַסע — טרעט זי אויף דיר.

* * *

דו פערליערסט דאָס לעבען, זוכענדיג אונשטערבליכקייט און אַנדערע געפינען דאָס ערשט פאַר דיר, ווען דו קענסט דאָס פון זיי ניט נעהמען. מאַהן דארום אויף אַלע דיינע חובות כל זמן דו ביזט דאָ, דען אונשטערבליכקייט איז אַ פּראַזע. ווען דו שטאַרבסט, ביזטו געשטאָרבען און טויט ווי אַלע טוידטע.

* * *

דער נאַר זאָגט, אַז ער איז דאָס בכיון, ווייל עס בעצאָהלט זיך ניט צו זיין אַ חכם. ער וויל אָבער איהר זאָלט האַלטען זיין נאַריש־קייט פאַר אַ חכמה.

* * *

זיך א ר י י נ ל ע ב ע ן און א ר ו י ס ל ע ב ע ן ווענדט זיך מאַנכעס מאָל אָן דיר אַליין, אָבער ד ע ר ל ע ב ע ן — קיינ־מאָל ניט.

* * *

וואויהן ווי אַ הונד, עס ווי אַ פליעג און ארבייט ווי אַ פערד. (דער באָס צום ארבייטער).

— וואויהן ווי אַ פערד, עס ווי אַ הונד און פגר ווי אַ פליעג. (ארבייטער צום באָס).

— זייט מענשען! (די יוניאָן).

שונד איז קיינמאָל ניט רונד, נור שפּיציג ווי אַ דאָרן און רייסט די נשמה.

* * *

בינעזער נעהמען זיך אַרונטער די צעפּ, אידישע „רעוורענדס" — די בערד, אידישע ווייבער — די שייטלען, די מענשהיים ווערט אַלץ דערפון אַ האָר ניט בעסער.

* * *

דער אמת האָט ניט קיין פאָטערלאַנד, דערפאַר שלעפּט ער זיך אַרום אָהן אַ היים.

* * *

אַ נאַר זוכט ניט וואָס א י ה ם פעהלט, נור וואָס י ע נ ע ר האָט.

* * *

בעט אַ טובה און פאָדער גערעכטיגקייט. טהו דאָס קיינמאָל ניט פערקעהרט.

* * *

ליידענשאַפט שאַפט ליידען.

* * *

אַ שעהנע פרוי מאַכט אָפט מיאוס דאָס לעבען.

* * *

אייפערזוכט איז דער שאָטען פון ליעבע.

* * *

אַלטע פריידען, ווי אַלטע מוידען, רייצען ניט.

* * *

דער טייסטער איז דער גרעסטער מייסטער.

* * *

זאָג קיין פרעמדע זינד, וויל צוזאמען מיט דיינע אייגענע וועסטו האָבען צופיעל.

דער נאר מיינט, אז פרייהייט מאכט איהם פריי צו זאגען מבינות אויף חכמה.

* * *

א חכם זוכט צו לעבען, א נאר — „א לעב צו טהאן".

* * *

פון שלעכטע חברים זאלסטו וויכען און גוטע זאלסטו קלייבען.

* * *

מייד אויס א נאר און קריך ניט דעם חכם אין די אויגען.

* * *

איידער מענשען האבען זיך געקושט, פלעגען זיי זיך בייסען, דער קוש איז א ציוויליזירטער ביס.

* * *

ווען דו געפעלסט ניט זיך אליין, ביזטו ניט ווערטה צו געפעלען אנדערע.

* * *

א פערדארבענע הארץ איז שווערער צו קורירען ווי א פערדארבענעם מאגען.

* * *

געוועהן זיך איין צו בעצאהלען א חוב, אבער געוועהן זיך ניט צו זיין שולדיג.

* * *

ווען דו ריכסט זיך אלץ צו לעבען מארגען, האסטו ניט געלעבט נעכטען און לעבסט ניט היינט.

* * *

א פערשטאכענעם פינגער קען מען היילען, „פערשטאכענע אויגען" — שווערליך.

* * *

זארג פאר דיינע קינדער ווען זיי זיינען קליין, ווען זיי וועלען זיין גרויס, וועסטו דארפען זארגען פאר זיך.

קינדער דארף מען ערציהען אָבער ניט פערציהען.

* * *

ווען דו ווילט זיך בענוצען מיט דער יוגענד אויף דער עלטער וועסטו נאָך גיכער פערעלטערט ווערען.

* * *

בעטראַכט זיך ניט אלס דיין ווייב׳ס איינגענטהימער, וועט זי ניט דארפען זיין דיין אונטערטהאַן.

* * *

א געפאַלענע פרוי זינקט טיעפער ווי א שטיין אין וואַסער.

* * *

אַן עם הארץ איז ניט דער, וואָס איז ניט געבילדעט, נור דער, וואָס פעראַכטעט די בילדונג.

* * *

און זוכסטו געלד, וועסטו קיינמאָל ניט האָבען גענוג, און זוכסטו פרויען, וועסטו קיינמאָל ניט זיין גענוג פאַר זיי. אָדער דאָס גליק וועט זיין צו קנאַפּ פאַר דיר אָדער דו פאַר׳ן גליק. מעסיגקייט איז א גרונד.

* * *

ווען יענעם׳ס פרוי ווינקט צו דיר איז זי שוין ניט נור ניט יענעם׳ס פרוי, נור אפילו דיינע אויך ניט. טשעפּע זיך אָב פון איהר!

* * *

אויב דאָס גליק איז דיר ניט געטריי, טאָ קריך ניט צום אונ-גליק, דען דו וועסט זיך ערגער מאַכען.

* * *

דערצעהל ניט א נאַר, אז דיר איז גוט, דען ער וועט דיר מקנא זיין און דערצעהל איהם ניט, אז דיר איז שלעכט, דען זיין רחמנות איז געפעהרליך, דערצעהל איהם גאָר ניט!

גאָט האָט געמאַכט פייער מיט וואַסער אַלס די גרעסטע שונאים, איז געקומען דער מענש און געמאַכט אַ קעסעל, וואָס „קאָכט" זיך פאַר זיי און ברענגט די גרעסטע נוצען. אפילו שנאה קען פערוואַנדעלט ווערען צו גוטען.

* * *

זיי ניט צופיעל חבר מיט דיינע קינדער, דען זיי וועלען פאַר דיר קיין דרך ארץ ניט האָבען, און זיי ניט מיט זיי צו שטרענג, דען זיי וועלען פאַר דיר מורא האָבען.

* * *

האָדעווע ניט דיינע שוואַכקייטען, ווייל זיי וועלען זיך עלטער־רען מיט דיר און קענען דיר נאָך אָפטמאָל אריבערלעבען. זיי זיינען רעם גייסט'ס ממזרים, דו דאַרפסט זיי ניט.

* * *

די אָרעמע גאַס האָרעוועט און האַלט אוים די רייכע גאַס, וועלכע ארבייט ניט. דאָס וואָלט געווען אַ גרויסע צדקה, ווען דאָס וואָלט ניט זיין אַ יאָמערדיגע עולה.

* * *

דו קענסט ניט אויספּרובירען ווער עס זיינען דיינע אמת'ע פריינד סיידען דו ווערסט חלילה אומגליקליך. דאָס איז אָבער אַ פּראָבע, וואָס איז ניט כדאי צו מאַכען.

* * *

ווען דו מיינסט, אַז דו אַליין ביזט די גאַנצע וועלט, טויגסטו ערשט איצט אויף כפרות, דען עס איז אַ גרויסע סברא, אַז די וועלט איז גאָר ניט אזא צאַצקע.

* * *

דער גיהנום גופא וואָלט אפשר ניט געווען אזוי שלעכט ווען די ליידענדע וואָלטען געהאַט אַ יוניאָן, קען מען אָבער רשעים ניט פעראייניגען, און דער טייוועל בושעוועט.

ווען דו לעבסט דיינע שונאים אויף להכעיס, טאָ לעב גליקליך, דען זאָנסט וועלען זיי נאָך הנאה האָבען.

* * *

אמעריקאַ איז שטרענג געגען גרינע רעוואָלוציאָנערען. זי האָט מורא, זיי זאָלען דאָ אויך ניט ערביטערט ווערען און זאָלען ניט צוברעכען איהר שלעכטע רעגיערונג. זי האָט מורא מען זאָל דאָ ניט „ברעכען" מיט „גרינע גאַל"...

* * *

עס שטעהט אַ ריעזיגער פּאַיאַץ
ביי'ם פּאָרט פון דער מדינה
און האַלט אַ ברענענדען שטורקאַץ
צו לייכטען פאַר די גרינע,
זיי זאָלען זעהן דאָס „גאָלד'נע לאַנד"
וואָס האָט קיין חרפּה און קיין שאַנד.
צו יאָגען פון בעזונג'נעם ברעג
דעם וואָגלער פון אַ ווייטען וועג.

עס שטעהט דער שטומער פריוהייטס-געץ
מיט'ן גרויסען קופּערנעם שטערען.
ער לייכט דעם עלענדען, דער ליץ,
ער ווייזט אַ ים מיט טרעהרען...
ער ווייזט איהם אָן די גרויסע שטאָדט
וואו פריוהייט, ליעבע, לעבען, גאָט,
גערעכטיגקייט, געזעץ און וועלט
עס איז נור געלד און געלד, און געלד.

* * *

דאָס פאָלק איז ווי אַ פּויק: פּוסט און געשפּאַנט. מוזט דאָס שלאָגען עס זאָל זיך לאָזען הערען. דאָס מוז האָבען שטעקענס אנשטאָט אַ צונג, און קלאַפּסטו דאָס ניט, שווייגט דאָס.

דאָס ערשטע, וואָס ערוואַכטע פעלקער דערזעהען, איז זייערע הערשער.

* * *

דיינע האָפנונגען ליעגען אין דער פערגאַנגענהייט, דיין טעות אין דער צוקונפט און דיין ווירקליכקייט אין דער געגענוואַרט. רעכען זיך מיט איהר, זי איז דיינע.

* * *

פאַר מאַנכען „גרייז“ שטעלען זיך אפילו די האָר אויפ'ן קאָפּ. דיעזער שרעקליכער ש ט ע ל ע ן קומט פון „זעצען“. צום בעסטען פערשטעהען דאָס אידישע ליטעראַטען.

* * *

בעסער האָב דו דאָס געלד איידער דאָס געלד זאָל ד י ך האָבען.

* * *

דעם שטורם פון לעבען קען קיין וועטער־נביא ניט פאָראויס־זאָגען.

* * *

ווען דיך אַרט ניט ווי דו פיהרסט זיך, קענסטו זיך נאָך איבערפיהרען.

* * *

דער מענש מאַכט אַ שנאַפּס, דער שנאַפּס אַ מענשען — קיינמאָל.

* * *

„אָפענע אויגען“ און „אָפענע הענד“ זיינען מעלות, אָן „אָפענע מויל“ אַ חסרון.

* * *

נגידים מיינען, אַז רייכקייט איז שעהן, אין אמת'ן אָבער איז דאָס נור ניט מיאוס.

איין אמעריקאנער האט דערגרייכט דעם נארד פאל, א צוויי־טער זוכט צו דערגרייכען דעם זיד פאל, די רעגיערונג אבער „זוכט" צו גרייכען דעם „מאני" פאל (מאנאפאל) און קען ניט, זי פריהרט איין...

* * *

וואס מעהר דו וועסט וועגען די מענשען דענקען, וועסטו זיי אלץ קנאפער פערדענקען.

* * *

וואס דיפלאמאטען קייען און קאנאנען שפייען, וועט דער וועלט ניט בעפרייען.

* * *

הייראטה ניט א מאן, וועלכען דו זאלסט דארפען בעסערען. ווייל דו וועסט זיך ערגערען.

* * *

בעמיה זיך צו זאגען א ווארט, וואס זאל טויגען איבער־מארגען אויך.

* * *

מאנכע מענשען זיינען נור רייך אין חלום און זיינען שוין פערדארבען אויפ'ן וואהר.

* * *

ווען דו ווילסט די וועלט ניט בענייען, זוכסטו זיך נור אומזיסט צו עלטערען.

* * *

פאפולאריטעט, — א מעהרען איז אויך פאפולער, ווערט ער טאקע אן אבגעקאכטער.

* * *

א פרוי קריגט גיכער א דימענטענעם רינג איידער א פאפירע־נעם שטים־צעטעל.

ווען דער נאַר קען דיר ניט נאָכטהאָן, זוכט ער דיר צו טהאָן נאָך.

* * *

ריידען צו דער מאַסע מיינט אַ מאַסע ריידען.

* * *

אַן אַלטער בחור מעג זיך זיין אַ „מענש", ער איז אָבער ניט קיין „מאַן".

* * *

בעסער אין אייגענעם לאַגער צו פערלירען איידער אין שונא'ס צו געווינען.

* * *

בעהאַלט דיין סוד אפילו פאַר דיינע אייגענע אויערען.

* * *

זוך ניט קיין גרונד פאַר ראַכע, ווייל דאָס האָט גאַר קיין גרונד ניט.

* * *

„כּאַבּאַר מאַכט בּלינד". נאַטירליך, די, וואָס נעהמען דאָס, קוקען אוים נאָך דעם זייערע אויגען.

* * *

דער הונד בילט אפילו אויף דעם ביין, וועלכען ער גריזשעט.

* * *

דער גרעסטער קאָמיזם פון לעבען איז, איהם נעהמען צו ערנסט.

* * *

קינדלען צופיעל מיט דער פעדער איז אויך ניט גוט.

* * *

ווען די מענער וואָלטען געקענט, וואָלטען זיי אפילו צוגענומען פון זייערע פרויען דעם פּלעזשור פון „ליגען אין קינפּעט".

פערשלים ניט דיין ברויט ווי דיינע דימענטען, דען די לעצטע קען געהמען א גנב און די ערשטע — א הונגעריגער.

* * *

מאַך די מענשען לאַכען, דען ווײנען קענען זיי אַהן דיר אויך.

* * *

לאָז זיך דיינע קינדער שפּיעלען, נור זיי װיסען, אז מיט קינדער „שפּיעלט מען זיך ניט".

* * *

ווען דו זוכסט א גאָט, טאָ זוך דיר אויס אזעלכען, וואָס דו זאָלסט קענען ליעבען און ניט אזעלכען, פאַר וועלכען דו זאָלסט דאַרפען מורא האָבען. אויב דו וועסט ניט געפינען איז אויך קיין אחריות. ליעב דעם מענש.

* * *

אַן אויסגעשפּיעלטער מענש איז ערגער ווי אַן אויסגעשפּיעלטע קאָרט, דען די לעצטע קענסטו געברויכען און זי קען נאָך אפשר געווינען אין א נייעם שפּיעל, דער ערשטער אָבער האָט מעהר קיין ווערטה ניט.

* * *

בעהאַלט די שטיינער, וואָס שונאים וואַרפען אין דיר, זיי זיינען גוט צו פלאַסטערען דעם וועג צו פריינדשאַפט.

* * *

פערליר זיך ניט, ווייל אויסער זיך אַליין וועסטו קיינעם ניט פעהלען און קיינער וועט זיך ניט בעמיהען דיר אויפצוזוכען. די פערלאָרענע זיינען פערלאָרען.

* * *

ווייך פון דיין פריינד, וואָס ווייכט ניט פון דיין פיינד, דען אינדירעקט איז ער דיינער א שונא, און צוזאַמען מיט דיין געגנער פערראַטה ער דיך.

האָסטו ניט קיין נאָמען ווייל דיך קיינער ניט קענען, און קענען דיך אַלע, הלואי וואָלסטו זיי ניט געקענט.

* * *

ווען דו אַרבייטסט פאַר קהל האָסטו ניט קיין בעל הבית, נור בעלי בתים. בעמיה זיך צו פערשטעהן דעם אונטערשיעד.

* * *

וואָס קלענער דער „מענש", אַלץ גרעסער דער ניט־פערגינער.

* * *

ווען דער אינטריגאַנט קען דיר ניט אַריינרוקען קיין מעסער, רוקט ער דיר אַריין אַ „שלום עליכם".

* * *

דער וואָס טראָגט זיין רעוואָלווער אין האַרצען איז געפעהר־ליכער ווי דער, וואָס טראָגט איהם אין „פיסטעל פּאַקעט", ווייל דעם צווייטען קענסטו ענטוואַפענען און דעם ערשטען ניט.

* * *

ווען דו ווערסט זיך שטאַרק מישב זיין וועגען זיך און די וועלט, האָט איהר זיך איינע די אַנדערע אין דר'ערד.

* * *

מעגסט ריידען גאַנצע טעג און נעכט
אַלצדינג, וואָס דיר געפעלט,
דער מענש בלייבט אַלץ אי גוט, אי שלעכט,
אזוי בלייבט אויך די וועלט.

פערבעסער פיעל דו קענסט און ג'נוג,
זיי ניצליך פאַר דיין דור.
דו ביסט ניט שטאַרק גענוג און קלוג
צו ענד'רען גאַנץ און גאָר.

* * *

וואו דער אמת הינקט, געהט דער שקר גלייך.

פאַל ניט אַראָב ביי זיך און הויב זיך ניט אויף פאַר אַנדערע, זיי אַזוי ווי דו ביזט, זיי אַ מענש.

* * *

מאַנכע מענשען פערמעסטען זיך מעהר ווי זיי מעסטען.

* * *

אַז דער נאַר וויל ווערען אַ בעל צדקה גיט ער זיך אַליין אַוועק.

* * *

קען דיך דער יונגאַטש ניט צומישען, זוכט ער דיר איבער צו מישען.

* * *

גין זיך צו טהאָן גוטעס מיט דיין גאָלד (אויב דו האָסט דאָס) וועסטו האָבען גין־גאָלד.

* * *

ווען דער נאַר איז בייז טהוט ער אַן עולה, און דער חכם ווייכט פון צאָרן.

* * *

אַ פרוי איז שטענדיג גרייט עפּעס צו דערצעהלען אַחוץ איהרע יאָהרען, זיי „דערצעהלט" זי ניט.

* * *

פערשווייג וואָס דו ווייסט ניט און זיי זיך מישב צו זאָגען וואָס דו ווייסט.

* * *

דער חצוף איז שטאָלץ אויף זיין חוצפּה, ווייל ער ווייס, אַז דער סטאַטיק קען דאָס איהם ניט נאָכטהאָן.

* * *

זיי ניט מקנא דעם קאַרגען זיין געלד, ווייל דאָס איז אַלץ וואָס ער האָט, און דאָס איז פערדאַמט ניט פיעל.

ווען די מאסע פאטשט „בראוואָ“ פראסקעט זי.

* * *

אַ פערלעגטע זאַך איז בעסער ווי אַ פערזעצטע.

* * *

האַלט זיך אָן אַן אַ באַרג ווען דו ביזט צווישען געפאַלענע, דען זיי קענען דיך נאָך ארונטערשלעפען.

* * *

אָפט בייטען זיי זיך מיט די ראָלען: דאָס לעבען טוידטעט און דער טוידט מאַכט לעבעדיג.

* * *

ווען די וועלט געהט ניט מיט דיר ביזטו אַ פערלאָזענער, און ווען דו געהסט ניט מיט דער וועלט, ביזטו אַ פערלאָרענער.

* * *

דער חכם לאַכט, דער נאַר — הירזשעט.

* * *

וואָס דער נאַר ווייס, איז ניט כדאי צו וויסען, און וואָס דער חכם ווייס ניט, איז אַ סטודיום.

* * *

פרויען זיינען די דימענטען פון דער וועלט, מען דאַרף זיי „ארייגזעצען“ אין גאָלד.

* * *

דייטשע אידען זיינען אידישע דייטשען. אמת'ע אידען זיינען א י ד י ש ע.

* * *

דער גלות־איד וואַרפט אפילו זיין אייגענע שולד אויף אַרויף אויפ'ן גלות. אָרעמער גלות! וואָס ער שטעהט דאָס נעבעך אוים פון די אידען!

ווען דער יונגאטש וויל א נאמען „פערדיענען“, ווערט ער גראב.

* * *

א פאהן, אויף וועלכע מען דארף „בלאזען“, אז זי זאל פלאטערען, איז קיין בלאז ניט ווערטה.

* * *

שטאנדהאפטיגקייט, — א פלאקען שטעהט אויף אויף דעם זעלבען שטאנדפונקט, און איז דאך א פלאקען.

* * *

מען קען גיכער פערבלאנדזשען אין די ווילדערניס פון לעבען ווי אין דעם געדיכטעסטען וואלד. מאך די פערנונפט אלס דיין וועגווייזער.

* * *

דו קענסט ניט אבנארען די וועלט, אז דו זאלסט ניט נארען זיך אליין, ווייל דו ביזט א טהייל פון איהר, און אזוי ווי דו ביזט דער נעהנטסטער צו דיין טעות, נארסטו זיך דער ערשטער.

* * *

פערלאנג ניט צופיעל פון דער געזעלשאפט, ווייל דו אליין וועסט אויך דארפען בייטראגען דערצו אזא גרויסען טהייל, וואס דו קענסט ניט בעהויפטען. געדענק, אז עס איז שטענדיג לייכטער צו פערלאנגען ווי צו דערלאנגען.

* * *

היט זיך פאר אנדערע, אבער נאך מעהר פאר זיך אליין, דען קענענדיג דיינע אייגענע שוואכקייטען, וועסטו זיך קענען לייכטער אבנארען און דו ביזט מיט זיך מעהר ווי מיט אנדערע.

* * *

די ערגסטע „געטער“ זיינען די, וואס ווילען קיינמאל ניט „אבדאנקען“, און ניט „מוחל זיין“.

אנטלויף ניט פאַר אַ הונד, ער וועט דיר נאָכלויפן, און שטעל זיך ניט געגען אַ טכויר. עס איז אַ חרפּה, דעם ערשטען זאָלסטו „דערלאַנגען" און דעם צווייטען — איגנאָרירען.

* * *

דער „באַרגיין קאַנטער" פון אידען האָט ניט פאַר דיר די ריכטיגע סחורה. דאָס רוב איז „עפּעס דער מעהר" מיט זיי. עס איז ניטאָ קיין מציאות אין אידעאַלען. וואָס טהייערער דו בעצאָהלסט פאַר אַ אידעע אַלץ בעסער איז זי.

* * *

ניט בעריהם זיך מיט דיין כח; אַ פערד האָט דאָס אויך. ניט שטאָלציר מיט דיין שכל; אַ פוקס האָט דאָס אויך. ניט האַלט זיך גרויס מיט דיין אַפּעטיט; אַ חזיר האָט דאָס אויך. ניט לויב זיך מיט דיין וואַכזאַמקייט; אַ הונד האָט דאָס אויך. בעריהם זיך גאָר ניט. זיי אַ מענש, און מענשליכקייט האָט נאָר דער מענש אַליין.

* * *

דער נאַר וועט בעסער זיך שאַדען איידער יענעם העלפען, און דער חכם וועט בעסער העלפען יענעם איידער שאַדען זיך. פערשטעה אַליין דעם אונטערשיעד.

* * *

פערהער זיך ניט מיט דער אונפערשעהמטקייט, זי וועט זיך דערמיט בעריהמען, און לאָך ניט פון דער שעהמעוודיגקייט, ווייל זי וועט דיר ניט ענטפערען.

* * *

אויב דו דיענסט די קונסט, ביזטו ווייט פון אַ „דינער".

* * *

זיי ניט צופיעל „פערשפּיצט", כדי דו זאָלסט ניט גרינג „אָבגעבראָכען" ווערען.

ווען דו הערסט, אַז דיין פרוי ליובט אַן אַנדערען, טאָ זעה, אַז זי זאָל דיך אויך ליובען, ווייל דאָס איז אפשר אַלץ, וואָס זי איז אויסען.

* * *

מאַנכער מיינט, אַז אַ פּרינציפּ איז גראַניט, און מאַנכער, אַז אַ

מאַנכער מיינט, אַז אַ פּרינציפּ איז גראַניט, און מאַנכער, אַז אַ פּרינציפּ איז גומעלאַסטיק. ענדליך האָבען זיי ביידע קיין פּרינציפּ ניט, איינער האָט אַ שטיין, דער אַנדערער — אַ פּילקע.

* * *

דאָס אייביגע ווערט צוויי מאָל לעבעדיג געבאָרען: איין מאָל אין דער נשמה, דעם צווייטען — אויף דער וועלט. דאָס דערוויי־ליגע איז צוויי מאָל אַ מיסגעבורט: פאַלש פערבונדען און פאַלש ענטבונדען — טויט!...